STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08484

FORHANG

Khaim Margoles Davidzon

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאַרהאַנג

זאַמלונג פון איינאַקטערס
דראַמעס - קאָמעדיעס - פאַרסן
הומאָריסטישע מאָנאָלאָגן
דעקלאַמאַציעס
און פאַבלען

פון

כאַים מארגאָלעס דאווידזאָן

ארויסגעגעבן דורכן פאָלקס־פאַרלאַג פון איקוף

ניו־יאָרק — איקוף פאַרלאַג — 1947

אַלע זאַכן אין אַט־דעם בוך זענען באַשיצט דורך „קאָפּירייט“.
אויפֿצופֿירן, דעקלאַמירן, אָדער פֿאַרלייענען זיי ביי עפֿנטלעכע אונטער־נעמונגען, אָן דער שריפֿטלעכער דערלויבעניש פֿונעם מעכאַבער, איז שטרענג פֿאַרבאָטן.
נאָך דערלויבענישן אויפֿצופֿירן די איינאַקטערס, אָדער צו באַנוצן די אַנדערע זאַכן פֿון דעם בוך, — זיך ווענדן צום מעכאַבער אפֿן אַנגעגעבענעם אַדרעס:

"FORHANG"

(CURTAIN)

Selection of One-Act Plays, Recitations, Monologues

Copyright by:
H. DAVIDSON
2855 Barker Avenue, Bronx 67, N. Y.

Published by "YKUF," 1947
Printed in U.S.A.
209

שאַר־בלאַט געצייכנט פֿון דעם קינסטלער י. זעלדין

דערקלערונג
פון מעכאַבער

כאַים מאַרגאָלעס־דאַווידזאָן

מיט דעם פאַרגעלייגטן בוך: פאַרהאַנג, קום איך איצט צו אייך, מיינע לייענער, אין אַ זשאַנר, וואָס איך האָב ביז איצט ניט פאַרעפנטלעכט. איך האָב באַשלאָסן איצט אַרויסצוגעבן אָט די זאַכן צוליבן מאַנגל אין שפּיל־מאַטעריאַל פאַר דראַמאַטישע גרופּעס. דערביי האָב איך אָבער אויך שטאַרק אינזינען געהאַט צו שרייבן די זאַכן אַזוי, אַז אויך דער לייענער פאַר זיך זאָל קאָנען האָבן פון זיי די זעלביקע גייסטיקע האַנאָע, פּונקט ווי ער וואָלט זיי געזען אויפגעפירט אַף דער בינע, אָדער געהערט פאָרלייענען.

איך האָף, אַז אָט דאָס איצטיקע בוך מיינס וועט פון אייך, מיינע פריינט לייענער, אויפגענומען ווערן מיט פּונקט אַזאַ וואַרעמקייט און פאַרגיטיקונג ווי אַלע מיינע פריערדיקע ביכער, און אַז יעדער צופרידענער לייענער וועט נעמען אַף זיך אַן אויפגאַבע צו פאַרשפּרייטן כאָטש אַ צוויי־דריי ביכער צווישן זיינע פריינט און באַקענטע, וואָס דאָס וועט זיין אַ גאָר גרויסע הילף פאַר מיר, און פאַר וועלכער איך וועל עפנטלעך דאַנקבאַר זיין...

איך בין זיכער, אַז יעדער איינער, וועמען איר וועט באַקענען מיט אָט דעם בוך און וועלכער וועט עס האָבן געלייענט אַ דאַנק אייך, — וועט אייך האַרציק דאַנקבאַר זיין פאַר דעם וואָס איר האָט עס אים פאַרקויפט. דערביי וועט איר אַליין אויך זיין צופרידן פון דעם באַוואוסטזיין, אַז איר האָט דורך דער פאַרשפּרייטונג פון עטלעכע עקזעמפּליאַרן מאַמאָשעסדיק געהאָלפן בויען און באַפעסטיקן די אידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע...

ביי דער געלעגנהייט וויל איך דאָ אויך מאַכן אַ דערקלערונג וועגן דעם, פאַרוואָס איך באַנוץ אין מיינע ביכער דעם פאָנעטישן אויסלייג, איינגעשלאָסן די העברייאישע עלעמענטן. לעצטנס זענען צו מיר אָנגעקומען אַ צאָל בריוו פון לייענער — אַ טייל מיט פריינטלעכע אָנפראַגעס וועגן דעם, אַנדערע מיט זידלערייען מאַמעש, פאַרוואָס איך בין אַזוי „מעכאַלעל" דעם „לאָשן־קודעש" און לייג אויס די העברייאישע ווערטער ווי זיי וואָלטן געווען אידיש. איינער האָט אַפילע געפרעגט, פאַרוואָס איך שמאַד זיך ניט און פאָטער אַן אייסעק (אָט אַזוי־אָ!)...

בין איך זיך מודע, אַז איך לייג אויס די העברייאישע עלעמענטן ווי אידיש, ווייל זיי זענען אידיש. איך האַלט, אַז ווען אַ וואָרט ווערט אַריינגענומען אין אַ שפּראַך און ווערט

אַ טייל פֿון איר, דאַרף עס קריגן די זעלביקע באַהאַנדלונג און בירגער־רעכט אינעם אויס־לייג, ווי אַלע אַנדערע ווערטער פֿון איר באַשטאַנד, אָן שום באַזונדערע „פּרימעטעס".

איך גלויב, אַז אידיש, ווי אַ מאָדערנע שפּראַך, טאָר ניט אָנהאַלטן קיין פֿאַרעלטערטע טראַדיציעס און געזעצן פֿון אַ שפּראַך, וועלכע איז געשאַפֿן געוואָרן מיט טויזנטער יאָרן צוריק, ווען מען האָט זיך נאָך ניט געקאָנט דערטראַכטן צו זעלבסט־הילכיקע בוכשטאַבן (וואָקאַלן). איך גלויב אַפֿילע, אַז פֿאַר העברייאיש אַליין וואָלט אויך געווען פֿיל געזינטער, ווען מען זאָל אין דעם לאָשן אַריינברענגען די וואָקאַלן, פּונקט ווי מען האָט אַמאָל אַריינ־געבראַכט די נעקודעס. איך בין זיכער, אַז אַ קומענדיקע פּראָגרעסיווע פֿירערשאַפֿט אין פּאַלעסטינע וועט דאָס פֿריער אָדער שפּעטער טאָן, קעדיי צו מאַכן צוגענגלעך און לייכט פֿאַר די ברייטע מאַסן דאָס דערלערנען פֿון דער שפּראַך.

אָבער איך קלייב זיך דאָ ניט צו געבן קיין אייצעס די העברייער ווי זיי זאָלן אויסלייגן זייערע ווערטער. קלאָר איז אָבער, אַז יעדע זעלבסט־רעספּעקטירנדיקע שפּראַך לייגט אויס די אַריינגענומענע פֿרעמד־ווערטער לויט אירע אייגענע געזעצן און טראַדיציעס, און ניט ווי זיי זענען געוואָרן אויסגעלייגט אין דער שפּראַך פֿון וועלכער זיי זענען אַמאָל גענומען געוואָרן, ספּעציעל נאָך ווען דאָס מאַכט שווערער און קאָמפּליצירטער דעם פֿליסיקן גאַנג פֿונעם לייענען.

העברייאיש אַליין, ווען זי נעמט אַריין אַ פֿרעמד־וואָרט אין זיך, אַסימילירט זי עס גלייך און לייגט עס אויס לויט אירע געזעצן. דאָ, פֿאַרשטייט זיך, קאָן איך זיך ניט ברייט אָפּשטעלן צו געבן מוסטערן, אָבער עס איז גענוג אָנצוגעבן אַ ביישפּיל פֿון עטלעכע ווערטער: „פֿהילאַדעלפֿהיאַ, טעלעפֿהאָנע, דאַווידזאָן", לעמאָשעל, שרייבט מען אין העב־רייאיש: „פֿילדלפֿיה, טלפֿון, דודזון" א. אַ. וו. פֿאַרוואָס זאָל מען אין אידיש יאָ אָנהאַלטן די פֿרעמדע „געבורט־צייכנס" ?...

געווען אַ צייט, ווען מען האָט די דייטשישע עלעמענטן אין אידיש אויך אויסגעלייגט מיט די „געבורט־פּרימעטעס", ווי די טאָפּל־בוכשטאַבן, שטומע בוכשטאַבן א. ד. גל. אָבער מיר האָבן זיך שוין באַפֿרייט דערפֿון און עס איז געווען צום געזונט און צום וואוילזיין פֿון אידיש. פֿאַרוואָס־זשע זאָלן מיר אָנהאַלטן דעם „הויקער" בענויגייע די העברייאישע עלע־מענטן אין אונדזער אידיש ?...

אַדראַבע, זאָל מיר ווער זאָגן, ווי פּראַקטיש, ווי גוט עס איז פֿאַר אידיש, ווען מען דאַרף לערנען טאָפּלטע געזעצן פֿאַרן אויסלייג. זאָל מיר ווער זאָגן, ווי גוט עס איז ווען מען שרייבט „געגט"... מען זאָל אַפֿילע זיין מיט צען קעפּ וועט דער לייענער ביים ערשטן קוק ניט וויסן וואָס דאָס מיינט און וועט עס מוזן לייענען עטלעכע מאָל, ביז ער וועט זיך כאַפּן, אַז דאָס איז אַ געמיש פֿון אידיש־העברייאיש. די ערשטע העלפֿט „גע" (דער פּרעפֿיקס) איז אויסגעלייגט לויט אידיש, מיט אַן „ע", אָבער די צווייטע העלפֿט — כאָטש זי האָט דעם זעלבן קלאַנג — האָט שוין ניט קיין „ע" (און געוויסע צייטשריפֿטן האָבן אַפֿילע באַזייטיקט דעם אַפּאָסטראָף). דאַן קומען די ווערטער: „נוגע, בולט, פּוגע, פּליטה", וועלכע דאָס ראָח לייענער לייענען ווי עס איז אויסגעלייגט, און ניט ווי זיי דאַרפֿן געלייענט ווערן: „נויגייע, בוילעט, פּויגייע, פּלייטע". דאָס לעצטע האָב איך ערשט אַנומלטן געהערט אַ ראַדיאָ־קאָמענ־טאַטאָר, וועלכער איז אויך אַ שרייבער אין אַ „גרויסער" אידישער צייטונג, אַרויסרעדן: „פּליטע", און לעצטנס איז מיר אויסגעקומען צו הערן ווי אַ געוויסער קולטור־טוער האָט די ווערטער „מעת־לעתן" איבערגעלייענט: „מאָעס־לעאוטן"... ערשט די אומפּראַקטישקייט פֿון לערנען קינדער, אַז „בעט" קומט מיט אַן „ע" ווייל עס איז אידיש, און „גט" — כאָטש עס האָט דעם זעלבן קלאַנג — קומט אָן אַן „ע", ווייל עס איז העברייאיש ; אַז זשאַבעס

שרײַבט מען מיט די וואָקאַלן „אַ" און „ע" און מיט אַ „ס" בײַם סאָף, אָבער „שאַבעס" — מיט גענוי די זעלבע קלאַנגען — שוין אָן די צוויי וואָקאַלן און גאָר מיט אַ „ת", ווײַל ס'איז העברעיִש. אַזאַ סיסטעם פֿון לערנען וואָלט עפּשער געווען פֿאַרשטענדלעך, ווען מען זאָל די העברעיִשע ווערטער דרוקן מיט עפּעס אַן אַנדער קאָליר, קעדיי זיי אויסצוטיילן פֿון די איבעריקע, אַנדערש ווי וועט דאָס קינד (און דערוואַקסענער) וויסן צי קומט דאָ יאָ אַ וואָקאַל, אָדער ניט?

קלוגעטשקע אידן קומען אָפּט מיט קלוגע אײַצעס: „זאָלן די לייענער האַלטן אַ ווערטערבוך בעאײַסן לייענען און אַרײַנקוקן ווען זיי שטויסן זיך אָן אין אַ וואָרט וואָס זיי קענען ניט איבערלייענען, אָדער פֿאַרשטייען ניט." אַ פֿײַנע אײַצע, כ'לעבן, פֿאַר אַ „לײדיק־גייער"! דער מאַסן־לייענער — אַ מידער, אויסגעהאָרעוועטער שנײַדער, פּרעסער, היטל־מאַכער, קרעמער א.אַ.וו. איז צו מיד צו אַזעלכע זאַכן. אין בעסטן פֿאַל וועט ער דאָס „מאָדנע־אויסגעלייגטע" וואָרט איבערלייענען פֿאַרגרייזט און אַזוי וועט עס שוין בײַ אים פֿאַרפֿיקסירט ווערן. אַפֿילו דער אינטעליגענטערער לייענער, אויב עס וועט אים אָפּט אויסקומען זיך צו פֿאַרהיקען, אַז ער זאָל דאַרפֿן קעסיידער נאָכזוכן אין אַ ווערטערבוך, וועט ער זײַן בוך אינגאַנצן אַוועקלייגן.

איך ווייס פֿון מענטשן, וועלכע האָבן געקויפֿט שאָלעם־אַלייכעמס ווערק און זיך סאַקע געשמאַק צוגעכאַפּט צום לייענען. אָבער אַזוי גיך ווי זיי זענען נאָר צוגעקומען צו טעוויע דער מילכיקער און זיך אָנגעשלאָגן אויף די העברעיִשע ווערטלעך, האָבן זיי — ווײַל זיי האָבן פּאַשעט ניט געקענט צונויפֿשטעלן און איבערלייענען די ווערטער — פֿאַרמאַכט דאָס בוך און עס מער ניט געעפֿנט. ווער־זשע האָט דאָ געוואונען דערפֿון?...

די נעמלעכע קלוגעטשקע אידן, די דייע־זאָגער, וואָס האַלטן, אַז מען דאַרף אין אידיש אָפּהיטן די אויסנאַם־געזעצן פֿון אויסלייג פֿאַר די העברעיִשע עלעמענטן, וועט אַפֿילו ניט אײַנפֿאַלן צו פֿאָדערן פֿון אַנדערע שפּראַכן (ווי ענגליש, לעמאָשל), אַז מען זאָל די העברעיִשע ווערטער, וואָס זיי באַנוצן אַמאָל, אויסלייגן לויטן העברעיִשן — אָן וואָקאַלן. זיי וועלן ניט פֿאָדערן, אַז מען זאָל אין אַן ענגלישער שריפֿט שרײַבן: "Htkvh", ווײַל אין העברעיִש לייגט מען עס אויס „ה־ת־ק־ו־ה". דאָרט איז עס גאָר קיין „כּילול־האַקוידעש" ניט, אַז מען שרײַבט "Hatikvah" מיט וואָקאַלן, אָדער "Sabbath" און ניט "Sbth". בלויז פֿון אידיש — סײַ דערפֿאַר וואָס עס ווערט געשריבן מיט דער זעלביקער שריפֿט ווי העברעיִש, און סײַ צוליב זייער קאָנסערוואַטיוון קוק פֿון אויבן אַראָפּ אַף אידיש ווי אַף אַ דינסט־מויד, האָבן זיי די האָזע דאָס צו פֿאָדערן. בײַ זיי איז רעכט אָנצוהענגען אַף דער „דינסט־מויד" דער „באַלעבאָסטעס" אַלטע קרינאָלינע, כאָטש עס הענגט אויף איר ווי אַ זאַק (אגעוו, איז דאָס וואָרט „באַלעבאָסטע" גאָר קיין העברעיִש ניט כאָטש עס ווערט אויסגעלייגט לויט העברעיִש: „בעל־הביתטע"). אַי, אַ גרויסע צאָל אידיש־לייענער האָבן קנאַפּ, אָדער קימאַט גאָרניט געלערנט קיין העברעיִש, און דאָס ביסל וואָס זיי האָבן יאָ געלערנט, איז געווען באַפֿינטלט מיט נעקודעס; אַי, אָן נעקודעס, אָדער אָן וואָקאַלן קאָנען זיי אַזעלכע ווערטער ניט צונויפֿשטעלן, אָפּגערעדט פֿון איבערלייענען און פֿאַרשטיין? — דאָס אַרט ניט די „דייע־זאָגערס". פֿאַרקערט: זיי זענען שטאַרק צופֿרידן דערפֿון. וואָרים אויב די מאַסן וועלן דאַרפֿן האָרעווען באַם לייענען און ערשט עס ניט פֿאַרשטיין, וועלן זיי דאָך אינגאַנצן ניט לייענען און דאַן...

עמעס, אויך פֿיל פּאַשעטע אידן, פֿאָלקס־מענטשן (אײַנגעשלאָסן פּראָגרעסיווע), זענען קעגן אײַנפֿירן אויסבעסערונגען אין דעם אויסלייג, — כאָטש צוליב גאָר אַנדערע מאָטיוון, מערסטנס צוליב טראַדיציע און צוגעוואוינטקייט. צו אָט די דאָזיקע מענטשן צווישן מײַנע לייענער וויל איך זאָגן אָט־וואָס:

בײַ נאָרמאַלע פֿעלקער איז גאָר קײן נײַעס ניט אײַנצופֿירן אויסבעסערונגען און פֿאַרלײַכטערונגען אין זײער לאָשן און אינעם אויסלײג פֿון די װערטער. גענוג אַ קוק צו טאָן אין אַלטע ענגלישע ביכער צו זען די גװאַלדיקע ענדערונגען װאָס ענגליש איז דורכגעגאַנגען אין די לעצטע פֿאָר הונדערט יאָר. אָפֿט איז שװער צו דערקענען אַ געװיס װאָרט לױט װי עס איז אַמאָל אױסגעלײגט געװאָרן. נאָרמאַלע פֿעלקער שרעקן זיך אַפֿילע ניט אָפּ צו בײַטן זײער אַלט־נאַציאָנאַלן שריפֿט און אָנצונעמען אַ מער מאָדערנעם, קעדײ דאָס פֿאָלק זאָל עס לײַכטער קאָנען נוצן. די טערקן, לעמאָשל, האָבן ערשט מיט עטלעכע און צװאַנציק יאָר צוריק אָנגענומען דעם לאַטײנישן שריפֿט אָנשטאָט זײער פֿריערדיקן, דעם אַלט־אַראַבישן. אַפֿילע מיר אידן האָבן אין עזרעס צײַטן אױפֿגעגעבן דעם אַלט־סעמיטישן אַלעף־בײס (און מערקט אײַך: דאָס איז געװען דער שריפֿט אין װעלכן די „אַסערעס־האַדיבערעס״ זענען געװען אױסגעקריצט אַף די לוכעס! און אים פֿאַרבײַטן מיט דעם אַראַמישן שריפֿט — דער שריפֿט, װאָס װערט איצט פֿון קימאַט אַלע אידן באַטראַכט פֿאַר הײליק (אין פֿאָלקס־ליד: „טײַערינקע אױסיעלעך, הײליקע אױסיעלעך״). און עס איז גאָר קײן אַװלע ניט! אַז עס איז געװאָרן אידיש און אײגן, איז עס אױך געװאָרן ליב און הײליק...

און אױב מען האָט געמעגט אין העברײאיש, אין דעם הײליקן לאָשן, אָננעמען אַ נײַעם שריפֿט, קעדײ לײַכטער צו מאַכן פֿאַרן פֿאָלק דעם פּראָצעס פֿון לײענען, זע איך ניט אײן קײן שום „כילול־האַקױדעש״, קײן שום פֿאַרשװעכונג, װען מיר װעלן אין אונדזער מאָדערנעם אידיש לאָשן מאַכן אָט די קלײנע, אָבער זײער װיכטיקע אױסבעסערונג פֿון אײַנפֿירן אַן אײנהײטלעכן פֿאָנעטישן אױסלײג פֿאַר אַלע װערטער (איבערהױפּט די פֿון העברײאישן אָפּשטאַם), קעדײ פֿאַר קלײן און גרױס, פֿאַר דעם פּאָשעטן פֿאָלקס־מענטשן, פּונקט װי פֿאַר דעם גרױס־געלערנטן, צו מאַכן לײַכטער און פֿליסיקער דאָס לײענען...

איך האַלט דעריבער, אַז מיר, די שאַפֿערס אין אידיש, דאַרפֿן זען מאַכן װאָס מער צוגענגלעך פֿאַר די מאַסן דעם פּראָצעס פֿון לײענען. װאָרים פֿאַרשטײן די העברײאישע װערטלעך, װעלכע זענען געװאָרן אַ באַשטאַנד־טײל פֿון אידיש, פֿאַרשטײען זײ. דער אומגליק איז נאָר, װאָס זײ קענען די װערטער ניט איבערלײענען אין דער פֿרעמדער פֿאָר זײ אױסלײגעכץ. דער לײענער פֿאַרשטײט דאָס װאָרט „נױגײע״, אָבער בעשום אופֿן ניט אַ װאָרט „נוגע״, און נאָך אַזעלכע ענלעכע װערטער... איז װען מיר װעלן אָפּװאַרפֿן יענע פּרעטענזיעס, זיך באַציען מיט טיפֿן ערנסט צו אונדזער אײגענעם אידיש־קױדעש און אײַנפֿירן אַן אײנהײטלעכע אױסלײגעכץ פֿאַר אַלע װערטער, פֿון װאַנען זײ זאָלן ניט אָפּשטאַמען, — װעלן עס די מאַסן פֿיל לײַכטער, און דערפֿאַר אױך ליבער, אױפֿנעמען. דאַן װעט קאָנען געשאַפֿן װערן דער לײענער, אַף װעמען די אידישע ליטעראַטור װעט זיך קאָנען אָנשפּאַרן, און אונדזער אידיש װעט װידער אױפֿבליען. אַן אײנהײטלעכע אױסלײגעכץ אין אידיש פֿאַר אַלע פֿרעמד־װערטער, מעגן זײ קומען פֿון לאָשן־קױדעש, לאָשן־טערקיש, לאָשן־דײַטש, װעט אַרױפֿהײבן די כשיװעס צו אונדזער לאָשן און באַשאַפֿן אַ דערערך־ערעץ מיצאַד די זעלביקע, װעלכע באַטראַכטן אונדזער אידיש־קױדעש פֿאַר אַ דינסט־מױד...

אָט דערפֿאַר האַלט איך זיך בײַם אײנהײטלעכן פֿאָנעטישן אױסלײג און איך האָף, אַז איך האָב אין דעם די פֿאַרגיטיקונג פֿון דאָס ראָװ פֿון מײַנע לײענער.

כאַים־מאַרגאָלעס־דאַװידזאָן

ערשטער אָפּטייל

איינאַקטערס

אַ רעפּוע

דאָס קייטעלע

אַ ווייבל אַ בעריע

אַ גאַסט אין שטעטל

פּאָעזיע און פּראָזע

צדאָקע

אין שפּינס געוועב

נאָך דעם פּאַלן

אַ רעפּוע

[קאָמעדיע־פאַרס אין 1 אַקט]

אַ רעפּוע

(קאָמעדיע־פאַרס אין 1 אַקט)

אַנטיילנעמער אין דער שפּיל:

זאַלמען ....אַ איד פון אַ יאָר 50
גיטל ....זיין ווייב, מיט אַ פּאָר יאָר יינגער פון אים
מירל ....זייער פלימעניצע, אַ מיידל פון אַ יאָר אַכצן
פּריץ ....פעלדפעבעל פון דער דייטשישער אַרמיי
ברונאָ ....איינפאַכער סאָלדאַט אין דער אַרמיי

די סצענע שטעלט פאָר אַ פּאָשעטע אידישע שטוב אין אַ קליין שטעטל אין פוילן בעאייס די דייטשישע אַרמיי האָט עס פאַרנומען. עס איז פרייטיק צו נאַכט. אפן ווייס־געטישטעכטן טיש שטייען צוויי מעשענע לייכטערלעך מיט האַלב־אויסגעברענטע לעכט אין זיי. פון דרויסן הערט זיך נאָך אַ שיטער געשיסעריי פון ביקסן. זאַלמען שטייט לעבן אַ בענקל און פּאַקט אין אַ זאַק אַריין זאַכן, וואָס גיטל דערלאַנגט אים.

אַ רעפּוּע

זאַלמען: (זיפצט) עד־איי־איי, אַז איך האָב זיך געבעטן און געטאַינעט, אַז מען זאָל זיך פאַרנעמען און אַנטלויפן איידער די מאַלכע־כאַבאַלע קומען אַריין אין שטעטל, האָסטו ניט געוואָלט הערן. אַלץ מוירע געהאַט, מוירע געהאַט . . . איצט איז שוין צו שפּעט . . .

גיטל: פון גאָט און פון טויט קאָן מען ניט אַנטלויפן, זאַלמען. אויב עס איז אונדז באַשערט כאַלילע שלעכטס, וואָלט עס אונדז איבערגענומען ערגעץ אַנדערש . . .

זאַלמען: גאָט אַליין הייסט ניט זיך צו שפּילן מיט סאַקאַנעס נעפאָשעס. אידן לויפן פון זיי, דאַרף מען אויך לויפן. ניט אַריינוואַרפן זיך מיט די אייגענע הענט צום וואָלף אין פּיסק אַריין . . .

גיטל: אָבער וואָס שיסן זיי נאָך? זיי האָבן דאָך שוין פאַרנומען דאָס שטעטל, דאָס פּוילישע מיליטער איז דאָך שוין אָפּגעטראָטן ווער ווייסט ווי ווייט!

זאַלמען: באַרישע אידענע, וואָס דו ביסט! דערויף זענען זיי דאָך עפּעס דייטשן, נאַציס! דאָס שיסן זיי איצט ניט אָפן פּוילישן מיליטער, נאָר קעדיי אָפּצושרעקן דעם אידישן אוילעם וואָס איז געבליבן אין שטעטל. דאָס איז ווי אָנצוזאָגן אַלעמען: אידעלעך, דערעך־ערעץ פאַר אונדז, דייטשישע אויבערמענטשן! דערעך־ערעץ! . . . טפו, יעמאַך שמאָם! . . .

גיטל: אָמיין! אַז זיין זאָלן זיי שוין ניין איילן אונטער דער ערד, גאָטעניו!

זאַלמען: פון בלויזן געדאַנק צו זיין דאָ צוזאַמען מיט זיי, אונטער זייער מעמשאָלע, גליווערט מיר שוין דאָס בלוט! (זיפצט) עד־עד־ע, פאַרט געדאַרפט אַוועק פון דאַנען; געדאַרפט אַנטלויפן באַצייטנס . . .

גיטל: אָסער אויב איך פאַרשטיי, וואָס באַ דיר הייסט באַצייטנס...

זאַלמען: באַצייטנס הייסט, איידער די מערדער זענען אַריין אין שטעטל. באַצייטנס הייסט, גיין צוזאַמען און אינאיינעם מיט אַלע אַנדערע אידן...

גיטל: (וויינט) און איצט קומט אויס, כאַלילע, מעכאַלעל שאַבעס צו זיין.

זאַלמען: נו, דאָס, זעסטו, זאָל שוין זיין דיין לעצטע זאָרג. ווייסט דאָך, אַז פּיקועך נעפעש איז דוירכע שאַבעס...

גיטל: ווער האָט זיך גאָר געקאָנט פאַרשטעלן, אַז זיי וועלן אָט אַזוי גיך אַריין אַהער?! . . . סיי ווי סיי זענען מיר, זעט אויס, ניט די איינציקע, וואָס זענען אין שטעטל געבליבן. אָט! (זי ווייזט אים אָן דורכן פענצטער

צום דרויסן) זעסט, ביי רעב בעריש דעם קרעמער איז אויך ליכטיק! און ביי רעב כאַים דעם מעלאַמעד, און ביי כאַיע די בעקערן! אַ סאַך אידן זענען געבליבן אין שטעטל. מיין ברודער מיטן ווייב און מירעלע זענען נאָך אויך געבליבן . . .

זאַלמען: יאָ, אָבער איצט דאַרף מען זיך אַרויסגאַנווענען אונטער סאַקאָנעס נעפאָשעס און בעטן גאָט, אַז די דייטשן זאָלן אונדז כאָלילע ניט כאַפּן. וואָרים אויב, כאָלילע, יאָ, ווער ווייסט וואָס זיי קאָנען נאָך אונדז טאָן פֿאַר ווערלן אַנטלויפֿן פון זיי . . .

גיטל: פונדעסטוועגן, זאַלמען, זיי ניט אַזוי אַראָפּגעפֿאַלן. מיר האָבן אַ גרויסן גאָט אין הימל און ער וועט אונדז העלפן . . .

זאַלמען: מיילע־נו, פֿאַרפֿאַלן. וואָס עס וועט זיין מיט קאָל איסראָעל, וועט שוין מוזן זיין מיט רעב איסראָעל . . .

גיטל: (צעוויינט זיך מיטאַמאָל) אָפּגעלעבט אַ לעבן דאָ אין שטעטל, דאָ געבוירן און דערצויגן געוואָרן, קינדער געבראַכט **אַף דער וועלט, און איצ** אַף דער עלטער, נעם גאָר לויפן ווער ווייסט וואוהין . . .

זאַלמען: אידענע, וואָס האָסטו זיך אַוועקגעשטעלט וויינען אינמיטן דערינען? אומעטום איז גאָטס וועלט! מעלאָי קאָל האָאָרעץ קעוואָידוי! . . . לאָמיר זיך בעסער וואָס גיכער איינפּאַקן און כאָטש גרייט זיין . . . מירן זען וואָס און ווען . . . איך רעכן, אַז אינמיטן נאַכט וועלן מיר זיך קענען שטילערהייט אַרויסכאַפּן פון דאַנען און זיך פֿאַרנעמען צום מיזרעך צו . . . מען מוז אַנטלויפֿן, מען מוז . . .

גיטל: (וויינט) וואו וועט איצט אונדזער געביין פֿאַרוואָרפֿן ווערן, פֿאָטער אין הימל?! ווער ווייסט, צי מען וועט אַפילע צו קייווער איסראָעל קומען...

זאַלמען: (נערווירט) נו־יאָ, דאָ ביי די נאַציס וועלן מיר טאַקע יאָ קומען צו קייווער איסראָעל . . . (בייז) אַ־יאָ, די נאַציס, יעמאַך שמאָם, וועלן שוין אונדז באַזאָרגן מיט אַ קייווער, וואָס ניט נאָר וועט עס ניט זיין קיין קייווער איסראָעל, נאָר אַפילע ניט קיין קוואורעס כאַמויר — אַפילו ניט ווי די אייזלען . . . האָסט נאָך אַלץ ניט באַנומען וואָס די נאַציס טוען אָפּ מיט אידן? . . . (וויכער) נו, גיטעלע, וואָס איז פֿאַראַן איצט צו טראַכטן? נעם בעסער צונויף די נייטיקע זאַכן און לאָמיר גרייט זיין . . . (פויזע) מיסטאָמע וויל אַזוי דער רעבוינע שעל אוילעם . . .

גיטל: אוי, גאָטעניו־פאָטער, מיט וואָס האָבן מיר זיך אַזוי פֿאַרזינדיקט?

זאַלמען: גאָטס וועגן זענען פֿאַרבאָרגן און ס'איז ניט שאַיך זיי אָפּצופרעגן...

גיטל: וואָס נאָך האָב איך אינזינען געהאַט צו נעמען? (טראַכט) יאָ, די לייכטער! . . . אָבער ווי אַזוי נעמט מען זיי, אַז עס איז שאַבעס? . . . און אָן זיי — איך וועל דאָך ניט האָבן אין וואָס לעכט צו בענטשן . . .

זאַלמען: זע וועגן וואָס זי זאָרגט זיך! אידענע, ניט די לייכטער זענען דער

איקער, נאָר די לעכט! אַז עס וועט זיין לעבן, וועלן מיסטאָמע זיין לעכט. און אַז עס וועלן זיין לעכט, וועט מען שוין געפינען אין וואָס זיי אַרייַנצושטעלן און בענטשן . . .

גיטל: (נעמט אַרויס פון שאַפע אַ פּעקעלע, דערלאַנגט עס זאַלמענען) לייג דאָס אַריין, זאַלמען . . .

זאַלמען: (באַטאַפּט דאָס פּעקל) וואָס איז דאָס פאַר אַ פּעקל ? . . .

גיטל: (שעמעוודיק) דאָס, זאַלמען... דאָס זענען אונדזערע אייביקע קליידער...

זאַלמען: ווילסטו טאַקע מיטשלעפּן די טאַכריכים ? (אַ מאַך מיט דער האַנט) עט! נו, אַזאַ זאַך גאָר! . . .

גיטל: יאָרן לאַנג געזאַמלט אײדער מיר האָבן אָפּגעשפּאָרט אַף זיי, וועל איך דאָך זיי איצט ניט אַוועקוואַרפן, אָדער לאָזן אַף הפקר . . .

זאַלמען: (גיט זיך אונטער) נו מילא, זאָל שוין זיין . . .

גיטל: און אָט איז מיין קרבן־מינכע סידער און דאָס טייטש־כומעש . . .

זאַלמען: (צעגערט) דאָס אויך ? . . . נו, זאָל שוין זיין. כאָטש איך רעכן, אַז אויב מיר וועלן אַזוי וועלן מיטנעמען אַלץ מיט אַן אַנדער, וועט מען דאַרפן קריגן אַ פערד דאָס צו שלעפּן. עס וועט ניט זיין פאַר מיינע קויכעס . . .

גיטל: מען איז דאָך עפּעס אידן, דאַרף מען שלעפּן דעם פּאַק! אָבער בישקאָשע, זאַלמען. גאָט וועט העלפן. וועסט זען . . .

זאַלמען: (שמייכלט) נו־יאָ, גאָט וועט מיר העלפן טראָגן דעם פּאַק . . . (טראַכט) יאָ, וואָס האָב איך עס געהאַט איינזינען ניט צו פאַרגעסן מיטצונעמען כאַלילע ? לאָמיך נאָר זען . . . (דערמאָנט זיך) אָ־יאָ, דאָס פּעקל מיטן אַמעריקאַנישן „עקס־לאַקס“. (שמייכלט) נו־יאָ, שיין וואָלט איך אויסגעזען אָן דעם! איך וואָלט זיך געמעגט אַוועקלייגן אינמיטן וועג, אויסציִען די פיס און שטאַרבן . . . איך זאָג דיר דעם עמעס, גיטעלע, איך וואָלט גיכער איבערגעלאָזט אַ סידער, איידער זיך שיידן מיט דעם.

גיטל: וואָסערע רייד דו רעדסט עס, זאַלמען! . . . דו טראַכסט דען מיטצונעמען דעם גאַנצן פּאַק וואָס דו האָסט ? עס וועט דאָך סטייען אַף 10 יאָר פאַר דיינעטוועגן . . .

זאַלמען: קיין איינציק פּליטקעלע, קיין איין ציגעלע וועל איך ניט איבערלאָזן. הער אַ מאַיסע, אַז אויב איך האָב שוין יאָ געקראָגן אַזאַ גוט מיטל, פאַרוואָס זשע זאָל איך מיט דעם ניט קאָנען העלפן אונטערוועגנס נאָך אַנדערע אידן, וואָס דאַרפן עס האָבן ? . . .

גיטל: (טראָגט אַ היפּש פּעקל) נו, איז ניט אונדזער מענדל אַ מעשוגענער ? אַז ער האָט דיר שוין געשיקט פון אַמעריקע די רעפּוע, האָט ער געשיקט אַ פּאַק, וואָס קאָן סטייען פאַר אַ גאַנצער איידע אידן אויף 10 יאָר. (שווייגט אַ וויל) ווייסט, זאַלמען, איך טראַכט איצט, צי אונדזער זון מענדל ווייסט

דאָרט אין אַמעריקע וואָס מיר לעבן איצט דורך . . . צי האָט ער אַ באַגריף, אַז מיר געפינען זיך איצט אין אַזאַ סאַקאָנע . . .

זאַלמען: ער ווייסט דאָרט, ער ווייסט . . . (זיפצט) אַ לעבן אָף אים. ער האָט מיך פּאַשעט געראַטעוועט, ווען ער האָט מיר צוגעשיקט אָט די טייערע רעפּוע! איך זאָג דיר, גיטל, די אויגן האָבן זיך ביי מיר געעפנט נאָך דער רעפּוע. יאָ, קיינער קאָן ניט וויסן וואָס דאָס מיינט פאַר מיר . . .

גיטל: (שמייכלט) גיי שטעל זיך פאָר, אַז אַזאַ פּאַשעט שטיקל טשאָקאָלאַדע, „אָקס לעקט", זאָל זיין אַזאַ גוט מיטל צום מאָגן . . . אַי, די אַמעריקאַנער, די אַמעריקאַנער, האָבן זיי קעפּ, קענעהאָרע. נע, „אָקס לעקט" . . .

זאַלמען: (כוויזעקט) „אָקס לעקט" . . . קאָנסט זיך נאָך אַלץ ניט אויסלערנען צו זאָגן ריכטיק „עקס לאַקס" און ניט „אָקס לעקט"? שוין צייט, כ'לעבן, גיטל. וויפיל מאָל האָב איך עס דיר שוין געזאָגט? . . .

גיטל: נו, אַ כילעק דאָרט אַ גרויסער, צי „אָקס לעקט", אָדער „לאָקס עסט", אַבי עס אַרבעט קענעהאָרע און עס איז דיר צו רעפּוע . . .

זאַלמען: דאָס וועל איך האַלטן סאַמע אויבן, איך זאָל עס האָבן גרייט צו דער האַנט . . . נו, דאַכט זיך, אַז שוין אַלץ. (טראַכט) דעם טאַלעס און די טפילין האָב איך. דעם פּאַספּאָרט האָב איך אויך . . . יאָ, גיטעלע, די עטלעכע אַמעריקאַנישע דאָלאַרן, וואָס מענדל האָט אַנומלטן צוגעשיקט, האָסט באַזאָרגט? . . .

גיטל: וואָס דען? אַוואָדע האָב איך . . . (וויזט אָן אָף אירס אַ זאַק) אָט דאָ . . .

זאַלמען: נו, איצט דאַרף מען זיצן און וואַרטן און האָפן, אַז . . . (עס דער־הערן זיך טריט און שטימעס. מען קלאַפּט אין טיר) ווער קאָן דאָס זיין, איצט, אַזוי שפּעט? . . .

גיטל: ווי איז מיר, זאַלמען קרוין. דאָס זענען אַוואָדע די דייטשן. יאָ, איך דערקען. קיין איד וואָלט איצט, אין אַזאַ צייט, אַזוי הויך ניט גערעדט און אַזוי שטאַרק ניט געקלאַפּט. עס איז זיי, ווי איז מיר! . . .

זאַלמען: נו שאַ, שאַ! (גייט צו דער טיר) ווער איז דאָרט? קומט אַריין!

פריץ: (אַריין מיטן צווייטן סאָלדאַט) ביסטו דאָס דער הויז־ווירט דאָ? . . .

זאַלמען: יאָ, פּאַניע סאָלדאַט, איך בין דער הויז־ווירט! . . .

פריץ: פיין! איך און מיין קאַמעראַד וועלן שטיין איינגעקוואַרטירט דאָ, אין דיין וואוינונג אַ צוויי־דריי טעג, ביז מיר וועלן דאַרפן ווייטער גיין. האָסטו פאַרשטאַנען? . . .

זאַלמען: פאַרשטאַנען, פּאַניע סאָלדאַט, פאַרשטאַנען . . .

גיטל: (פאַרברעכט די הענט) אוי, אַ בראָך איז צו מיר! זאַלמען, זיי גייען איינשטיין דאָ ביי אונדז אין שטוב? . . .

זאַלמען: יאָ, אַזוי זעט עס אויס, גיטעלע! (שטיל) מען דאַרף זיך האַלטן צו זיי פריינטלעך . . . גאָט וועט העלפן . . .

פּריץ: (קוקט זיך אַרום אין הויז צוזאַמען מיטן צווייטן. זיי לייגן אַוועק זייערע רעוואָלווערן אויף אַ בענקל, וואַרפן אַרונטער די רוק־זעק פון זיך און זעצן זיך מידע אַוועק אַף שטולן) אוף, בין איך עס אַביסל מיד און צעבראָכן!...

ברונאָ: וואָס מיינט איר, פעלדפעבעל פּריץ, פון אַזאַ שנעלן מאַרשירן קאָן מען טאַקע בלייבן אָן פיס!...

פּריץ: אַז די דויטשישע אַרמיי מאַרשירט — מאַרשירט זי, ברונאָ!... אונדזער דויטשישע אַרמיי טוט אַלץ גרינדלעך, גוט און שנעל! דאָס האָבן מיר צו פאַרדאַנקען אונדזערע פירער, ברונאָ!...

ברונאָ: יאָ, פעלדפעבעל פּריץ, אונדזערע פירער. הייל היטלער!...

פּריץ: הייל היטלער!... אָבער מיר וועלן דאָ איבערנעכטיקן עטלעכע נעכט, זיך אויסרוען און ווידער זיין פריש צום ווייטערדיקן מאַרש!... מיר... (מיטאַמאָל) ביסט אַ יודע, הער הויז־ווירט?...

זאַלמען: יאָ, פאַניע אָפיציר. מיר זענען יודן...

ברונאָ: נון, דאַרף עס אונדז אָנקומען איינצושטיין ביי יודן!...

פּריץ: ביסט אַ נאַר, ברונאָ! דאָס גאַנצע שטעטל, אַלע איינוואוינער דאָ זענען יודן! פאַרשטאַנען?!...

ברונאָ: זאָ... (גענעצט) דענקסטו ניט, פעלדפעבעל פּריץ, אַז מען וואָלט זיך געמעגט לייגן שלאָפן און זיך אָפּרוען נאָך אַזאַ לאַנגן מאַרש?...

פּריץ: זיכער, ברונאָ, זיכער! נון יודע, מאַך פּלאַץ פאַר אונדז צו שלאָפן!

זאַלמען: איין ווײַלע, מיינע הערן, וועט מיין פרוי אייך אויסבעטן אַ ווייך געלעגער אַף דער שלאָף־באַנק דאָ! (ווײַזט אָן אַף דער שלאָף־באַנק).

ברונאָ: וואָס? אַף דער שלאָף־באַנק? מיר?... (קוקט אַף פּריצן).

פּריץ: אַף דער שלאָף־באַנק קאָנט איר שלאָפן, פאַרפלוכטע! דאָרט וואו עס איז נאָר פאַראַן אַ בעט אין הויז, געהערט עס דער דויטשישער אַרמיי!...

ברונאָ: יאָ, דער דויטשישער אַרמיי!...

זאַלמען: אָבער הערן מיינע, מיר זענען אַלטע, קראַנקע לייט. מיר...

פּריץ: דער טייוול וועט אייך ניט נעמען צו שלאָפן די עטלעכע נעכט אַף דער שלאָף־באַנק!... יאָ, די פאַרפלוכטע יודן זענען שוין צו לאַנג געשלאָפן אַף ווייכע וואַרעמע געלעגערס. יעצט איז געקומען אַ סאָף דערצו!

ברונאָ: יאָ־וואָהל! עס וועט שוין סיי ווי סיי זיין אייערע לעצטע נעכט אין דעם נייעם דויטשישן וועלט־רייך! מען וועט אייך סיי ווי סיי אינגיכן פאַר־ניכטן, ווי מיר טוען דאָס מיט אַלע פאַרפלוכטע יודן איבעראַל...

גיטל: אַז ניט דערלעבן זאָלסטו דאָס, טאַטע־פאָטער!...

זאַלמען: אידענע בעלאַי! די אַריילים זענען דאָך מיוון קאָל דאַוואַר!... (צו די דייטשן) ווי עס איז אינען באַוויליקט, מיינע הערן. מיר...

ברונאָ: פעלדפעבעל פּריץ, און וואָס הערט זיך וועגן עפּעס עסן, האַ?...

פריץ: גערעכט, ברונאַ. מען דאַרף עטוואָס פרעסן פאַרן שלאָף. איך אַליין בין ווירקלעך אויך הונגעריק. האָסט עטוואָס אין דיין רוק־זאַק, ברונאַ?...

ברונאַ: וואָס? ווידער די מיליטערישע ראַציאָנען? איך בין שוין קראַנק פון דעם! איך וואָלט וועלן עסן עטוואָס געשמאַקעס, היימישעס...

פריץ: יאָ, ברונאַ, גערעכט. אויך מיר קריכן שוין די ראַציאָנען פון דעם האַלדז... אָבער וואו נעמט מען יעצט היימישעס עסן?...

ברונאַ: (מיט אַ וואונק) וואָס הייסט וואו? די יודן האָבן דאָך געוויס ביי זיך עטוואָס געשמאַקעס צום פרעסן...

גיטל: (זייטיק) אַז פרעסן זאָלן אייך שוין די ווערים, טאַטע־פאָטער!...

זאַלמען: אידענע בעלאַי!...

פריץ: וואָס האָט זי געזאָגט, אייער פרוי?...

זאַלמען: זי האָט געזאָגט, זי האָט ניט קיין וואַרעם עסן. איר פאַרשטייט, מיינע הערן, מיר האָבן זיך דאָך ניט געריכט אָף אייך, האָבן מיר ניט אָנגעגרייט. דערצו איז היינט ביי אונדז פייערטאָג, שאַבעס, און מיר טאָרן ניט קאָכן...

ברונאַ: אָך יאָ, עס איז שאַבאָס. אָבער דאָס מיינט דאָך, אַז זי האָבן געוויס צוגעגרייט געפילטע פיש, געשטאָפּטע קישקע אונד...

פריץ: (נעמט אַרום ברונאַן) אָ, דו ביסט דאָך אַן ענגל, ברונאַ! יאָ, נון, גיט אונדז אַהער די געפילטע פיש און געשטאָפּטע קישקע, יודע!...

גיטל: איך האָב ניט קיין קישקע!...

פריץ: איז גיט אַהער די פיש. אָבער מאַכט עס שנעל! מיר קראַפּירן!...

גיטל: אַלעוואַי, טאַטע־פאָטער!... (גייט אָפּ אין קיך אַריין).

ברונאַ: (כאַפּט אַ קוק אָפּן זאַק) וואָס איז דאָס? זי קלייבן זיך דען אַנט־לויפן?... (ווינקט צו פריצן) וואָצו? מיר וועלן אייך דאָ קיין שלעכטס ניט טאָן... (גייט צום זאַק, נעמט אַרויס אַ פּעקל, באַטראַכט דאָס) וואָס איז דאָס?... (צעפּאַקט די טאַכריכים).

גיטל: (קומט אַריין מיט אַ טעלער פיש און אַ טעלער כאַלע. שטעלט עס אָפּן טיש. דערזעט ווי ברונאַ האַלט די צעוואָרפענע טאַכריכים) אוי, אַ וויטיק איז מיר! וואָס וויל ער טאָן? ער וועט זיי דאָך שמוציק מאַכן!...

ברונאַ: (באַטראַכט די טאַכריכים) דאָס מוז געוויס זיין אַזאַ שלאָף־העמד! דאָס איז גוט! שוין לאַנג ניט געשלאָפן אין קיין שלאָף־העמד!... (מעסט צו זיך איינע פון זיי. צו פריצן) צו גרויס פאַר מיר, האַ?...

פריץ: גיב דאָס מיר אַהער! עס איז, זע איך, לויט מיין מאָס און וועט מיר זיכער פאַסן...

זאַלמען: יאָ, מיין הער, עס וועט אייך פאַסן. געוויס וועט עס אייך פאַסן...

ברונאַ: (גיט פריצן איבער די טאַכריכים און מעסט צו־צו זיך די צווייטע) יאָ, פעלדפעבעל פריץ, דאָס איז טאַקע לויט מיין מאָס, פונקט ווי עס וואָלט ספּעציעל פאַר מיר געמאַכט געוואָרן...

זאַלמען: יאָ, טאַקע ווי פאַר איך געמאַכט געוואָרן! . . .

ברונאַ: (נעמט זיך ווייטער זוכן אין זאַק) אונד וואַס איז דאָס? אַ, זע, פּעלדפעבעל פּריץ, שאָקאָלאַדע! (שמעקט דערצו) יאָ, וואַרע שאָקאָלאַדע!

גיטל: (כאַפּט זיך שיער ניט אַרויס) ביין, ניטע, דאָס איז גאָר . . .

זאַלמען: (טוט אַ הוסט און ווינקט צו גיטלען. לאַכט צו די דייטשן) אַ באַשערן, ווי אַלע פּרויען. וויל עס האָבן פאַר זיך, כאָטש דער דאָקטאָר האָט איר אָנגעזאָגט ניט צו עסן צופּיל זיסקייטן . . .

ברונאַ: (בייסט אָפּ אַ שטיקל) הממ . . . זייער געשמאַקע שאָקאָלאַדע! (וויל אָפּבייסן נאָך אַ שטיקל) זייער גע . . .

פּריץ: (האַלט אים איין) האַלט, ברונאַ, ניט יעצט! ווערסט דאָך דיין אַפּעטיט פאַרלירן. אַט, נאָכן עסן . . . ניכט וואָר? . . .

ברונאַ: דאָס איז ריכטיק, פּעלדפעבעל פּריץ! (זיי נעמען עסן די פיש, קייען אף ביידע באַקן, זשעדנע, גיך. אין אַ וויל — און פּאַרטיק) הממם... גוט! געשמאַק; וואַרע יודישע פיש, הממם! . . . (ווישט מיטן אַרבל דאָס מויל) מער האָט איר ניט, יודן? . . .

גיטל: מער האָבן מיר ניט, פּאַניע סאָלדאַט! מער האָבן מיר ניט! . . .

פּריץ: יאָ! יעצט וועלן מיר האָבן די שאָקאָלאַדע! (נעמט ביי ברונאָן אַ פּע־קעלע, עפנט עס, בייסט אָפּ אַ שטיקל, באַלעקט זיך) הממם . . .ווירקלעך זייער געשמאַק!... (קייעט. מיטאַמאָל) האַלט, ברונאַ! פּיליכט איז דאָס גאָר גיפט?! די פאַרפלוכטע יודן זענען פעאיק אף אַלעם. ניכט וואָר?

ברונאַ: (שפּייט אויס אין דער האַנט אַריין) יאָ, פּעלדפעבעל פּריץ. דאָס איז יאָ מעגלעך . . . ווי אַזוי זשע וויסן מיר? . . .

פּריץ: זאָל פּריער דער יודע זעלבסט עסן אַ שטיקל, וועלן מיר וויסן . . .

זאַלמען: מיט פאַרגעניגן! (צו גיטלען) איך האָב נאָך היינט קיין איין פּיצל ניט געהאַט, וועל איך עס איצט האָבן. (נעמט, קייעט אַ שטיקל).

פּריץ: (באַטראַכט אַ פּליטקע) און וואָס באַדויט עס וואָס עס איז געשריבן דאָ דערויף, „עקס לאַקס"? . . .

זאַלמען: אַ, דאָס? דאָס איז אַף דער אַמעריקאַנישער שפּראַך. עס מיינט: אַז עס לאַקט. דאָס הייסט, אַז מען עסט 1 שטיקל, לאָקט עס צו עסן נאָך . . .

ברונאַ: (וואַרפט צוריק אַריין פון דער האַנט אין מויל) אור־אוממם . . .

פּריץ: (שלינגט פּליטקעסווייז) הממ, זייער געשמאַק! (פויזע) אָבער ווי קומט עס צו אייך, אָט דער שאָקאָלאַד? עס איז, זאָגט איר, פון אַמעריקאַ?

זאַלמען: יאָ, מיינע הערן, פון אַמעריקע! מיר האָבן דאָרט אונדזערס אַ זון, שיקט ער צו נאַשוואַרג, לאַקאַמקעס פאַר דער מוטער און מיר . . .

פּריץ: עך, אַמעריקאַ, אַמעריקאַ! דאָס איז ווירקלעך אַ צויבער־לאַנד! (פויזע) מיר וועלן מוזן וואָס גיכער פאַרטיק ווערן מיט פּאָלן און דאַן זיך אַ נעם טאָן צו באַזיגן אַמעריקאַ! . . . יאָ, די דאָרט האָבן זאַלכע וואונדער־

לעכע קאָנפעקטן!... (עסט נאָך) וואונדערלעכע קאָנפעקטן!...

ברונאַ: וואָס דען, ווי ביי אונדז אין דויטשלאַנד — גאַרניכט צו קריגן...

פריץ: דומקאָפּ! מיר זענען דאָך יעצט אין קריג, ברונאַ! מיר קאָנען יעצט ניט האָבן קיינע קאָנפעקטורן, ווען מיר ברויכן צו מאַכן קאַנאָנען... האָסט פאַרגעסן וואָס פעלדמאַרשאַל גערינג האָט געזאָגט, קאַנאָנען — אַנשטאָט פוטער!...

ברונאַ: יאָ, געזאָגט! (שפּרינגט אויף, סאַלוטירט) הייל היטלער!...

פריץ: הייל היטלער! (פרעסט דעם שאָקאָלאַד, גלעט דעם בויך) געשמאַק!...

זאַלמען: אַז מיין פרוי האָט זיך צוגעכאַפּט צו דעם, האָב איך זי קוים געקאָנט אָפּרייסן דערפון. ניט אומזיסט רופט עס זיך „עס לאָקט”... אָבער, איך האָף, מיינע הערן, אַז איר וועט עטוואָס איבערלאָזן פאַר אונדז!

פריץ: נון, ברונאַ, גענוג פאַר איינמאָל! באַהאַלט ביי זיך דאָס איבעריקע!

זאַלמען: איר וועט אונדז גאַרניט געבן דערפון?...

פריץ: (טיילט אָפּ אַ טייל, גיט עס אים) גוט. דאָס וועט גענוג זיין פאַר אייך! (נעמט זיך ציען, גענעצן) נון, ברונאַ, צייט צו שלאָפן! ניכט וואַר, ברונאַ?... (וואַרפן אַרונטער פון זיך די מונדירן, נעמען די טאַכריכים, גייען אָפּ אין צווייטן צימער. פויזע. זאַלמען און גיטל בלייבן שטיין, קוקן איינער אָפּן אַנדערן, נאָר אויסצופּלאַצן אין געלעכטער).

גיטל: ווען זיי האָבן געפרעסן אונדזערע פיש, האָב איך געוואונטשן, אַז זיי זאָלן דערשטיקט ווערן, די מענוואָלים...

זאַלמען: (לאַכט) דערפאַר האָסטו זיי פאַרגונען ווען זיי האָבן געפרעסן דעם טשאָקאָלאַד. ניין?...

גיטל: נאָך מער ווי פאַרגונען. איך האָב פּאַשעט האַנאָע געהאַט...

זאַלמען: נו־נו, וועט זיך דאָס היינט נאָך אָפּטאָן דאָ, אַז איך...

גיטל: גוט פאַר זיי! זאָלן זיי ניט זיין קיין פאַשיסטישע כאַזיירים!... (די טיר פון גאַס טוט זיך מיטאַמאָל אַ פּראַל אויף און עס לויפט אַריין ניט טויט־ניט לעבעדיק מירעלע, איינגעהילט אין אַ שאַליקל) גאָט מיינער, מירעלע, וואָס טוסטו דאָ, איינע אַליין, אַזוי שפּעט ביינאַכט?...

זאַלמען: זע נאָר ווי זי זעט נעבעך אויס! זי ציטערט דאָך אינגאַנצן!...

מירל: (אָן אָטעם) מומע, פעטער, ראַטעוועט מיך! באַהאַלט מיך!...

גיטל: שאַ, מירעלע, שטילער! (ווייזט אָן אָפּן שלאָף־צימער).

מירל: וואָס? ביי אייך זענען זיי אויך דאָ?...

גיטל: אַז זיין זאָלן זיי שוין ניין איילן אונטער דער ערד, טאַטע־פאָטער!

זאַלמען: וואָס איז געשען, מירל? זאָג, אָבער שטילער, זיי זאָלן ניט הערן!...

מירל: אַן אומגליק איז געשען, פעטער זאַלמען. אַן אומגליק...

גיטל: וויי איז מיר! וואָס? זאָג וואָס עס איז געשען! ציִ ניט אַרויס ביי מיר די צאָמעס...

מירל: (געהאַקט, אָן אָטעם) זיי זענען געקומען צו אונדז . . . צוויי נאַצישע סאָלדאַטן . . . אַף קוואַרטיר, האָבן זיי געזאָגט . . . האָבן פאַרנומען די בעטן און שוין געהאַלטן ביים לייגן זיך כאַליען . . . מיטאַמאָל איז איינעם פון זיי איינגעפאַלן, אַז אין הויז איז אוודע פאַראַן אַ מיידל . . . האָבן זיי גענומען זוכן, מיך אַרויסגעשלעפּט פון אַלקערל און . . .

גיטל: (פאַרברעכט די הענט) אוי, אַ שלאַק האָט מיך געטראָפן! נו . . .

מירל: צום אָנהויב האָבן זיי מיר גענומען מאַכן קאָמפּלימענטן. דערנאָך האָבן זיי מיך גענומען גלעטן מיט זייערע לאַפּעס (שוידערט אויף). דערנאָך האָט איינער פון זיי מיך אַ נעם אַרום געטאָן און מיך גענומען צוציען צו זיך, געוואָלט, איך זאָל אים נאָר אַ קוש טאָן . . . (וויינט).

גיטל: אַז קושן זאָלן זיי שוין דעם מאַלעך־האַמאָוועס, טאַטע־פאָטער! . . .

מירל: האָט די מאַמע גענומען וויינען פאַר זיי. דער טאַטע האָט גענומען בעטן, אַז זיי זאָלן מיך אָפּלאָזן. אַפּילע געלט זיי געגעבן. אָבער זיי, נאָר ווי די ראָצכים, האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אַף טאַטע־מאַמע און זיי געשלאָגן.

גיטל: (פאַרברעכט די הענט) אוי, איך וועל עס דאָך ניט אויסהאַלטן! אוי, אַ וויטיק איז מיר! . . . פאַרוואָס האָבן זיי געשלאָגן? . . .

זאַלמען: ווייל זיי זענען נאַצים, יעמאַך שמאָם! ווייל . . .

מירל: אין דער סומאַטאָכע האָט די מאַמע מיר אַ וואונק געטאָן, אַז איך זאָל זיך אָפּטראָגן. האָב איך זיך אַרויסגעגאַנוועט און אַהערגעלאָפן. איך האָב געטראַכט, אַז עפּשער איז ביי אייך קיין דייטשן ניט פאַראַן . . . צום סאָף . . . (ווישט די טרערן). וואו באַהאַלט מען זיך איצט? . . .

גיטל: שאַ, קינד, וויין ניט! וואָס קאָן מען זיך העלפן ווען מען פאַלט אַריין צו ראָצכים אין די לאַפּעס? גאָרניט! מען דאַרף בלויז גאָט בעטן, ער זאָל ראַכמאָנעס האָבן און . . . (צעוויינט זיך אויך) גאָטס צאָרן האָט זיך אויסגעגאָסן אַף אונדזער אומגליקלעכן פאָלק איסראָעל! . . .

זאַלמען: גנעע, וואָס האָסטו זיך איצט צעוויינט? ווילסט דאָווקע, אַז זיי דאָרט זאָלן דערהערן? (צו מירלען) שאַ, נו, באַרואיק זיך! (שטיל) איך וועל דיך אַראָפּפירן אין קעלער אַריין. שפּעטער וועל איך קומען דיך נעמען פון דאָרט. (נאָך שטילער) פאַרשטייסט, מיר קלייבן זיך צו אַנטלויפן אין מיטן נאַכט. וועסט ניט מוירע האָבן צו זיין איינע אַליין אין קעלער? . . .

מירל: פאַרוואָס זאָל איך מוירע האָבן? קיין דייטשן זענען דאָך דאָרט ניטאָ... (פאַרטרוילעך) איך האָב זיך היינט איינדערפרי געקליבן אַוועקצוגיין צוזאַמען מיט אַ גרופּע באָכערים און מיידלעך, פאַרטיזאַנעס, אינעם וואַלד אַריין, נאָר די מאַמע האָט ניט געלאָזט . . .

גיטל: נאָך וואָס גאָר אין וואַלד אַריין? . . .

מירל: דאָרט וועט די גרופּע זיך אויסבאַהאַלטן, און שפּעטער, ווען די צייט וועט קומען, וועט מען זיך אַ וואָרף טאָן אַף די נאַציס פון הינטן און זיך

נויקעם זיין אין זיי ווי זיי האָבן עס פאַרדינט . . .

זאַלמען: (טראַכט. מיטאַמאָל) פאַרטיזאַנעס, זאַגסטו, הייסן זיי, די באַכערים און די מיידלעך? אַ געזונט זיי אין די ביינער! . . . נו, און וואָס איז וועגן די עלטערע אידן, אַט אַזעלכע ווי איך, לעמאַשל, ווי די מומע גיטל? . . . מיר קאָנען אויך ווערן פאַרטיזאַנעס? . . .

מירל: איך ווייס ניט, אָבער איך רעכן, אַז מיסטאָמע יאָ . . .

גיטל: וועסט שוין וועגן דעם שפּעטער רעדן. דערווייל נעם דאָס קינד און . . .

זאַלמען: גערעכט, גיטעלע. (נעמט מירלען ביי דער האַנט, גרייט זי אַרויס־צופירן. אין דעם מאָמענט עפנט זיך די טיר פון שלאָף־צימער אוןביידע דייטשן, אָנגעטאָן אין די טאַכריכים, קומען אַריין).

מירל: (טוט אַ קוק, דערשרעקט זיך, קווטשעט אויס) אוי, טויטע, מייסים!

זאַלמען: אַלעוואי וואָלטן זיי דאָס שוין יאָ געווען, ווי זיי זענען דאָס נאָך ניט! . . .

פּריץ: (קוקט אַף מירעלען) נון, וואָס האָב איך דיר געזאָגט, ברונאָ? איין פּרויליין, איין שיינעס פּרויליין! . . . (טוט אים צייניש אַ שטורכע אין זייט) נון, יעצט זעסטו שוין, ברונאָ, אַז פעלדפעבעל פּריץ ווייסט וואָס ער זאָגט? אַ שיינעס פּרויליין, ניכט וואַר? . . .

ברונאָ: (טרעט צו נעענטער, באַטראַכט מירעלען און כאַפּעט פּריצן) אַ־יאָ, פעלדפעבעל פּריץ, ווירקלעך אַ זעלטן שיינעס פּרויליין! . . .

זאַלמען: דאָס איז אונדזער טאָכטער, הער פּריץ. אונדזער איינציק קינד . . .

פּריץ: לאַיגסט, יודע! האָסט פריער געזאָגט, אַז האָסט אַ זאָן אין אַמעריקאַ...

זאַלמען: יאָ, אָבער אַ טאָכטער איז זי ביי אונדז די איינציקע. איך בעט איך, ליבע הערן סאָלדאַטן, לאָזט זי געמאַך! זי איז אַ קראַנק קינד. איר זעט דאָך אַליין ווי בלאַס און שוואַך זי איז . . .

פּריץ: (טוט איר אַ גלעט) זי זעט גאָרניט אויס צו זיין קראַנק. זי זעט אויס געזונט און שיין! (טוט אַ וואונק צו ברונאָ) מיר ווייסן שוין די יודישע קונצן, ניכט וואַר, ברונאָ? . . . אַ, זי וועט נאָך האָבן גענוג קראַפט אונדז צו פאַרווילן. ניכט וואַר, ברונאָ? . . . (בייגט זיך צו, וויל אַ קוש טאָן מירלען. אָבער פונקט ווי געביסן פון אַ שלאַנג, טוט ער זיך מיטאַמאָל אַ קנייטש און כאַפּט זיך ביים בויך) אַ, או, אָו! וואָס איז דאָס? וואָס זאָל עס באַדייטן, זאָלכע פלעצלעכע קראַמפפן אין בויך? . . . אַ! . . . או! . . . אָו! . . . ברונאָ, איך פרעג דיך, דו הונט איינער, וואָס זאָל דאָס באַדייטן? נון, וואָס שוויגסטו? אַ! . . . או! . . . אָו! . . .

ברונאָ: דאָס איז פון דעם שווינערישן ראַציאָן, וואָס מען האָט אונדז הייַנט געגעבן! עס איז מיר גלייך ניט געפעלן געווען! . . . מיר אַליין גרימלט אויך שטאַרק אין בויך. שוין אַ גאַנצן טאָג אַזוי, זינט איך האָב דעם ראַציאָן געגעסן, פעלדפעבעל פּריץ! . . .

פריץ: (קאַרטשעט זיך און האַלט זיך ביים בויך) אַ, איך וועל עס דאָך היינט ניט אויסהאַלטן. איך וועל קראַפּירן! . . .

גיטל: אַלעוואַי, טאַטע־פאַטער . . .

פריץ: (קרעכצט) אַ, איך קראַפּיר! . . . איך מוז . . . העי, יודע, וואו איז . . .

זאַלמען: אינדרויסן, פאַרעצל, לעבן הויז. וועסט עס שוין זען . . .

פריץ: (דרייט זיך נאָך אַלץ אַרום קרעכצנדיק) דו, ברונאַ, בלייבסט יעצט פעלדפעבעל! איך מוז לאַופן! . . . דו פּאַס אויף אַף די יודן־שווייניען אונד אַף דאַס פרוילײן! זע, זיי זאָלן ניט אַנטלויפן. פאַרשטאַנען?

ברונאַ: פאַרשטאַנען, פעלדפעבעל פריץ! הייל היט . . . (הייבט אויף די האַנט צו סאַלוטירן, אָבער טוט זיך גלייך אַ קנייטש איין און כאַפּט זיך אויך ביים בויך) אַו! . . . איך האָב אויך שרעקלעכע קראַמפּפן. איך מוז אויך לאַופן! איך וועל עס ניט איבערטראַגן! . . . (ביידע לויפן אַרויס זיך האַלטנדיק ביי די בייכער) אַו! אַו! . . . אַ! . . .

זאַלמען: אַ שיינע רייניע קאַפּאַרע זאָלט איר זיין פאַר אונדז און פאַרן גאַנצן קלאַל איסראַעל! . . .

גיטל: די קישקעס זאָלן אייך דאָרט פּלאַצן, טאַטע־פאַטער! . . .

זאַלמען: פאַרשפאַרסט זיי שוין צו ווינטשן, גיטעלע. זיי וועלן שוין פּלאַצן אָן דיין צוואווינטשעוועןן! . . . (צעלאַכט זיך מיט האנאָע) אַ לעבן דאָרט אַף אונדזער מענדלען, וואָס ער האָט אונדז אַהערגעשיקט אַזאַ היפּש פּעקל! (צו גיטלען) נו, גיטעלע, האָסט זיך אַלץ געזאָרגט וואָס איך וועל טאָן מיט אַזאַ גרויסן פּאַק. איצט זעסטו שוין ווי עס איז צו נוץ געקומען?! . . .

מירל: (פאַרכידעשט) וואָס איז געשען, פּעטער? וואָס איז, מומע? וועגן וואָס רעדט איר דאָס? וואָס טוט אייך אַזאַ האַנאָע? . . .

גיטל: וואָס עס טוט אונדז אַזאַ האַנאָע? הע־הע, האָסט דען ניט געזען, מירעלע, אַז אַזוי ווי ער האָט נאָר געוואָלט לייגן זיין טרייפענע לאַפּע אַף דיר, אַזוי גלייך האָט אים אַ כאַפּ אָן געטאָן אַ גרימעניש און ער האָט געמוזט לויפן? . . .

מירל: יאָ, אָבער וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט אייך, מיט מענדלען? ער איז דאָך גאָר אין אַמעריקע . . .

זאַלמען: הערסטו, אָט דאָס איז דאָך טאַקע די מאַיסע, וואָס ער איז דאָרט אין אַמעריקע און האָט דאָס אונדז אַהערגעשיקט . . .

מירל: וואָס אַהערגעשיקט? וואָס האָט איר געטאָן?

גיטל: פאַרשטייסט, מירעלע, דאָס האָט מענדל צוגעשיקט אַזאַ רעפּוע פאַר דעם פּעטערס מאַגן. נו, האָבן די דייטשישע כאַזירים דאָס אַנגענומען פאַר טשאָקאָלאַדעס און זיך אָנגעזעצט פרעסן צעזעצטערהייט, ביז . . .

מירל: אַ, דאָס?! . . . (צעלאַכט זיך) איצט פאַרשטיי איך שוין . . .

זאַלמען: אַלעוואַי וואָלט איך נאָר געהאַט אַ סאַך דערפון און וואָלט געקאָנט

געפינען עפּעס אַ וועג ווי אַזוי דאָס איינצוגעבן אַלע נאַציס, וואָלט זיי שוין קיין מילכאָמעס אין קאָפּ ניט געלעגן. זיי וואָלטן (לאַכט) זיך געדאַרפט האַלטן ביי די בייכער און וואָלטן שוין ניט געקאָנט מאַכן אומגליקלעך די וועלט . . . (ביידע דייטשן, אָפּגעשוואַכטע, קומען אַריין).

פריץ: (קוים וואָס ער האַלט זיך אַף די פיס) צום טייוול, ברונאָ! מער וועל איך זיך ניט צורירן צום פאַרפלוכטן מיליטערישן ראַציאָן, ווען איך זאָל אַפילע דאַרפן הונגערן. איך קאָן אַפילע מער ניט קוקן דערויף!

ברונאָ: (וואַקלט זיך) איך אויך, פעלדפעבעל פריץ. איך וועל שוין בעסער עסן וואָס איך וועל געפינען אין פּריוואַטע הייזער. איך פיל זיך אַזוי שלעכט, אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז . . . (פאַלט אַוועק אַף אַ בענקל).

פריץ: (זעצט זיך אויך צו) און ביי מיר אין מויל איז אַזוי ביטער, פוי! העי, יודע, גיב אַהער עטוואָס צום טרינקען! שנעל, טיי אָדער קאָפע!

ברונאָ: נייך, פעלדפעבעל פריץ! דאָס בעסטע איז קאַלטע וואַסער! . . . דאָס פאַריאָגט די ביטערקייט. און יאָ, גוט מיט אַ שטיקל שאָקאָלאַד! . . .

פריץ: יאָ. (צו גיטלען) ברענג וואַסער, שנעלער! (צו זאַלמענען) און דו, יודע, גיב מיר אַהער דעם שאָקאָלאַד! פיליכט וועט עס עטוואָס פאַר־טרייבן דאָס ביטערקייט פון מויל. (גיטל אָפּ).

זאַלמען: (טראָגט צו) מיט פאַרגעניגן, מיינע הערן! מיט פאַרגעניגן! . . .

גיטל: (טראָגט צוויי גלעזער וואַסער) יאַ, מיט וואַסער איז עס געוויס בעסער!

פריץ: דאַנקע שיין, יודן־שווייַנען! (זיי פרעסן און טרינקען).

גיטל: (שטיל צו זאַלמענען) איצט וועלן זיי עס אויפפרעסן אינגאַנצן און דיר אַפילע אַף אַ רעפּוע ניט איבערלאָזן . . .

זאַלמען: אַבי די הערן זאָלן נאָר זיין צופרידן, אַרט מיך שוין גאָרניט . . .

פריץ: נו, אַזעלכע בויך־קראַמפן האָב איך שוין לאַנג ניט געהאַט, ברונאָ! איך וועל מאָרגן אַריינטראָגן אַ מעלדונג . . .

ברונאָ: איך פיל נאָך עפּעס אַזוי איבלדיק און שוואַך. עס טוט מיר אַזוי וויי! (זיפצט) אויב עס וועט איבער נאַכט ניט לייכטער ווערן, וועל איך אינ־דערפרי מוזן אַוועק אין דער אַמבולאַטאָריע צום דאָקטאָר . . .

פריץ: יאַ, איך אויך אַזוי. אין אַמבולאַטאָריע! (מיטאַמאָל) ברונאָ, איך פיל ווידעראַמאָל אַ שווערע דרינגעניש! יאַ, איך מוז ווידער לאַופן . . . ברונאָ, פאַס אויף אַף די יודן־שווייַנען און אַף דאָס פּרוויליין! . . . (אָפּ).

ברונאָ: יאַ־וואָל, פעלדפעבעל פריץ! איך וועל! הייל היט . . . (וויל סאַלו־טירן, אָבער טוט זיך ווידעראַמאָל אַ קנייטש און כאַפּט זיך ביים בויך) אָו! מיין גאַנצער אינגעווייד ווערט צעשאָסן! איך . . . . (לויפט אויך אַרויס).

זאַלמען: אָט דאָס הייסט אַ ווירקונג! (לאַכט) נו, איצט, זעט אויס, זענען זיי שוין ריכטיק באַאַרבעט! איצט וועלן זיי זיך שוין ניט קענען רירן!

גיטל: (לאַכט) ווי האָט ער עס געזאָגט, דער פריץ? די דייטשישע אַרמיי,

זאָגט ער, דאַרף לויפן שנעל, פאַרכאַפּן פוילן און זיך דערנאָך אַ נעם טאָן צו אַמעריקע. נו, אַז יאָ לויפן, זאָל זיין געלאָפן! . . .

מירל: וואָס וועט איצטער זיין, פעטער? וואָס וועלן מיר טאָן?

זאַלמען: וואָס מיר וועלן טאָן? מיר וועלן אַוועק פון דאַנען. פאַרשטייסט, מירעלע, איצט אַז זיי וועלן אַריינקומען, וועלן זיי מיסטאָמע זיין אַזוי שוואַך און שמאַטעדיק, אַז אַפילו אַ קינד וועט זיך קענען ספּראַווען מיט זיי. נו, וועלן מיר דאַן . . . שאַ, איר וועט שוין זען דאָס גרייטע . . . דער איקער איז, אַז איר זאָלט נאָר טאָן אַזוי ווי איך וועל הייסן. מיר וועלן זיך אַרויס־רייסן און אַוועק אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנעס. (ער רוקט זיך אַרויס אין צווייטן צימער).

מירל: (פריידיק) אָ, צו די פּאַרטיזאַנעס . . . צו די פּאַרטיזאַנעס . . .

(ביידע דייטשן קומען אַריין איינגעבויגענע, צעפּייניקטע, דערשלאָגענע און קרעכצנדיקע. האַלטן זיך קוים אַף די פיס און פאַלן מאַמעש אַן קויכעס אַוועק אַף דער שלאָף־באַנק).

זאַלמען: (קומט צוריק מיט צווי שטריק. דערלאַנגט איין שטריק מירלען. קוקט אַף די נאַציס) נאָר ווי געקוילעטע כאַזירים! . . . (שטיל צו מירלען) דו און די מומע בינדט דעם קלענערן און איך וועל שוין באַזאָרגן דעם גרעסערן. זעט, אָבער, אַז עס זאָל זיין פעסט! (נעמען בינדן די נאַציס).

פריץ: (שוואַך) וואָס טוט איר מיט אונדז, פאַרדאַמטע יודן? . . . אָ, בינדט אונדז ניט. מיר וועלן דאָך פּלאַצן דאָ . . . אָ! . . . או! . . . אָו! . . . לאָזט דאָך אונדז פריי! איך בעט אייך, לאָזט אונדז פריי! . . .

זאַלמען: וואָס? אייך פריי לאָזן? פריי לאָזן אייך, קעדיי איר זאָלט ווידער קאָנען טרעטן אַף אונדז און אונדז פייניקן; קעדיי איר זאָלט אונדז קאָנען אויסקוילען, ווי איר האָט פריער געזאָגט? אָ, ניין! . . .

ברונאָ: ניין. דאָס האָב איך דאָך פריער געשפּאַסט בלויז. איך . . .

פריץ: מיר גיבן אייך אונדזער ערן וואָרט! . . .

גיטל: אַ נאַצישער ערן וואָרט? האָט דען אַ נאַצי ביכלאַל אַן ערן וואָרט?!...

מירל: (צעלאַכט זיך פּלוצים) איר ווייסט, פעטער, איך האָב זיך נאָר וואָס דערמאָנט וואָס מען האָט אונדז אַמאָל אין שול געלערנט. נאַפּאַלעאָן זאָל אַמאָל האָבן געזאָגט, אַז אַרמייען מאַרשירן אַף זייערע מאַגנס . . . איצט זע איך, אַז עס איז טאַקע אַזוי. נאָך מער: ניט נאָר מאַרשירן זיי אַף די מאַגנס, נאָר זיי דרייען זיך ווי ווערים אַף זיי אויך . . .

גיטל: פאַרשטייט זיך, אויב עס איז נאָר פאַראַן „אָקס לעקט" דערצו . . .

זאַלמען: אָ, גיטעלע, ניט „אָקס לעקט", נאָר „עקס לאָקס"! שוין צייט, כ'לעבן, אַז דו זאָלסט זיך אויסלערנען אַרויסצוזאָגן ריכטיק אַזעלכע צוויי פּאַשעטע ווערטער: „עקס לאָקס" . . . אַפילו זיי (ווייזט אָן אַף די נאַציס) קאָנען עס שוין מיסטאָמע פון אויסנווייניק . . .

גיטל: איך זאָל אַפילע וויסן וואָס, וועל איך זיך איצט אַ נעם טאָן דערצו און זיך אויסלערנען ווי געהעריק עס אַרויסצוזאָגן. יאָ, עס האָט זיכער פאַרדינט . . . „עקס לאַקס" . . .

זאַלמען: (קוקט אַף די געבונדענע, קרעכצנדיקע נאַצים) און אַט האָט איר די נאַצישע איבערמענטשן, די דייטשישע העלדן! . . . (פּויזע) נו, שוין צייט זיך צו פאַרנעמען אין וועג אַריין! . . . (ער נעמט די צווי רעוואָל־ווערן פון בענקל, גיט איינעם מירעלען און דעם צווייטן לייגט ער צו זיך אין קעשענע אַריין. דערנאָך נעמט ער די צווי מונדירן, שטופּט זיי אַריין אין זאַק. נעמט אַרויס פון די רוק־זעק עטלעכע פּעקעלעך מיט קוילן, צוויי עלעקטרישע ליכט־וואַרפער און נאָך עטלעכע קליינִיקייטן). דאָס אַלץ וועט אונדז צונוץ קומען דאָרט, אין וואַלד ביי די פּאַרטיזאַנער, ווען עס וועט קומען דער יאָם האַדין. האָ, מירעלע? . . .

גיטל: און וואָס וועט זיין מיט אונדזערע טאַכריכים, זאַלמען?

זאַלמען: דערווייל דאַרפן מיר זיי ניט, גיטל. מיר קלייבן זיך ערשט צו לעבן און עס וועט זיין גענוג צייט צו זאָרגן וועגן אַנדערע . . .

גיטל: נו, און דעם „עקס לאַקס" האָסטו גענומען?

זאַלמען: גענומען, גענומען . . .

גיטל: איז כאָטש געבליבן גענוג פאַר דיינעטוועגן? . . .

זאַלמען: געבליבן, געבליבן. עס זעט אויס, אַז עס זענען פאַראַן נאָך אַרום אַ צען טוץ טאַוועלעך. דאָס מיינט, אַרום אַ 720 שטיקלעך — גענוג פאַר מיינעטוועגן אַף גאַנצע 2 יאָר. נו, און נאָכדעם, נאָכדעם איז דאָך גאָט אַ פאָטער און ער קאָן זיך נאָך אַף אונדז מראַכעם זיין . . . אָבער ווען עס וואָלט שוין אַפילע גאָרניט געבליבן פאַר מיר, וואָלט איך עס אויך פאַר ליב גענומען. נישקאָשע, עס לוינט זיך אַליין צו ליידן, אָבי צו זען ווי די נאַצים דאָ האָבן זייער פאַרגעניגן! (לאַכט. קוקט זיך אַרום איבערן צימער) נו, קינדער, געגאַנגען! . . . (די צוויי נאַצים אַף דער שלאָף־באַנק דרייען זיך, קאָרטשען זיך און קרעכצן. די לעכט אין די לייכטערלעך צאַנקען און לעשן זיך. עס ווערט טונקעלער. זאַלמען שטופּט אַרויס גיט־לען, מירעלען, כאַפּט אַ לעצטן קוק אַף די נאַצים און שפּייט אויס) טפו זאָלט איר ווערן, איר פאַרשאָלטענע אונטערוועלטיקע איבערמענטשן! טפו! . . . (ער גייט אַרויס און פאַרהאַקט די טיר הינטער זיך. דייטשן קרעכצן).

דאָס קײטעלע

[קאָמעדיע־דראַמע אין 1 אַקט]

דאָס קייטעלע

(קאָמעדיע־דראַמע אין 1 אַקט)

אַנטיילנעמער אין דער שפּיל:

דזשין .... אַ שיינע קאָקעטישע מיידל פון אַ יאָר 23
דזשעין .... אַן אַנדער מין שיינקייט, אַ מער פּראַקטישע
דעיוו .... אַ נאַר־וואָס באַפרייטער סאָלדאַט
פּאָול .... אַ יונגערמאַן, דזשינס אַ פריינט

די סצענע שטעלט פאָר אַ נעט־מעבלירט גאַסט־צימער, וואו עס וואוינען די צוויי כאַווערטעס דזשין און דזשעין. אַ פיינער דיוואַן, אַ ווייך־געבעטע שטול, אַ שיין מאָדערנע טישל מיט אַ וואַזאַן בלומען און אַ פּאָר זשורנאַלן און ביכער דערויף. אַ העסאַק, אַ טעלעפאָן־טישל און אַ טעלעפאָן... בעאייס דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף, שטייט דזשין — אַנגעטאַן אין אַ שיין זיידן הויז־קליידל — מיט איין קני אפן העסאַק און רעדט אין טעלעפאָן. עס איז אָוונט־צייט.

דאָס קייטעלע

דזשין: (רעדט דערהויבן אין טעלעפאָן) **יאָ, דאַרלינג, זיכער! זיכער!... דאַרפסט נאָך פרעגן?...**

דזשעין: (קומט אַריין פון אַנדערן צימער, אָנגעטאָן גרייט צום אַוועקגיין) **נו, איך גיי שוין, דזשין!...** (דערזעט זי ביים טעלעפאָן) **וואָס האָסטו זיך עס גאָר איצט אַוועקגעשטעלט ביים טעלעפאָן? דיין פריינט פאָול, זאָגסטו דאָך, דאַרף באַלד אַרויפקומען...**

דזשין: (ווייזט איר מיט אַ האַנט זי זאָל שווייגן און וואַרטן. רעדט ווייטער אין טעלעפאָן אַריין) **איז אין אַ האַלבער שאָ אַרום זעען מיר זיך?... אָ, וואויל, פיין!... איך וואַרט מיט גרויס אומגעדולד, דאַרלינג!... גוד־באַי, סוויטהאַרט, גוד־באַי!** (לייגט אַוועק דאָס טרייבל) **נו, דאַרלינג, איך וועל שוין היינט מיט פאָולן ניט קאָנען גיין אין דער מואווי...**

דזשעין: (אָן איבעררעאַשונג) **וואָס איז? וואָס איז געשען?...**

דזשין: **ווייסט ווער עס האָט מיר איצט טעלעפאָנירט?...**

דזשעין: **אַוואַדע פאָול, אַז ער קאָן ניט קומען...**

דזשין: **ביין. ניט פאָול...**

דזשעין: **ווער דען?**

דזשין: **טרעף!**

דזשעין: **איך בין ניט קיין טרעפערקע...**

דזשין: **דאָך...**

דזשעין: (נערווירט) **אָ, ווילסט זאָגן — זאָג. ווילסט ניט — זאָג ניט. אָבער צי מיך ניט אָן גלאָט אין דער וועלט אַריין!...**

דזשין: **אָ, דו מאַכסט מיך קראַנק! באַלד עפּעס ביסטו דאָ מיט דיין מאָראַל־פרעדיקעריי!...**

דזשעין: **איך פרעדיק דיר ניט קיין מאָראַל. איך זאָג דיר נאָר, אַז איך קאָן ניט זאָגן ווער עס האָט טעלעפאָנירט, אויב איך ווייס עס ניט...**

דזשין: **נו גוט, איך וועל דיר זאָגן, זאָגן, אָבער וועסט זיין איבעררעאַשט...** (קוקט שאַרף אָף איר, צו זען איר רעאַקציע) **דעיוו! דעיוו האָט מיר טעלעפאָנירט!...**

דזשעין: (איבעררעאַשט) **דיין דעיוו? וואָס רעדסטו? פון וואַנען?...**

דזשין: **ער איז שוין דאָ צוריק אין לאַנד. ער זאָגט, אַז ערשט נעכטן האָט**

ער געקראָגן זיינע באַפרייאונג־פּאַפּירן אין קעמפּ און אַז ער איז שפּעט ביינאַכט אַהיימגעקומען. ער האָט שוין היינט עטלעכע מאָל טעלעפאָנירט, אָבער קיין ענטפער ניט געקראָגן . . .

דזשעין: איך בין זייער צופרידן צו הערן, אַז ער איז שוין דאָ . . .

דזשין: (לאַכט) ער זאָגט, אַז איך בין ביי אים די צווייטע אפן טאָג־אָרדנונג.

דזשעין: די צווייטע? (איראָניש) און ווער איז ביי אים די ערשטע?...

דזשין: ניט ווער, נאָר וואָס . . . די ערשטע זאַך, זאָגט ער, איז ביי אים געווען אַרונטערצוּוואַרפן פון זיך דעם מיליטערישן אוניפאָרם און אַריינ־צוקריכן אין ציווילע קליידער...

דזשעין: מיינט עס, אַז ער איז שוין פולשטענדיק באַפרייט? אויס סאָלדאַט? טאַקע אינגאַנצן באַפרייט?...

דזשין: יאָ, אַזוי זעט עס אויס, דאַרלינג!...

דזשעין: דאָס איז פיין, זייער פיין! איך בין שטאַרק צופרידן . . .

דזשין: און באַלד קומט ער אַרויף אַהער . . .

דזשעין: טאַקע? וואָס זשע וועסטו טאָן מיט פּאָולן? ער דאַרף דאָך אויך, האָסטו געזאָגט, באַלד אַרויפקומען . . .

דזשין: זאָג איך דאָך דיר דערפאַר, אַז איך וועל שוין היינט מיט אים אין קיין מאָווי ניט קאָנען גיין... (מיטאַמאָל) הער נאָר, דזשעין דאַרלינג, עפּשער וואָלסטו מיר געטאָן די טויווע און דו וואָלסט היינט געגאַנגען מיט פּאָולן?!...

דזשעין: ביסט מעשוגע, צי וואָס? וואָס קער איך זיך אָן מיט אים?...

דזשין: זע נאָר ווי זי האָט עס אויפגעציטערט!... פּאָול איז דאָך ניט קיין ווילד־פרעמדער פון גאַס. איך האָב דאָך דיך שוין באַקענט מיט אים. ער איז דאָך מיין פריינט!...

דזשעין: דיינער מיינט דאָך ניט מיינער . . .

דזשין: איך פאַרשטיי דיך ניט, דזשעין דאַרלינג! וואָס ביסטו עס אַזוי אָנ־געדראָדלט אף אים? עמעס, פּאָול איז טאַקע געווען אַ „פיר־עפניק“ און מען האָט אים אין דער אַרמיי ניט גענומען. אָבער ער איז פונדעסט־וועגן אַ גאַנץ פיינער און שיינער יונגערמאַן, אַ גוטער פאַרדינער און דערצו נאָך טאַקע אַ ספּאָרט אויך. אַלע מיידלעך ביי אונדז אין אָפיס האָבן אים ליב. און לאָמיך דיר זאָגן דעם עמעס, אַז וואָלט איך ניט געהאַט דעיווזן, וואָלט איך שוין לאַנג געווען אָנגענומען פּאָולס פאַרשלאָג כאַסענע צו האָבן מיט אים . . .

דזשעין: איך ווייס, אַז ער געפעלט דיר, אַז ער איז לויט דיין געשמאַק — אַ ספּאָרט, וואָס דאָס איז ביי דיר דער איקער. איך ווייס אויך, אַז דו פלירטעוועסט אונטער מיט אים . . . אָבער איך האָב דאָך נאָך מיט אים קיין צוויי ווערטער אַפילע ניט אויסגערעדט, אַ כוץ אַ באַגריסונג . . .

איך האָב עפּעס קיין שום געפילן ניט צו אים. איך ווייס ניט פאַרוואָס, אָבער אַזוי איז עס . . .

דזשין: ביסט אַ נאַר און אַן אַקשן! אַזעלכע יונגעלייט וואַלגערן זיך ניט אין די גאַסן היינטיקע צייטן . . .

דזשעין: צי זיי וואַלגערן זיך יאָ, אָדער ניט — גייט מיך ניט אָן. דערווייל שטיי איך סיי ווי סיי ניט אין קיין שידוכים . . . (טראַכט אַ ווייל) נו, וואָס שטיי איך נאָך דאָ? איך וויל דאָך צוגיין צו מיין שוועסטער . . .

דזשין: (מיט פאַרוואורף) וואָס? נאָכדעם וואָס איך דערציי̈ל דיר דאָס אַלץ, נעמסטו און ווילסט טאַקע אַוועקגיין? גייסט מיך איבערלאָזן איינע אַליין מיט צוויי יונגעלייט אַף מיינע הענט? . . . (אַנדערש, ווייך) איך בעט דיך, דזשעין דאַרלינג, מוזסט מיר היינט אַרויסהעלפן. קאָנסט מיך איצט ניט איבערלאָזן אַליין אין אַזאַ לאַגע . . .

דזשעין: וואָס זשע ווילסטו זאָל איך טאָן?...

דזשין: הערסט?! איך רעד זיך אָן ווי אַ פּאַס און זי פרעגט ערשט וואָס זי זאָל טאָן?... איך וויל, דו זאָלסט גיין מיט פּאָולן אָנשטאָט מיר...

דזשעין: דאָס איז אויסגעשלאָסן. האָסט ניט וואָס צו רעדן . . .

דזשין: נו, אויב דו ווילסט ניט גיין, איז בלייב כאָטש דאָ ביז ער וועט קומען... איך וואָלט ניט וועלן, אַז דעיוו זאָל אָנקומען און מיך טרעפן מיט אַ צווייטן יונגנמאַן. איך וויל ניט ער זאָל זיך דערוויסן, אַז מען איז געקומען מיך נעמען אין אַ מאָווי אַריין . . . זאָל עס הייסן, אַז מען איז געקומען נאָך דיר, צו דיר . . .

דזשעין: (גוטמוטיק) איך האָב דיר אָבער שטענדיק געזאָגט, דזשין, אַז עס איז אוממעגלעך זיך צו באַלאַנסירן אַף צוויי בענקלעך . . . איינמאָל וועט זיך אַ בענקל אומגעריכט עטוואָס אַ רוק טאָן פון אונטער דיר און דו וועסט מוזן אַרונטערפאַלן . . .

דזשין: (געבראָכן) איך בעט דיך, דזשעין דאַרלינג, זאָג מיר היינט ניט קיין מוסער . . . העלף מיר בעסער . . . בלייב דאָ . . .

דזשעין: (שפּאַסיק) בלייבן און דיר שטערן דיין באַגעגעניש מיט דעיוון?... דו דאַרפסט דאָך מיך זיכער ניט האָבן פאַר קיין שותף צו אים . . .

דזשין: אָ, דו וועסט דאָך אים ניט גיין צונעמען ביי מיר . . . סיי ווי סיי, איך מיין, אַז זאָלסט בלייבן ביז פּאָול וועט קומען און דערנאָך . . . (מיט געבעט) זאָל עס הייסן, אַז ער איז דיין פריינט און . . . (מיטאַמאָל) שאַ, ווייסטו גאָר וואָס, מיר וועלן מאַכן אַ שטיקל סימכעלע, אַ מין „וועלקאָם האָום"-פּאַרטי לעקאָוועד דעיוון. גוט?... (פויזע) באַזונדערס גלויב איך, אַז עס וואָלט דיר אָסער געשאַדט, דאַרלינג, ווען דו פאַרברענגסט אַמאָל מיט אַ יונגנמאַן . . . ווי לאַנג איז עס שוין וואָס דו ווילסט אַפילו קיין דעיט ניט מאַכן מיט קיין באָכער?...

דזשעין: דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז נאָך מיין באַקענען זיך מיט יענעם סאָלדאַטל אין קאַנטין, האָב איך שוין מער קיין צוטרוי ניט צו קיין יונגעלייט. איך פֿיל זיך אַנטוישט, אָפּגענאַרט. שטעל זיך פֿאָר, באַקענסט זיך מיט אַ סאָלדאַטל, ער שווערט דיר, אַז ער האָט זיך פֿאַרליבט אין דיר אָפֿן ערשטן בליק, זאָגט דיר צו, אַז ער וועט דיר שרייבן יעדן טאָג און פֿאַרלאַנגט אַ צוזאָג, אַז אויך דו וועסט אים שרייבן, אָבער . . . אָט ווערט ער אַריבערגעשיקט אַף דער צווייטער זייט יאַם און . . . פֿאַרגעסט צי דו האָסט עקזיסטירט אַפּילע... (טראַכט) עפּעס נאַר ווי דער יאַם וואָלט דיך אַרויסגעזויגן פֿון זיין זיקאָרן. נו, גיי גלויב אַ מאַן . . .

דזשין: דו ביסט ווי אַ קינד, דזשעין, נאַר ווי אַ קינד! דו, אַז דו בריסט זיך אָפּ מיט הייסן, בלאָזסטו שוין אַף קאַלטן אויך! . . . מען טאָר דאָך ניט אַזוי זיין . . . אַזויאַרום, דאַרלינג, וועסטו דאָך קיינמאָל פֿאַר זיך קיין יונגנמאַן ניט קאָנען קריגן . . .

דזשעין: נו, מיילע, וועט עס מיך עפּשער טאַקע פֿאַרדריסן, אָבער דאָס לעבן וועל איך זיך איבער דעם פֿאַרט ניט נעמען... אַפּאַנים, אַז היינטיקע צייטן קאָן אַ פֿרוי זיך גאַנץ פֿיין אויסלעבן די יאָרן אָן אַ באַכער אויך . . .

דזשין: אָן אַ באַכער — עפּשער יאָ. אָבער אָן אַ מאַן — איז עפּעס ניט אַזוי אָנגענעם. וועסט דאָך מיר מוזן צוגעבן, דאַרלינג, אַז צו לעבן איינע אַליין אַף דער וועלט דאָס גאַנצע לעבן, אָן אַ מאַן, אָן אַ געליבטן, — איז עפּעס ניט אַזוי געשמאַק . . . מיר דאַרפֿסטו דאָך ניט דערציילן קיין מאַיסעס. איך ווייס ווי דו ליידסט איבער דעם . . . איך ווייס, אַז דו וואָלסט גאַנץ גוט געוואָלט זיך באַקענען מיט עפּעס אַ לייטישן יונגנמאַן און כאַסענע האָבן. נו, פּראָביר דאָס אַפּלייקענען . . .

דזשעין: איך זאָג ניט אַז ביין. אויב עס וועט זיך מיר טרעפֿן עפּעס אַ פֿיינער און לייטישער מענטש, וועל איך . . .

דזשין: פּאָול איז אַ פֿיינער, אַ לייטישער מענטש . . .

דזשעין: ער איז אָבער ניט לויט מיין גוסט . . .

דזשין: זאָגסט דאָך, אַז דו קענסט אים אַפּילע ניט ווי געהעריק. יעדנפֿאַלס, בלייבן דאָ מיט אים, שמועסן, און בלויז היינט . . .

דזשעין: נו, גוט, וועל איך דיר דאָסמאָל צוליב טאָן און בלייבן. איך זאָג דיר אָבער פֿאָרויס, אַז איך פֿאַרפּליכט זיך ניט אויסצוזיצן דאָ דעם גאַנצן אָוונט, אויב איך וועל עס ניט געפֿינען פֿאַר נויטיק. וועט ער זיך אַרויסווייזן צו זיין אינטערעסאַנט פֿאַר מיר, וועל איך זיין אַ ספּאָרט און זיצן און רעדן מיט אים. אויב אָבער ניט, וועל איך פּאַשעט אַ געגעץ טאָן, זאָגן אַ גוטע נאַכט און וועל אָן צערעמאָניעס אַריין צו זיך אין צימער און זיך לייגן שלאָפֿן . . .

דזשין: ביסט אַ נאַר און אַ שלעכטע דערצו! (דרייט זיך אַרום אויפֿגערעגט)

וואָס זשע טוט מען? וואָס זשע טוט מען? ... (שטעלט זיך מיטאַמאָל אָפּ, דרייט זיך אויס צו דזשעין) אַ פיינער פריינט ביסטו מיר! יאָ, אַ פיינער פריינט!... ביסטו, הייסט עס, גרייט זיך אויפצוהויבן און מיך איבער־לאָזן אין אַזאַ סיטואַציע איינע אַליין מיט צוויי יונגעלייט?!...

דזשעין: נו גוט, גוט, שוויג שוין. דיר צוליב ... (נעמט אַרונטער פון זיך דעם זשאַקעט, זעצט זיך צו אויפן דיוואַן) אַזוי ... הייסט עס, אַז באַלד קומען אָן צוויי יונגעלייט צו דיר ... גאַרניט קיין שלעכטע דערגרייכונג, כ'לעבן. האָ, דזשין? ... נו, אויב אַזוי, דאַרף מען דאָך האָבן עפּעס מיט וואָס זיי אויפצונעמען. האָבן מיר כאָטש עפּעס אין הויז?...

דזשין: קאַווע, טיי, צוקער, שמאַנט — האָבן מיר. געבעקס און פרוכטן — האָב איך פריער געבראַכט מיט זיך. נו, וואָס נאָך דאַרף מען האָבן?...

דזשעין: דאָס וועט אַוואַדע גענוג זיין. קיין כאַסענע וועלן מיר דאָך היינט דאָ זיכער ניט פּראַווען ...

דזשין: (לאַכט) אַפילו קיין טנאָאים אויך ניט! (כאַפּט פלוצים אַרום דזשעין, קושט זי) אָ, דזשעין דאַרלינג, ווייסט גאַרניט ווי צופרידן איך בין. ווייסט גאַרניט ווי צערודערט איך בין!...

דזשעין: איך שטעל זיך עס פאָר! (פויזע) ווייסט, דזשין, אַביסל בין איך דיך פאָרט מעקאַנע. דו האָסט טאַקע מאַזל צו די יונגעלייט! זיי קומען פאַר דיר ניט איינציקווייז, נאָר מאַסנווייז — האָלסעיל ... און באַקענסטו זיך מיט אַ סאָלדאַטל, ווערט ער ווי צוגעקלעפּט צו דיר און שרייבט צו דיר די גאַנצע צייט, ניט ווי איך, שלימעזאַלניצע ... אָט, ערשט היינט אָנגעקומען, און שוין קומט ער דיך זען. און ... ווער ווייסט, ער קאָן דיר נאָך היינט עפּשער מאַכן אָן ערנסטן פאָרשלאָג אויך ...

דזשין: (דערהויבן) איך וועל גאַרניט זיין איבערראַשט, דאַרלינג, אויב יאָ... יעדנפאַלס, גלויב איך, אַז אויב ניט היינט, וועט ער עס טאָן מאָרגן. איך האָב דאָס פון זיינע בריוו אַרויסגעלייענט. ער האָט מיר ניט אויפגעהערט שרייבן אין זיינע בריוו ווי שטאַרק ער בענגט נאָך מיר, ווי ער טרוימט וועגן מיר און ציילט די טעג מיך ווידער צו קאָנען זען און ווידער מיך האַלטן אין זיינע אָרעמס ... איך זאָג דיר, אַז עס איז גאָר ניט צו דער־קענען, אַז דאָס איז דער זעלביקער שעמעוודיקער באָכער מיט וועמען איך האָב זיך מיט אַנדערהאַלבן יאָר צוריק באַקענט ... ווילסט עפּשער זען זיינס אַ בריוו, דאַרלינג?...

דזשעין: צו וואָס? איך גלויב דיר! איך קאָן דיך פאַרזיכערן, דזשין, אַז איך פאַרגין עס דיר פון גאַנצן האַרצן, גלויב עס מיר ...

דזשין: אַ דאַנק, דאַרלינג! (קושט זי).

דזשעין: די היינטיקע באָכערים זענען געוויינטלעך דרייסטער אין בריוו און פון דערווייטנס. ווען עס קומט זיי אָבער אויס אין ווירקלעכן לעבן צו

מאַכן אַן ערנסטן שריט, אַזוי לייגן זיך ביי זיי די צונגען אין קימפּעט און . . . איך גלויב, אַז עס איז די אויפגאַבע פון דער פרוי, אויב זי האָט נאָר ליב דעם באַכער, אים אַרויסצוהעלפן אַף אַ דיפּלאָמאַטישן אויפן, אַרויספירן אים אַף די רעלסן, אַזוי צו זאָגן . . .

דזשין: (קוקט זי אָן און צעלאַכט זיך) זע נאָר ווער עס רעדט! דו? . . .

דזשעין: יאָ, איך . . .

דזשין: פאַרוואָס זשע האַנדלסט דו ניט אַזוי? . . .

דזשעין: ווייל איך בין נאָך דערוויל צו אַזאַ פונקט ניט צוגעקומען. יעדנ־פאַלס, יענער יונגערמאַן מיט וועלכן איך האָב זיך געהאַט באַקענט און פון וועלכן איך האָב שוין דערנאָך קיינמאָל ניט געהערט מער, האָט זיך ניט געניוויטיקט אין מיין הילף. ער איז געווען אַ דרייסטער, שוין אַביסל צו דרייסט . . .

דזשין: ווען איך דערמאָן זיך וואָסער שעוועמדיקער און צוריקגעהאַלטענער מיין דעיוו איז געווען בעאַיס איך האָב זיך באַקענט מיט אים, גלוסט זיך מיר אַזש לאַכן . . . ער האָט דאָן געמאַכט אַף מיר אַן איינדרוק ווי ער וואָלט קיין צוויי ניט געקאָנט ציילן . . . ער איז געזעסן ביי זיין טישל, נאָכגעפאָלגט מיין יעדן באַוועג און אַרונטערגעלאָזט די אויגן ווען אונ־דזערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. ער האָט מיך אַזש פאַראינטריגירט. אָבער ווייסט דאָך, אין קאַנטין האָב איך ניט געטאָרט צוגיין צו אים. האָב איך גערעדט צו אים פונוויטנס מיט די אויגן בלויז . . . שפּעטער, ווען איך האָב אויסמאַנעווורירט, אַז ער זאָל מיך איינלאַדן צום טאַנצן, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער ווערט אַף צומאָרגנס אַוועקגעשיקט קיין איראָפּע... איך האָב אים געפּרואווט טרייסטן, אַז זיין מיידל וועט אים אָוואַדע שרייבן און ער וועט זיך ניט פילן איינזאַם. אָבער ער האָט אַלץ געשוויגן. דער־נאָך, אַז איך בין שוין געווען אַף מיין וועג אַהיים, האָב איך אים דערזען אינדרויסן וואַרטנדיק. אַף מיין איינלאַדונג האָט ער מיך באַגלייט אַהיים און ווידער, קימאַט אַפן גאַנצן וועג, געשוויגן, עפעס נאָר ווי ער וואָלט געטראַכט וועגן עמעצן . . . איך האָב אים דאָן געגעבן מיין נאָמען און אַדרעס, פאַרגעלייגט ער זאָל מיר שרייבן און צוגעזאָגט ענטפערן יעדן בריוו . . . האָט ער געשריבן און מיט יעדן בריוו געוואָרן אַלץ וואַרעמער, נעענטער, אינטימער . . .

דזשעין: אַפאַנים, אַז ווי אַ טייך האָט פאַרשידענע פיש, אַזוי האָט די וועלט פאַרשידענע מענטשן . . . (ווי אין כאַלעם) מיינער איז געווען פונקט פאַר־קערט. אים האָט מען געדאַרפט אַריבערשיקן מיט צוויי טעג שפּעטער און ער האָט געזוכט פריינטשאַפט אין מיר . . . ער האָט מיך מאַמעש פון די פיס אַרונטערגעקלאַפט מיט זיין וואַרעמער צודרינגלעכקייט. און אַלעמאַי זאָל איך לייקענען? ער איז מיר געפעלן און איך האָב ניט

געקאָנט אים אָפּזאָגן זיין פאַרלאַנג צו דערלויבן אים מיך באַגלייטן אַהיים...
(טוט אַ זיפץ) זעסטו, דזשין, אַז איך האָב זיך שוין יאָ באַגעגנט מיט אַ פיינעם באָכער, וואָס איז מיר געפעלן און וואָס האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַן ערנסטן, ארנטלעכן יאַט, האָב איך אים מער ווי אַן איינציק מאָל ניט געזען . . .

דזשין: דעיוו האָב איך אויך ניט געזען מער ווי איין מאָל, איין אָוונט . . .

דזשעין: (ווי צו זיך) ער האָט געזאָלט צוקומען אין קאַנטין אף צומאָרגנס, קעדיי צו זען מיך אַ צווייט מאָל פאַרן אָוועקפאָרן, אָבער . . . יענעם אָוונט האָב איך, צו מיין שלימאַזל, זיך געפילט ניט מיט אַלעמען און ניט געקאָנט צוגיין אין קאַנטין. נו, און טעלעפאָנירן אַהינצו, ווייסטו דאָך, האָט מען וועגן אַזאַ זאַך ניט געטאָרט . . . ווייס איך איצט אַפילע ניט, צי ער האָט געהאַלטן וואָרט און איז געקומען אין קאַנטין, אָדער ניט . . . מיט אַ טאָג שפּעטער איז ער שוין געווען אַף דער שיף אַפן וועג קיין איראָפּע און . . . ווער ווייסט צי ער לעבט נאָך . . .

דזשין: (גערירט) אַ, פאַרוואָס זאָלסטו אַזוי טראַכטן, דאַרלינג ?...

דזשעין: (לאַכט ביטער) פאַרוואָס איך זאָל אַזוי טראַכטן ? . . . ער האָט זיך דאָך אַזוי געשוואוירן, אַז ער וועט מיר שרייבן, אַז איך האָב אים געמוזט גלויבן. צום סאָף . . . אַפילע קיין איינציק פּאָסט־קאַרטל מיר ניט צו־געשיקט . . . וואָס זשע אַנדערש בלייבט מיר דען צו טראַכטן ?...

דזשין: האָסטו זיך נאָכגעפרעגט וועגן אים אין זיין אָפּטייל ?...

דזשעין: ווי אַזוי ? אַז איך האָב דאָך אַפילע זיין נאָמען ניט געוואוסט . . . יאָ, דעם ערשטן נאָמען זיינעם האָט ער מיר יאָ געזאָגט, אָבער, דער עמעס איז, אַז איבער דער צייט האָב איך אים שוין אויך ווי פאַרגעסן . . . עפּעס באַמבלט זיך מיר אין קאָפּ, אַז אויך ער האָט געהייסן דעיוו, אַזוי ווי דיינער . . .

דזשין: מאָדנע . . .

דזשעין: יאָ, מאָדנע. אָבער צי איז דען פאַראַן איין רויטע קו אַף דער וועלט ?

דזשין: (לאַכט) לויט ווי דו מאָלסט אים אויס, זעט אויס אַז ניט . . .

דזשעין: איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן יענע זיסע שאָ פון אונדזער באַ־קענען זיך . . . איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן ווי ער האָט, בעאייסן טאַנצן מיט מיר, מיך איידל געפרעגט צי איך בין נאָך פריי און אַף מיין שמייכל מיר אין אויער אַריין קימאַט אויסגעזונגען, אַז איך האָב אים פאַרקישעפט און אַז ער האָט זיך פאַרליבט אין מיר אַזוי גיך ווי ער האָט מיך נאָר דערזען . . . ער האָט פאַרגאַנוועט געקושט מיינע הענט, זיך געטוליעט מיטן קאָפּ אין מיינע האָר, מיר געקוקט אין די אויגן אַריין און מיר געשוואוירן, אַז זיי רעדן צו אים מיט צוזאָג און ליבשאַפט. שפּעטער האָט ער מיך אָפּגעפירט אַהיים, צו מיין שוועסטער, ביי וועלכער איך האָב

דעמאָלט געוואוינט, און ביים געזעגענען ניט אָפּגעטראָטן ביז איך האָב אים ניט דערלויבט מיר אַ קוש צו טאָן און ביז איך האָב אים ניט געגעבן מיין האַנט מיט אַ שוואוע, אַז איך וועל ענטפערן אים אַף יעדן בריוו זיינעם . . . ער האָט פאַרשריבן מיין נאָמען און אַדרעס אַף אַ שטיקל פאַפיר און מאַמעש געוויינט ווען ער האָט געדאַרפט אַוועקגיין פון מיר. . . ספּעציעל וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן זיינע לעצטע ווערטער. איך בין גליקלעך, האָט ער געזאָגט, וואָס איך האָב אין דער לעצטער מינוט פאַרן אַוועקפאָרן אַפן פראָנט כאָטש געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט דיר און וואָס איך וועל דעריבער איצט קאָנען מיטטראָגן מיט זיך דיין ליבן אָנדענק, וואָס וועט מיך שטאַרקן אין קאַמף קעגן די נאַציס און מיך באַשירעמען פון אַלדאָס בייז . . . באַזונדערס האָט מיך גערירט זיין דערקלערונג, אַז איצט, ווען ער גייט אַוועק אַפן פראָנט מיט ליבע אין האַרצן, גייט ער אָן שום שרעק און מוירע, ווייל דאָרט וואו עס איז פאַראַן ליבע, האָט ער געזאָגט, קאָן דער מאַלעך־האַמאָוועס קיין שליטע ניט האָבן . . .

דזשין: הםםם . . . אַ גאַנצער פּאָעט און דאָך אַ ליגנער! . . . און איך זאָג דיר, דאַרלינג, אַז מיך וואָלט אַזאַ ניט געקאָנט נאַרן! איך וואָלט שוין געוועזן דערקענט און וואָלט אַזאַ ניט געטרויט אַפילע קיין איינציקן קוש. מען זעט דאָך גלייך, אַז ער האָט דיך גענאַרט.

דזשעין: איך גלויב ניט, אַז ער האָט מיך גענאַרט! ניין! גיכער גלויב איך, אַז ער איז אומגעקומען . . .

דזשין: איידער ער האָט דיר נאָך אַפילע אַן איינציקן בריוו געשריבן? גיי שוין, גיי, אַפילע קיין אָנדענק דיר ניט געלאָזט פון זיך . . .

דזשין: אָ, אַן אָנדענק האָב איך גראָד יאָ פון אים. זעסט (ווייזט איר אַ קייטעלע), ער האָט מיך מאַמעש געצוואונגען צו נעמען ביי אים אָט דאָס־אָ קייטעלע. ער האָט געזאָגט, אַז עס האָט ביי אים אַ גרויסן סענטימענטאַלן ווערט, ווייל עס האָט געהערט צו זיין פאַרשטאָרבענער מוטער און אַז ער וויל עס ניט מיטנעמען מיט זיך אַף די פראָנטן, טאָמער וועט עס פאַרלוירן גיין . . . האָט ער עס מיר געגעבן און מיך געבעטן עס האַלטן פאַר אַ מאַשקן ביז ער וועט צוריקקומען און וועט עס פון מיר אויסלייזן מיט אַ פאָרשלאַג כאַסענע צו האָבן . . . (ביטער) האַלט איך עס נאָך אַלץ מיט דער האָפענונג, אַז עפשער וועל איך אים דאָך ווען עס איז באַגעגענען, כאָטש ווי אַזוי דאָס קאָן געשען, ווייס איך אַליין ניט . . .

דזשין: אַלץ איז מעגלעך אין אונדזער וועלטל, דאַרלינג. אַלץ איז מעגלעך! זאָל ער זיך נאָר אומקערן אַהיים, וועט ער דיך שוין אויפזוכן . . .

דזשעין: אַז ער וואָלט אינזינען געהאַט מיך אויפצוזוכן, וואָלט ער מיך באַלד אין אָנהויב ניט פאַרלוירן. געדענקען און פאַרגעסן איז ניט נאָר בלויז אַ

פּיזיאָלאָגישער פּראָצעס, נאָר אויך אַ פּסיכאָלאָגישער; אַז מען וויל ניט געדענקען — קאָן מען פאַרגעסן . . .

דזשין: איך ווייס ניט אַט די פילאָזאָפיע. איך ווייס בלויז, אַז ביי אַ סאָלדאַט אָפּן פראָנט האָט געקאָנט פּאַסירן, אַז ער זאָל פאַרלירן דיין אַדרעס. עס קאָן זיך דאָך טרעפן אַזאַ זאַך, עפּשער ניט, דאַרלינג?...

דזשעין: יאָ, עס קאָן זיך טרעפן. און אויב דאָס האָט טאַקע געטראָפן, האָב איך אים סיי ווי סיי פאַרלוירן, איז ער פאַר מיר ווי געשטאָרבן . . .

דזשין: אָבער דעם מוט פאַרלירן איבער דעם, דאַרפסטו ניט. וועט עס ניט זיין דער, וועט עס זיין אַ צווייטער. אַט קומט באַלד אַרויף פּאָול און . . . ווער קאָן וויסן, עפּשער וועט איר זיךביידע געפעלן און . . . (צעלאַכט זיך) ביי דיר קאָן נאָך אַמאָל זיין אַ כאַסענע פריער ווי ביי מיר, כאָטש איך האָב שוין אַ פאַרטיקן כאָסן . . . (טוט זיך מיטאַמאָל אַ כאַפּ) אוי, וואָס זשע זיצן מיר דאָ און פּלאַפּלען? אַט קומען זיי דאָך באַלד אַריין, און מיר — גאָרניט, האָבן זיך נאָך אַפילו ניט צוגעפּראָוועט . . .

דזשעין: איך דאַרף זיך ניט צופּראָווען. איך . . .

דזשין: עך, אַ שרעק וואָסער פּעסימיסטקע דו ביסט! הער אַ מאַיסע, אַלע אָוונט — יאָ, נאָר היינט, דאַווקע ווייל עס קומען געסט — ניט? . . . עך, לאָז מיך שוין אָפּ מיט דיינע קרענקלעכע שטיק! . . .

דזשעין: (לאַכט גוטמוטיק) מעשוגענע! ווער זאָגט אַז מען דאַרף ניט? איך זאָג נאָר, אַז איך דאַרף ניט, ווייל איך האָב זיך נאָך פריער צערעכט געמאַכט, ווען איך האָב זיך געקליבן גיין צו מיין שוועסטער . . . דו, זעסטו, דאַרפסט זיך יאָ אַביסל צופּראָווען. גיי, טו, איך וועל דאָ וואַרטן!

דזשין: אַזוי רעד! (לאָזט זיך גיין צום שלאָף־צימער, שטעלט זיך פּלוצים אָפּ) ווייסט, דאַרלינג, וואָס מיר איז איצט איינגעפאַלן? איך האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז עס וואָלט עפּשער געווען אַ געדאַנק אָפּצושפּילן אַ שפּיצל מיט דעיוון . . . איך מיין, קעדיי צו זען, צי ער געדענקט מיך נאָך, וואָלט עפּשער געווען אַ פּלאַן מיר זאָלן אים ניט אויסזאָגן ווער פון אונדז איז ווער און זאָל ער אַליין אויסקלייבן ווער זיין מיידל איז . . .

דזשעין: צו וואָס זאָלסטו זיך שפּילן מיט פייער? וואָרים וואָס וועט זיין אויב ער וועט טאַקע ניט געדענקען און וועט גאָר צוגיין צו מיר און מיך אויסקלייבן? . . . נאָך אַלעמען איז עס דאָך שוין אַנדערהאַלבן יאָר און זיין זיקאָרן וועגן דיין אויסזען קאָן ביי אים זיין פאַרנעפּלט . . .

דזשין: וואָס זשע, וועלן מיר אים דעמאָלט אויסזאָגן און האָבן פון וואָס זיך אָנצולאַכן . . .

דזשעין: און וואָס וועט זיין, אויב ער וועט שוין נאָכן אויסזאָגן דאָך בלייבן ביי מיר? איך מיין, אויב איך וועל אים בעסער געפעלן זיין?...

דזשין: (אויפגערעגט) הערסטו, דזשעין, ווען דו ביסט ניט מיין גוטער

פריינט, וואָלט איך דיר איצט דערפאַר... (בייז) פאַרוואָס זאָל ער גראָד דיך אויסקלייבן, און ניט מיך?...

דזשעין: דאָס איז דאָך געווען דיין שפּאַס, ניט מיינער, שפּאַס איך איצט אויך...

דזשין: דיינע שפּאַסן זיינען טאָמיד ווי אַ שאַרף מעסער...

דזשעין: נו גיי שוין, באַרעלע, גיי שוין! זיי רואיק! איך וועל ביי דיר דיין כאַסן ניט צונעמען. מעגסט זיין זיכער אין דעם!...

דזשין: דאָס ווייס איך. דעריבער האָב איך דאָך געשפּאַסט...

דזשעין: שפּאַסן האָבן אָבער גרענעצן. און איך ראָט דיך, אַז זאָלסט ניט זיין אַזוי פריגיביק מיט אַזעלכע שפּאַסן. נו־נו, פאַרגעס וועגן דעם!... גיי אַריין און פּראַווע זיך צו!... אַגעוו, זיי אַזוי גוט און נעם מיט זיך מיין זשאַקעטל! (גיט איר דאָס זשאַקעטל. דזשין אָפּ. זי נעמט אַרומשפּאַנען הין און צוריק אין אויפרעגונג) באַגיי איך ניט אַמאָל קיין אַוולע מיט דעם וואָס איך בין געבליבן?... איך ווייס ניט, צי האָב איך עס גע־דאַרפט טאָן... עפּעס איז עס מיר דערווידער... (זי זעצט זיך אָפן דיוואַן) אָבער פון דער אַנדערער זייט פיל איך ווי עפּעס וואָלט מיך פאַר־האַלטן, ווי עפּעס וואָלט מיר אונטערגעזאָגט צו בלייבן דאָ... צוויי קעגנגעזעצטע געפילן באַוועלטיקן מיך, זיך קיין אייצע ניט צו געבן... אַ, זאָלן זיי שוין קומען, זאָל זיך שוין ענדיקן דער אָוונט... (עס דער־הערט זיך אַ קלונג אין טיר. זי ציטערט אַזש אויף און, ווי אַ פאַרלוירענע, שרייט אין שרעק אויס) דזשין, דזשין, עמעצער קלינגט! עמעצער איז שוין געקומען!... קום אַריין, גיכער!...

דזשין: (פון צווייטן צימער) וואָס זשע, בעט אַריין! איך קום שוין אַריין, נאָר איין ווייליניקע!... (דער קלונג כאַזערט זיך איבער).

דזשעין: (גייט צו דער טיר. עפנט) ביטע, קומט אַריין!... (זי טוט אַ קוק אָף דעם אַריינקומענדיקן און טרעט אָפּ אין שרעק, אויסשרייענדיק, ווי זי וואָלט דערזען אַ גייסט) גאָט מיינער! גאָט מיינער! (כאַפּט זיך ביים קאָפּ, קוקנדיק אַלץ מיט שטאַרע אויגן).

דעיוו: (קומט אַריין. פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר, קוקנדיק אָף דזשעין און שמייכלענדיק. טרעט צו צו איר מיט צעשפּרייטע אַרעמס) העלאָ, טייערינקע מיינע!... (וויל זי אַרומנעמען) העלאָ, דאַרלינג!...

דזשעין: (קוקט אָף אים מיט ברייט־צעעפנטע, שטאַרע און צעשראָקענע אויגן און רוקט זיך אַלץ אָף צוריק, האַלטנדיק זיך ביים קאָפּ. ענדלעך שטאַמלט זי אַרויס) דו?!... דעיוו?!... וואָס... טוס־טו דאָ?!... וואָס טוס...

דעיוו: (שמייכלט פאַרלעגן) וואָס הייסט, וואָס איך טו דאָ?... איך בין געקומען צו דיר, מיין ליבסטע, מיין טייערסטע! איך בין געקומען צו דיר, צו דיר, דזשין דאַרלינג!...

דזשעין: (ציטערט אַזש, קוים איינשטייענדיק אַף די פיס) איך . . . איך בין ניט דזשין . . . איך . . . דזשין איז דאָרט, אין צווייטן צימער . . . (נעמט מיטאַמאָל שרייען ווי אַ וואַנזיניקע) דזשין! דזשין! גיכער, קום אַריין!...

דעיוו: אָ, דאַרלינג, מיר וועלן שפּעטער צייט האָבן צום שפּאַסן! איצט לאָמיך דיך אַרומנעמען! (טרעט ווידער צו, וויל זי אַרומנעמען) איך האָב דאָך אַזאַ לאַנגע צייט געוואַרט אַף דעם איצטיקן מאָמענט!...

דזשעין: (ציט זיך אַלץ צוריק, פאַרשטעלנדיק אים דעם וועג צו זיך מיט איר האַנט) ניין! . . . ניין! . . . רירט מיך ניט אָן! ניט, ביז זי וועט ניט אַריינקומען! ביז זי . . . (טוט זיך אַ וואַקל, ברעכט זיך אונטער און פאַלט אין אַנמאַכט אַף דער ערד).

דעיוו: (לויפט צו. בייגט זיך צו, נעמט זי מונטערן) דזשין! דאַרלינג!... (הייבט זי אויף פון דער ערד, לייגט זי אַפן דיוואַן) וואַסער! וואו איז דאָ ערגעץ פאַראַן וואַסער? . . . (קוקט זיך אַרום צעטומלט, זוכט וואו זיך צו פאַרנעמען נאָך וואַסער, לאָזט זיך צו דער טיר פון דעם שלאָף־צימער) דאָ מיסטאָמע . . .

דזשין: (עפנט גראַד די טיר און קומט אים אַנטקעגן. טוט איין קוק אַף אים און כאַפּט אים אַרום) דעיוו! דאַרלינג! . . . (קושט אים) אָ, טייערער, ווי איך האָב עס געבענקט נאָך דעם איצטיקן מאָמענט! . . . וואָס זשע מאַכסטו פאַרט? . . . דעיוו! . . . סוויטהאַרט! . . .

דעיוו: (באַפרייט זיך פון אירע אָרעמס) גאָט מיינער, וואָס טוט זיך דאָ? גיט אַביסל וואַסער! וואַסער גיט, איך בעט אייך! . . . זי, דזשין, איז געפאַלן אין אַנמאַכט! (ווייזט אָן אַפן דיוואַן) פּליז, גיט אַביסל וואַסער! . . . (ער טוט זיך אַ לאָז אין דער קיך־טיר אַריין. עס הערט זיך אַ קלונג ביי דער אַריינגאַנג־טיר).

דזשין: (שטאַרק אויפגערעגט. קוקט צו דזשעין) הממם . . . אַזוי, הייסט עס, זי האָט טאַקע געשפּילט אַ קונץ מיט מיר? . . . זיך פאַרגעשטעלט פאַר דעיוון, אַז זי איז דזשין? . . . איך וועל איר ווייזן דערפאַר, דער פאַרעטערין . . . מיר צוגעשפּילט ווי אַ גוטער פריינט . . . (לויפט צו צום דיוואַן, טוט אַ לייכט פּעטשל דזשעין אַף איין באַק, דערנאָך אַף דער צווייטער) וואָס מאַכסטו דאָ פאַר אַ פּוילע שטיק, דזשעין? וואָס האָסטו זיך איצט גאָר גענומען שפּילן אין כאַלאַשעס־פאַלן? . . . (דאָס טיר־גלעקל קלינגט אַלץ).

פּאָול: (עפנט פאַרזיכטיק די טיר, כאַפּט אַ קוק און גייט אַריין) אַז איך שטיי און קלינג און קלינג און קיינער ענטפערט ניט . . . דערצו הער איך נאָך אַ טומל און מען שרייט, וואַסער, פאַרשטיי איך, אַז מיסטאָמע איז עמעצער געפאַלן כאַלאַשעס, — האָב איך שוין מער ניט געוואַרט און בין אַריינגעקומען אָן אַן אָפּרוף . . .

דעיװו: (קומט אַריין פון קיך מיט אַ גלאָז װאַסער) נו, װי פילט זי, דזשין? װי פילט זי? . . . אָרעם קינד, אַזוי װי זי האָט מיך נאָר דערזען, איז זי מיסטאָמע פון איבעראַשונג געפאַלן אין אָנמאַכט . . .

דזשין: (נעמט צו דאָס גלאָז װאַסער ביי דעיװון, גיט עס איבער פאָולן) זייט אַ ספאָרט, פאָול דאַרלינג, און ראַטעװעט אַפּ די דאַמע!...

פאָול: אַ דאַמע ראַטעװען, און דערצו נאָך אַ שיינע — צו יעדער צייט . . . (ער באַנעצט זיין טיכעלע און באַרירט דזשעינס שלייפן, מונטערט זי).

דזשין: (מיט אויסגעשפרייטע הענט צו דעיװון) נו, דעיװו דאַרלינג, װאָס שטייסטו עפּעס װי אַ פרעמדער? קום צו, נעם מיך אַרום! לאָמיר זיך צע־קושן, סוויטהאַרט, פאַר דער גאַנצער צייט! . . . (נעמט אים אַרום).

דזשעין: (קומט צו זיך, עפנט די אויגן. פאָול זעצט זי אויף) אָ, גאָט מיינער, װאָסער שרעקלעכער קאָשמאַר! . . . מיר האָט זיך געדאַכט — ער . . .

דעיװו: (קוקט װי אַ פאַרװירטער דאָ אַף דזשין, דאָ אַף דזשעין, און באַפרייט זיך ענדלעך פון דזשינס אָרעמס) װאָס טוט זיך דאָ? איר . . . איר זענט דזשין? . . . און װער איז זי? . . .

דזשין: זי איז דזשעין, מיין גוטער פריינט. דו קענסט זי דען, דעיװו? . . .

דעיװו: (פאַרלוירן) צי בין איך מעשוגע, אָדער װאָס? זי . . . זי איז דאָך מיין ליבסטע, מיין . . . מיין קאַלע . . . איך . . . איך האָב זיך באַקענט מיט איר אין קאַנטין צװיי טעג פאַר מיין אָװעקפאָרן קיין איראָפּע . . . איך האָב זיך מיט איר דורכגעשריבן און פריער טעלעפאָנירט, אַז . . .

דזשין: (לאַכט) דאָס האָסטו צו מיר געשריבן, דאַרלינג, צו מיר!...

דעיװו: אוי, גאָט מיינער! צו אייך גאָר?... װאָס טוט זיך דאָ?... איך . . .

דזשעין: (שטעלט זיך אויף) איצט פאַרשטיי איך שוין װאָס דאָ איז פאָר־געקומען! איצט זע איך עס שוין דורך און דורך!... דעם צװייטן אָװנט, װען איך האָב ניט געקענט קומען אין קאַנטין, האָסטו . . .

דזשין: (אויפגעבראַכט) שװייג! שװייג! זאָג איך דיר! װאָרים איך װעל דיר די האָר פון קאָפּ אויסרייסן! . . . װאָס מיינסטו, איך האָב אים צוגענומען פון דיר? . . . אַז איך האָב דאָך אַפילו ניט געװואוסט, אַז איר קענט זיך! . . . (צו פאָולן) װאָס זאָגט איר ניט צו אַזאַ כוצפּע? ! . . .

פאָול: אַלץ װאָס איך קאָן זאָגן איז, אַז מיר געפעלט עפּעס ניט די גאַנצע מאַיסע! (צו דעיװון) הערט נאָר, יונגערמאַן, צו װעלכער פון די צװיי מיידלעך האָט איר געשריבן? װעלכע פון זיי האַלט איר איז אייערע?... נאָך אַלעמען קאָנט איר דאָך ניט מאַנאָפּאָליזירן ביידע מיידלעך פאַר זיך. איך בין דאָך אויך אַ מענטש מיט אַ נעשאָמע . . .

דעיװו: (נאָך אַלץ װי פאַרװירט) איך קאָן זיך דאָ גאָרניט דערקלערן װאָס דאָ איז פאָרגעקומען. איך װייס בלויז, אַז בעאייס איך האָב געשריבן מיינע בריװו, האָב איך אין מיינע געדאַנקען, פאַר מיינע אויגן, געטראָגן

דזשינס, איך מיין, דזשעינס, געשטאַלט . . . (ווייזט אָן אף דזשעין) זי האָב איך געליבט, וועגן איר האָב איך געטראַכט . . . (טוט זיך אַ כאַפּ) שאַ, איך האָב אַ גוטן סימען! . . . ווער פון אייך, מיידלעך, האָט מיין קייטעלע? איך מיין, דאָס קייטעלע, וואָס איך האָב פאַרמאַשקנט . . .

דזשעין: (נעמט אַרויס דאָס קייטעלע, דערלאַנגט עס דעיוון) אָט האָט איר אייער קייטעלע, דעיוו, און . . . איר דאַרפט זיך ניט פילן געקווענקלט . . . איך קער עס אייך אום און איר זענט פריי. איר זענט מיר גאָרניט שולדיק! איר קאָנט זיך איצט נעמען דאָס מיידל צו וועמען איר האָט געשריבן!...

דעיוו: (פריידיק) אָבער איך האָב דאָך געמיינט אייך צו שרייבן . . . איך בין זיכער געווען, אַז איך האָב אייך געשריבן. אַ באַווייז: דאָס קייטעלע!...

פּאָול: אָבער געשריבן האָט איר דאָך פּאָרט צו דזשין און ניט צו דזשעין. ווי זשע קאָנט איר דערקלערן דעם טאָעס?...

דעיוו: (טראַכט, צעלאַכט זיך) איך הויב אָן גלויבן, אַז איך ווייס שוין . . . יאָ, אַזוי האָט עס טאַקע געמוזט זיין! (צעלאַכט זיך נאָך שטאַרקער) איר פאַרשטייט, פאָרנדיק אַף דער שיף קיין איראָפּע, האָב איך מיטאַמאָל מוירע געקראָגן, אַז אַזוי ווי איך האָב צוויי אַדרעסן פון צוויי מיידלעך פון קאַנטין, קאָן איך נאָך אַמאָל מאַכן אַ טאָעס און שרייבן מיינע ליבע־בריוו ניט צו דער מיידל וועלכע איך האָב ליב געקראָגן, נאָר צו דער אַנדערער, מיט וועלכער איך האָב זיך צופעליק באַקענט אַפן צווייטן טאָג, ווען איך בין געקומען אין קאַנטין און דאָרט ניט געפונען מיין ליבסטע . . . האָב איך באַשלאָסן צו צערייסן דעם צווייטן אַדרעס און לאָזן ביי זיך דעם נאָמען מיטן אַדרעס פון מיין ליבסטער . . . נו, ווי עס ווייזט זיך איצט אַרויס, האָב איך דעמאָלט געמאַכט אַ קליינינקן טאָעס און צעריסן ניט דאָס ריכטיקע קוויטעלע . . . איך בין דעריבער די גאַנצע צייט געווען אונטערן איינדרוק, אַז דאָס שרייב איך אַלץ צו מיין ליבסטער, (גייט צו צו דזשעין, נעמט זי אַרום) צו מיין טייערסטער . . . (לאָזט זיך מיטאַמאָל אַרונטער אף די קניען לעבן דזשעין) סוויטהאַרט! איך קאָן איצט פאַרשטיין דעם צאַאַר און פאַרדראָס וואָס איך האָב דיר פאַרשאַפט די אַנדערהאַלבן יאָר מיט מיין טאָעס! . . . איך ווייס ניט ווי איך וואָלט געווען געהאַנדלט אַף דיין פּלאַץ, אָבער . . . (קושט אירע הענט) איך בעט דיך, טייערסטע, פאַרגיב מיר! פאַרשטיי און פאַרגיב! . . .

דזשין: (כאַפּט זיך, אַז זי האָט דאָ פאַרלוירן, גייט צו קאָקעטיש צו דעיוון) איר ווייסט, דעיוו, ווען איך זאָל זיין אַן אַנדער מיידל, וואָלט איך אייך איצט מיט אייערע בריוו געקאָנט אָנקלאָגן פאַר צעברעכן מיין האַרץ און אייער צוזאָג . . . אָבער אַזוי ווי עס האַנדלט זיך וועגן אַ טאָעס, און דערצו נאָך אַ טאָעס בענויגייע מיין בעסטער פריינדין דזשעין, וועל איך אייך פאַרגעבן. (צו דזשעין) און דו, דאַרלינג, פאַרגיב אויך דעיוון. ער איז

אַ פיינער באָכער און ער פאַרדינט דיין ליבע!... וואָס שאַיך מיר... וועל... (טוט אַ וואונק צו פאָולן) פאָול, דאַרלינג, מיר האָבן דאָך געזאָלט גיין ערגעץ. ניט אַזוי?...

פאָול: (אויפגעלעבט) יאָ, דזשין, דאַרלינג. מיר וועלן גיין אין דער מואווי. איך האָב היינט אַזויפיל צו רעדן מיט אייך...

דזשין: ווירקלעך? עפּעס וויכטיקס?...

פאָול: זייער וויכטיקס. איך וויל אייך זאָגן, אַז איך האָב אייך ליב, אַז איך... ספּעציעל איצט, אַז איר זענט פריי, איז דאָך שוין מער קיין אָפּהאַלט ניט פאַראַן... (מיטאַמאָל) זייט מיין פרוי, דזשין!...

דזשין: (מיט אַ כיינדל) אָ, פאָול, אַזוי פּלוצים, אַזוי אומגעריכט!...

פאָול: גוט. וועל איך אייך געבן אַביסל צייט איבערצוטראַכטן. איר וועט מיר אפן וועג געבן אייער ענטפער. אָ־קעי?...

דזשין: אָ־קעי, דאַרלינג!... (טוט אים אַ פלינקן קוש אין באַק). אָ־קעי... (צו דזשעין) דזשעין דאַרלינג, וועסט דאָך אַוודע גאָר ניט האָבן קעגן דעם, אַז איך מיט פאָולן זאָלן אַוועק און דיך איבערלאָזן דאָ אַליין מיט דעיוון?!... איר האָט דאָך מיסטאָמע זייער פיל וועגן וואָס צו רעדן צווישן זיך. האַ?...

דזשעין: אויב דו ווילסט — איך האָב גאָרניט קעגן דעם...

דזשין: איז אַ גוטע נאַכט, קינדער!

דזשעין: אַ גוטע נאַכט, דזשין! פאַרוויילט זיך גוט!...

פאָול: אַ דאַנק אייך! אַ גוטע נאַכט!... נו, און אייך, דזשעין, באַגריס איך מיט אייער אָפּגעזוכטן פאַרלוסט!...

דעיוו: אַ דאַנק, פאָול, מערצעשעם ביי אייך אין קורצן!...

פאָול: אַ גוטע נאַכט!

דזשין: אַ גוטע נאַכט! (ביידע אָפּ).

דעיוו: (שטייט קעגן דזשעין, קוקט אָף איר און זי אָף אים. פאַלן איינער אין אַנדערנס אָרעמס אַריין, נעמען זיך אַרום, קושן זיך) אָ, דזשעין דאַרלינג!! סוויטהאַרט!...

דזשעין: (מיט פרייד־טרערן) אָ, דעיוו, מיין דעיוו, ביסט דאָך געקומען!...

דעיוו: יאָ, טייערע, איך בין געקומען אויסלייזן מיין מאַשקן ביי דיר, מיין קייטעלע... ביסטו גרייט דערצו?...

דזשעין: (קושט אים, וויינט) יאָ, טייערער, איך בין גרייט, גרייט!... (נעמען זיך ווידער אַרום אין לאַנגער אומאַרמונג)...

אַ ווייבל אַ בעריע

[קאָמעדיע־פאַרס אין 1 אַקט]

אַ ווייבל אַ בעריע

(קאָמעדיע־פאַרס אין 1 אַקט)

אַנטיילנעמער אין דער שפּיל:

פּראַיעם לאַפּאַטע ....קאָנטראַקטאָר פון אַ הויזן־שאַפּ
בוירדי ....זיין ווייב, וואָס טראָגט די הויזן
בערנאַרד בערשטל ....אַ יוניאָן־באַאַמטער
באַרעבקע ליטוואַק ....ערשטער אָפּערייטאָר
איטשע גאַליציאַנער ....צווייטער אָפּערייטאָר
רעב שמועל־זאַנוול ....דער פּרעסער
זשאַנעט ....אַ האָנט־נייערקע

די כאַראַקטערן אין דער שפּיל:

פּראַיעם — אַ אידל מיט אַן אָנצוהערעניש אַף אַ בייכל, אַ שפּאָרן פליך און היפּש טיפּעשעוואַטע. כאַלעשט מאַמעש אַוועק פאַר דער ווייב זיינער.
בוירדי — פון יענע ווייבעלעך; אַ פאַרפּוצטע און פיל יונגער פון איר מאַן. אַ ברייגדעלע־קאַזאַק מיט אַ פייערדיק פּיסקל.
בערנאַרד — אַ מאַן מיט וואָנצעלעך. איבעריקנס, יעדער רעזשיסער מעג אים פאַרשטעלן ווי עס געפעלט אים. מוסטערן פעלן ניט.
באַרעבקע — אַ הויכער און קלוגער. רעדט ווינציק און זאָגט אַ סאַך.
איטשע — פאַרקערט פון באַרעבקען — אַ נידעריקער, צום קאָנטראַסט.
שמועל־זאַנוול — אַן עלטערער איד, ווייל קיין יונגע פּרעסערס טרעפן זיך ניט ביכלאַל. האָט אַ שפּיציק בערדל, וואָס שאָקלט זיך בעאַיים ער לאַכט. אָבער דער אומגליק איז, וואָס ער לאַכט זעלטן.
זשאַנעט — אַ כיינעוודיק יונגע מיידל, וואָס וואַרפט זיך מיט פראַנצויזישע ווערטער. כעוורע נעמען איין אַ קאַפּאָרע פאַר איר.

עס איז אַרום מיטיקצייט, אָדער עפּשער אַ שאָ פריער צי גאָר שפּעטער. אַפן טיש שטייט אַ בוטאַפאָרישער טעלעפאָן, וואָס מעג זיין אַן אַ גלעקל, מאַכמעס איבער דער צייט פון דער שפּיל רעדט מען דורך אים בלויז אַרויס, אַריין קלינגט סיי ווי סיי קיינער ביט. ווען דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף (אויב ער צעברעכט זיך נאָר ניט אין מיטן), זיצט דער באָס ביים צושנייד־טיש און רעכנט אויס וויפל עס וועט אים אַריינטראָגן אַ יאָר פון די 10 סעגנט שניטן. ער שרייבט און רייסט פּאַפּירלעך. די אַריינגאַנג־טיר איז פאַרשטעלט מיט אַ פּרעגנט...

אַ ווייבל אַ בעריע

פראַיעם: (מיט אַ געמאַרע־ניגון) לאָמיך אפילע אָננעמען, אַז בלויז 500 פּאַר הויזן אַ כוידעש, וועט פון די 10 סענטיקע, וואָס איך וועל שניידן פון יעדער פּאַר, זיך אָנקלייבן אַ קאַימע־לאָן פון אַזוי גרויס ווי 50 דאָלאַר... (פויזע) יאָ, 500 מאָל צו 10 סענט, מאַכט אויס 50 דאָלאַר... היינט אין סעזאָן.. (מען קלאַפּט אין טיר) האַ? ווער איז שוין ווידער? (צעשראָקן) הו איז דעיר?...

בוירדי: (פון דרויסן) איטס מי, מי!...

פראַיעם: (זיצט אָפן פּלאַץ) הו איז די איטס מי?...

בוירדי: (בייז) אָ, הער שוין אויף מיט דיינע שטיק!

פראַיעם: (כאַפּט זיך) אָ, די אידענע... (שרייט צו דער טיר) קאָם אין, דיער. פאַרוואָס קאָמינסטו ניט?...

בוירדי: (שוין גאַנץ בייז) גרויסער כאַכעם מיינער. האַלט פאַרשלאָסן די טיר און שרייט קאָמין. דורך וואַנען זאָל איך דאָס דיר אַריינקאָמינע־ווען? עפּשער דורכן פענצטער אַריינקריכן?!...

פראַיעם: (גייט עפענען) זי איז דאָך גערעכט, בענעמאָנעס. ווי אַזוי קאָן זי טאַקע אַריינקומען, אַז די טיר איז נעבעך אַזוי פעסט פאַרשלאָסן?...

בוירדי: (שרייט) געהערט אַ מאַיסע? שרייט קאָמין און האַלט די טיר פאַר־האַקט. (ער עפנט די טיר. בוירדי קומט אַריין) עך, דו צעדרייטער מיינער! (טוט אים אַ פּעטשעלע איבערן פּליך) וואָס בין איך, אַן אַקראָבאַט? כ׳זאָל דיר עפּשער קריכן דורכן קוימען?...

פראַיעם: דו ביסט גערעכט, אַזאַ יאָר אָף מיר! טאַקע, ווי אַזוי קאָנסטו קריכן דורכן קוימען, אַז דו ביסט ניט קיין אַקראָבאַט?... (ער פאַרשליסט די טיר און פאַרלייגט מיטן פרענט).

בוירדי: וואָס האַלטסטו זיך עפּעס אַזוי פאַרשלאָסן?

פראַיעם: וואָס הייסט, פאַרוואָס? דו ווייסט דען ניט, אַז עס איז אַ סטרייק?...

בוירדי: נו, און אַז אַ סטרייק, דאַרף מען האַלטן פאַרהאַקט די טיר?...

פראַיעם: דו ווייסט ניט וואָס סטרייקערס זענען. זיי קאָנען נאָך אָפּטאָן עפּעס... ביי די וועי! טאַקע גוט וואָס ביסט אַהערגעקומען.

בוירדי: טאַקע?

פראַיעם: יאָ. זאָג מיר אָבער פריער, צוליב וואָס ביסטו טאַקע געקומען?...

בוירדי: (לאַכט) וואָס זאָגט איר עפּעס צו מיין כאַכעם? (מאַכט אים נאָך) טאַקע גוט וואָס ביסט אָהערגעקומען, צוליב וואָס ביסטו טאַקע געקומען?... וואָס טוט זיך עס היינט מיט דיר? (לאַכט).

פּראַיעם: (באַליידיקט) וואָס איז מיט דיר דאָס געלעכטער? איך האָב גע־מיינט צו פרעגן, פון וואַנען דו קומסט איצט...

בוירדי: אַזוי זשע רעד. איך קום פון דער היים און איך גיי צו אַ מאַטינע בענעפיט־פאָרשטעלונג אין טעיעיטער. זי שפּילט, ווי הייסט זי דאָרט, די סוברעטניצע? געדענקסט ווי זי האָט דאָס צעלייגט אַ וועלט ווען מיר האָבן זי געזען ניט לאַנג צוריק? אַי האָט זי דאָס דעמאָלט געזונגען! (פּראָוווט נאָכזינגען) איי־איי־איי־איי, האָב איך ליב דעם באַ־אַ־אָכער; איי־איי־איי־איי, קוש איך שטאַרק דעם זאַ־אַ־אַכער!... (טוט מיטאַמאָל זיך אַ כאַפּ) וואָס זשע הערט זיך, נאָך אַלץ ניט געסעטלט?...

פּראַיעם: זע נאָר ווי דאָס יאָגט זיך, ווי עס באַקט זיך אַזוי גיך ביי איר!... וואָס מיינסטו איז עס, אַ טעיעיטער, מיין איך — אַ קעיק?!... היינטיקע ציטן, פּייגעלע...

בוירדי: (שלאָגט איבער) וויפל מאָל דאַרף איך דיר זאָגן, זאָלסט מיך רופן בוירדי, ניט פּייגעלע?...

פּראַיעם: די גוטע יאָר זאָל איך האָבן ווי פּייגעלע איז שענער פון בוירדי. אָבער זאָל זיין אַזוי. אַלץ איינס מיינט עס דאָס זעלבע. טאָ זאָל זיין בוירדי... איז יאָ, היינטיקע ציטן צעטלט זיך ניט אַזוי גיך. היינט זענען די אַרבעטאָרעס גאָר אַנדערע מענטשן. וואָס רעד איך — מענטשן? — ניין, פּאַראַזיטן זענען זיי. יאָ, פּאַראַזיטן, באַנדיטן, אַנטיסעמיטן און באָלשעוויטן, כ'מיין, באָלשעוויקעס... גיי, צעטל היינט אַ סטרייק, אַז באָרעכקע איז דער פּירער, דער שאָפּ־טשערמאַן...

בוירדי: וואָס? באָרעכקע מעשומעד איז ביי דיר שאָפּ־טשערמאַן? ווי אַזוי האָסטו עס גאָר דערלאָזט אַזאַ זאַך?... האָסט בעסער ניט געקאָנט מאַכן, אַז יענער, ווי הייסט ער דאָרט, איטשע, זאָל זיין דער שאָפּ־טשערמאַן?... ער איז דאָך כאָטש אַ געזעצטער מענטש, האָט אַ ווייב מיט קינדער...

פּראַיעם: (איראָניש) ערשטנס, איז עס טאַקע באָרעכקע וואָס האָט אַ ווייב מיט קינדער, און צווייטנס, ווי קום איך עס צו מאַכן אַ שאָפּ־טשערמאַן? איך האָב דען אַ דייע דערויף? דאָס מאַכן דאָך די אַרבעטאָרעס, ניט איך!... האָסט שוין פאַרגעסן ווי עס פירט זיך אין אַ שאָפּ?...

בוירדי: (בייז) זאָלסט מיר ניט וואַגן מער צו דערמאַנען וועגן שאָפּ. דו הערסט? וואָרים איך וועל זיך אויפהויבן און אַוועק וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט און דיך לאָזן לויפן ווי דו ביסט מיר נאָכגעלאָפן פאַר דער כאַסענע. דו הערסט, פּראַיקעלע?...

פּראַיעם: איך הער, איך הער, בוירדעלע! איך האָב גאָרניט געמיינט. גאָר־

ניט. עס איז צו רייד געקומען, האָב איך געזאָגט...

בוירדי: אָבער ביי דיר אין שאָפּ ביסטו דאָך באַלעבאָס, צי ניין? נו, האָסטו דעריבער געדאַרפט זען, אַז ביי דיר אין שאָפּ זאָל קיינער ניט קאָנען מאַכן קיין שאָפּ־טשערמאַן, נאָר דו אַליין. פאַרשטייסט?... (טראַכט) הייסט עס, אַז באַרעכקע מעשומעד האַלט דיך אַזוי ביים גאַרגל?... נו, און מען קאָן שוין גאַרניט אויפטאָן מיט אים? ער לאָזט זיך ניט רעדן?

פראָיעם: ווייס איך וואָס...

בוירדי: עפשער וואָלט איך אַ פּרוּוו געטאָן רעדן מיט אים?...

פראָיעם: (שמייכלט) איך ווייס, פייגעלע, איך מיין, בוירדי, אַז דו ביסט טאָקע אַ בעריע אַ ווייב, אָבער דאָ איז עס אומזיסט. עס וועט דיר גאָר־ניט העלפן. ער איז, זאָג איך דיר, אַן עמעסער הויט־שינדער, אַ פּאַראַ־זיטניק און עקספּלאָטאַטאָר. ער עקספּלאָטירעוועט אי זיך, אי מיך, אי אַלע אַרבעטאָרערס. אַליין מאַכט ער קיין לעבן ניט, לאָזט מיך ניט מאַכן קיין לעבן און לאָזט די אַרבעטאָרערס ניט מאַכן קיין לעבן... אַ מענטש זאָל דאָס ניט לאָזן אַרבעטן קיין איינציקע מינוט אָווערטיים! וואָס וואָלט אים געאַרט, אַז ער זאָל פאַרדינען נאָך אַ פּאָר סענט?... איינמאָל ניין און ניין, היינט גיי און רעד מיט אַזעלכן!...

בוירדי: און זיין ווייב שווייגט אים דערפאָר?

פראָיעם: (זייטיק) וואָס מיינסטו, אַלע ווייבער זענען ווי . . . (פאַרהוסט זיך).

בוירדי: (מעסט אים בייז אָפּ) אַ, שוויג שוין בעסער, כאַכעם מיינער!...

פראָיעם: אַז איך האָב דאָ גאַרניט געמיינט, בוירדעלע...

בוירדי: דו רעדסט און רעדסט און מיינסט גאַרניט. איך פרעג בלויז, צי זיין ווייב נעמט עס אַזוי צו און זאָגט אים גאַרניט...

פראָיעם: שטאַרבט זי מיסטאָמע ביי אים אַ זעקס מאָל אין טאָג פון הונגער, צוזאַמען מיט די קינדער... (פויזע) וואָרים דאָס שיינע לעבן, משטיינס־געזאָגט, וואָס ער מאַכט ביי מיר... די פאַרסאַרגעטע 32 שמאַליאַרעס אַ וואָך וואָס ער פאַרדינט?...

בוירדי: (פאַרטראַכט) 32 דאָלאַר אַ וואָך...

פראָיעם: ער וואָלט געקאָנט מאַכן נאָך אַ צוויי־דריי דאָלאַר דורך דער וואָך, ווען ער איז ניט אַזאַ פּאַראַזיטניק, און אַרבעט כאָטש אַ שאָ אָווערטיים יעדן אָוונט...

בוירדי: און ער וויל ניט?

פראָיעם: דאָס וואָס ער אַליין וויל ניט — כאַפּט אים דער שוואַרץ יאָר! אָבער ער דערלאָזט דאָך אַפּילע ניט אַז די אַנדערע זאָלן אַרבעטן! פאַר זיי טוט מיר ווי דאָס האַרץ, אַט וואָס! נעבעך אָרעמע מענטשן און זיי דאַרפן אומשולדיק ליידן פאַר פרעמדע זינד...

בוירדי: פאַרוואָס זשע שווייגן זיי אים? פאַרוואָס הערן זיי זיך צו צו אים?...

דאָס קאָן איך שוין גאָרניט פאַרשטיין. האָבן זיי ניט קיין אייגענעם פאַר־שטאַנד, קיין אייגענעם סייכל?...

פראַיעם: אַי, האָב זיי אויך אַכציק שוואַרצע יאָר!... איך רעד צו זיי, טאַינע איין מיט זיי און זאָג זיי: קינדערלעך, האָרכטס אים ניט! ער איז, זאָג איך זיי, אַ טראָבל־מאַכער און אַ באָלשעוויסט! ער וויל ניט אַרבעטן — איז ניט. אָבער איר, זאָג איך, איר זענט דאָך אָרנטלעכע הויזן־מאַכערס. האָרכטס אים ניט! ער וועט אייך פונעם גלייכן וועג אַראָפּפירן. ער וועט אייך אומגליקלעך מאַכן!... היינטיקע שלעכטע צייטן, גיב איך זיי צו פאַרשטיין, דאַרף מען פריער צען מאָל איבערמעסטן און ערשט דערנאָך אַפילע קיין איין מאָל ניט סטרייקן...

בוירדי: האָסט אַ רעד געטאָן מיט דער יוניאָן, כ'מיין מיט די באַאַמטע?

פראַיעם: וואָס קאָן איך מיט זיי אויפטאָן?...

בוירדי: מיט לעבעדיקע מענטשן קאָן מען שטענדיק עפּעס אויפטאָן... עס איז בלויז אַ פראַגע ווער וואָס און וויפל. זאָג מיר, פראַיקע, איז דער יוניאָן־באַאַמטער אַ יונגערמאַן, אָדער אַן עלטערער מענטש שוין?...

פראַיעם: וואָס מיינסטו דערמיט? וואָס איז דען דער כילעק?

בוירדי: אָ, עס איז שוין יאָ אַ גרויסער כילעק. מיט יונגעלייט איז אַביסל שווערלעך. אָבער מיט עלטערע... (טוט אַ וואונק) האָסט דאָך אַמאָל גע־הערט דאָס לידל: (זינגט) זי האָט געטאָן אַ פינטל מיטן אויג... (מיט־אַמאָל) וואָס אַשטייגער גיסטו מיר ווען איך טו פאַר דיר אַזוי אַ פיקס אויף דעם סטרייק און סעטל אים ווי דו ווילסט?...

פראַיעם: (לאַכט נאַרישעוואַטע) וואָס זאָל איך דיר געבן, דאַרלינג? וואָרים דיך גייט עס דען ניט אָן?... וואָס אַשטייגער וואָלסטו געוואָלט?...

בוירדי: ביזנעס איז ביזנעס. הער, פראַיקע, איך דאַרף האָבן אַ פּופּציקער אַף אַן איוונינג־גאָון. וועל...

פראַיעם: (גלעט איר די פּלייצעס) נאַרעלע, ניט נאָר אַ פּופּציקער אַף אַ דרעס, נאָר אַפילע נאָך אַ צענערל פאַר אַ היטעלע אויך. און אַז דו וועסט זיך שטאַרק דינגען, וועל איך דיר נאָך צוגעבן אַ קוש אויך... (וויל איר אַ קוש טאָן).

בוירדי: (שטופּט אים לייכט אָפּ) שאַ, יאָג זיך נאָר ניט אַזוי, באַיעלע. מיר האָבן ניט גערעדט וועגן קיין קושן...

פראַיעם: (מיט אַ ראַכמאָנעס־פּענימל) איך האָב געמיינט, אַז אויב עס האָט ביי מיר די ווערט זיך צו לאָזן קאָסטן אַזויפיל געלט, האָט עס ביי דיר די ווערט כאָטש אַ קוש.

בוירדי: אָ־רייט! (טוט אים אַ פלינקן קוש) צופרידן?... אָבער זאָל דיר קלאָר זיין, אַז דאָס וואָס עס וועט דאַרפן קאָסטן צו שמירן, איז באַזונדער!

פראַיעם: פאַרשטייט זיך, בוירדיטשקע, פאַרשטייט זיך. וואָס איז, פאַר אַזאַ

מין גרויסן דאַמבעל האַלטסטו מיך שוין ?...

בוירדי: כאַלילע, ניט פאַר אַזאַ גרויסן. אַלזאַ, איז אָפּגעמאַכט ?

פראַיעם: אָפּגעמאַכט ! נאָך מער: וועסט נאָך קריגן אַ צענערל אַף אַ פּאַר שיך אויך !

בוירדי: דאַטס גרעיט, דאַרלינג ! אויב אַזוי, איז דער סטרייק שוין אַזוי גוט ווי אַ געסעטלטער !...

פראַיעם: איך ווייס, אַז דו ביסט אַ בעריע אַ ווייב, אַבער...

בוירדי: זיי ניט קיין נאַר ! אויב דער מענעדזשער פון דער יוניאַן, צי ווער עס איז דאַרט, איז נאַר אַ מאַנספּאַרשוין און אַן עלטערער דערצו, וועט עס גיין אַ גאַנג. איך ווייס... און ווייטער, דאַרפסטו דאָך עס שוין אַליין וויסן, אַז אויב איך נעם זיך נאַר צו עפּעס אַ זאַך, מוז איך עס אויספירן...

פראַיעם: וואָס שאַיך צו מיר — ווייס איך טאַקע. אוי ווייס איך...

בוירדי: (דרייט זיך אַרום אַ ווייל, טראַכט, און מיטאַמאָל) רוף אים אָפּ און לאָז מיך רעדן צו אים אַף מיין שטייגער. נו, וואָס זאָגסטו ?...

פראַיעם: איך ווייס ?... עפּעס גלויבט זיך מיר ניט, אַז דו זאָלסט אַף אַזאַ וועג עפּעס קענען אויפטאָן...

בוירדי: גיב מיר אַ טשענס, וועלן מיר זען. קיין געלט דאַרף עס דאָך דיך ניט קאָסטן, איז וואָס אַרט עס דיך ? (פויזע) נו, וואָס שטייסטו ? רוף אָפּ !

פראַיעם: אַז דו ווילסט אַזוי... (זעצט זיך צום טעלעפאָן, דרייט דאָס רעדל).

בוירדי: זאָלסט מיך לאָזן רעדן צו אים. הערסט ?!...

פראַיעם: אָ־קעי. (אין טעלעפאָן אַריין) קאָן איך רעדן צו מיסטער בערשטל, בערנאַרד בערשטל ?... (צו בוירדין) מען איז אים געגאַנגען קאָנעקטן. (אין טעלעפאָן) העלאָו ?! מיסטער בערשטל ? העלאָו, העלאָו !... דאָס רעדט מיסטער לאָפּאַטע !... וואָס הייסט, איר ווייסט ניט וועלכער מיסטער לאָפּאַטע ?... כע־כע־כע, וואָס רעדט איר ?... דאַטס רייט... יאָ... הערט, מיסטער בערשטל, מיין פרוי וואָלט וועלן רעדן צו אייך... ביין, איר קענט זי, דאַכט זיך, ניט... פונוואַנען ?... יאָ, איצט, טאַקע שוין... אָט גיב איך איר איבער דאָס טרייבל, מיסטער בערשטל...

בוירדי: (פאַרריכט זיך די האָר, הוסט זיך אויס. מאַכט די שטימע איידעלער) העללאָו !... יעס, דאָס רעדט שוין איצט מיסיס לאָפּאַטע און ניט מיסטער לאָפּאַטע... אָ, איר קאָנט דערקענען, אַז עס איז אַ פרויען־שטימע ? דאַטס נאַיס !... (לאַכט. פאַרדעקט דאָס טרייבל. רעדט צום מאַן) ער זאָגט „פליסטעמיטשע“... (אין טעלעפאָן אַריין) לאַיקוואַיז !... וואָס איך וויל ? איין סעקונדע. איך וויל אייך בעטן, אויב איר קאָנט זיך אַריבערכאַפּן צו אונדז אין שאָפּ אַריין... יאָ, שור זייער וויכטיק... (צום מאַן) ער זאָגט, אַז אויב צוליב ביזנעס וועט ער גלייך צוקומען. (אין טעלעפאָן) שור צו־ליב ביזנעס. וואָס דען האָט איר געמיינט ? צוליב פּלעזשע ?... נו, עפּשער

דאָס אויך... (לאַכט. צום מאַן) ער זאָגט, אַז אויב באַר מיט אַ שיין ווייבל, איז ער גרייט אויך פאַר פלעזשע אַפּילע אין סאַמע מיטן טאָג... (צו זיך) אַהאַ, ער מוז אַוואַדע זיין אַן עמעסער כעוורעמאַן! עס וועט גיין אַ גאַנג... (לאַכט קאַקעטיש אין טעלעפאָן) אַז איר וועט אַנקוקן, וועט איר זען... (צום מאַן) ער זאָגט, אַז איך געפעל אים... (אין טעלעפאָן) וואָס זשע זאָגט איר, מיסטער בערשטל? איז וועט באַלד אַריבערקומען? אָ־רייט, לאָזט זשע ניט לאַנג וואַרטן אַ דאַמע!... גוד! פיין! גוד־באַי!... (זי לייגט אַוועק דאָס טרייבל און נעמט זיך פריילעך אַרומדרייען איבערן צימער) עס וועט גיין אַ גאַנג! ער קומט גלייך אַריבער!...

פראַיעם: ער קומט טאַקע באַלד? אוי ווי איז מיר, מען דאַרף אַביסל צו־רוימען. עס איז שוין דאָ ניט אויפגעראַמט געוואָרן פון וויפל טעג...

בוירדי: ווייסיך וואָס, עס וועט אַזוי אויך גוט זיין! (טוט אַ מאַמזערישן וואונק צום מאַן) נו, באַיעלע, אַרויס מיט די פאַר גרייצער!...

פראַיעם: שוין? האָסט דען שוין געצעטלט דעם סטרייק?...

בוירדי: עס איז שוין אַזוי גוט ווי געסעטלט. ווייסט דאָך, אַז אויב איך נעם זיך צו עפּעס, איז עס איינס און צוויי...

פראַיעם: מיט מיר יאָ, אָבער מיט אַנדערע — ווייס איך ניט.

בוירדי: וועסט עס באַלד זען.

פראַיעם: וועל איך דעמאָלט ציילן די גרייצערס... (ער נעמט אויפרוימען).

בוירדי: אָבער אַן אַדערויף מעגסטו דאָך מיר דערווייל געבן. ניין?...

פראַיעם: ננע, אָן אַדערויף גאָר... (טרעפט אָן איר בייזן בליק, נעמט ער אַרויס עטלעכע פאַפּירלעך און גיט איר) נו, גוט, געגוג דערווייל, בוירדע־לע? געגוג?...

בוירדי: געגוג. (פויזע) איך האָב זיך קיינמאָל ניט פאַרגעשטעלט, אַז דו ביסט אַזאַ קאַרגער. אַפּאַנים, אַז דו האָסט מיך אַפּילע ניט ליב. וואָרים ווען דו וואָלסט מיך יאָ ליב געהאַט, וואָלסטו...

פראַיעם: (צאַפּלט אַזש אויף) וואָס רעדסטו, נאַרעלע, איך האָב דיך ניט ליב? אַז איך...

בוירדי: איך ווייס, פראַיקע, איך ווייס. איך האָב בלויז געשפּאַסט אַזוי...

פראַיעם: (פּיעסטשעט זיך) אַזאַ שפּאַס טוט מיר שטאַרק וויי, בוירדעלע דאַרלינג! שטאַרק וויי!... (נעמט צורוימען זיינע פאַפּירלעך).

בוירדי: (טראַכט אַ וויַל, דעמאָנט זיך אין עפּעס און נעמט רעדן צו זיך, אַז דער מאַן זאָל ניט הערן) האָלי־סמאָוק! ווי אַזוי איז עס מיר גאָר אַרויס פון קאָפּ?... ווי אַזוי קאָן איך דאָ בלייבן, אַז איך האָב דאָך גאָר אַן אַפּוינטמענט מיט לעאָנען, אין אַ קנאַפּער שאָ אַרום.. (דרייט זיך אַרום, טראַכט. טוט זיך מיטאַמאָל אַ כאַפּ) איך האָב עס! אָבער ווי אַזוי, אַז ער איז דאָ... סיידן, שאָ, אַרונטערלויפן אין דראַג־סטאָר. (לאָזט זיך גיין.

צום מאַן) פּראַיקע, דאַרלינג, איך מוז אַף אַ מינוט אַרונטערלויפן. איך קום גלייך צוריק!...

פּראַיעם: (דערשטוינט) וואָס הייסט? ער דאַרף דאָך, זאָגסטו, גלייך קומען...

בווירדי: פּאַרשטייסט, (שמייכלט קאָקעטיש) עס איז מיר פּונקט אויסגע־גאַנגען דער פּודער, לויף איך אַרונטער אין דראָג־סטאָר כאַפּן אַ באָקסעלע. אַזוי קאָן איך זיך דאָך ניט ווייזן פאַר קיין מענטשן... (קיינדלט זיך) שאַ, און עפּשער וועסטו אַזוי גוט זיין, דאַרלינג, אַ שפּרונג טאָן פאַר מיר? ביי דיר וועט עס נעמען אַקוראַט אַ העלפט צייט... (ער נעמט גיין) דאַטס די באַי, דאַרלינג! (טוט אים אַ פלינק קושעלע אין פליך) איי טענק יו!...

פּראַיעם: (שמייכלט נאַריש) איי טענק יו, הע־הע־הע...

בווירדי: קויף מיר, פליז, אַ קליין באָקסעלע קאָטי, ראָזעווע!...

פּראַיעם: (כאַפּט אָף זיך דאָס רעקל) נו, וואָס טוט מען ניט פאַר אַ ווייב וועלכע מען האָט ליב, צו אַלדע שוואַרץ יאָר?... קאָטי, זאָגסטו? נו, אַ נאָמען פון פּודער, נאָר ווי אַ קאָץ. קאָטי, קאָטו, קאָטאַ!... (לויפט אַרויס).

בווירדי: (באַגלייט אים צו דער טיר, פאַרשליסט. לויפט צוריק אַ לאַכנדיקע) אוי איז דאָס אַ נאַרעלע! אוי קאָן מען זיי אַלע נאַרן!... נו, איצט דאַרף מען עס מאַכן איינס און צוויי... (זוכט אין האַנט־טאַש, נעמט אַרויס אַן אַדרעס־ביכעלע, בלעטערט און זעצט זיך צום טעלעפאָן) אַ מאָדנע זאַך מיט לעאָנען. ער הייסט זיך ניט טעלעפאָנירן אַף זיין נאָמען, נאָר אַף זיין נומער... (דרייט דאָס טעלעפאָן־רעדל) ער היט זיך אָוודע די ביינער פאַר עמעצן. נו, אַ זאָרג האָב איך... (אין טעלעפאָן) איז דאָס יוניאָן, 2, 4748? גיט מיר, פליז, ליניע נומער 2. יאָ, אַ דאַנק!... (פּויזע) העללאָו! דאָס ביסטו, לעאָן? יאָ, דאָס איז בעלאַ. גלייך דערקענט?!... הער וואָס איך וויל דיר זאָגן... שאַ, וואַרט אַ וויילע! לאָז מיך פריער אויסרעדן!... יאָ, טאָקע וועגן אונדזער אַפּוינטמענט... וואָס זאָגסטו? וועסט היינט ניט קאָנען האַלטן דעם אַפּוינטמענט? אַ שיינע מאַיסע!... וואָס איז געשען? אַי, וואָלסט זיך געדאַרפט שעמען, ערן וואַרט!... ווי אַזוי פאַר־געסט מען עס אַזאַ זאַך?... עס צייגט בלויז ווי ליב דו האָסט מיך און ווי איך ליג דיר אין זינען!... אָ, איך בין שוין יאָ בייז, שטאַרק בייז און טאָקע באַליידיקט אויך... וואָס זשע וועל איך איצט טוען איינע אַליין דעם נאָכמיטיק?... (פּויזע) נו גוט, דאָסמאָל וועל איך דיר פאַרגעבן. אָבער זע, אַז עס זאָל זיך מער ניט איבערכאַזערן... ווען זשע טרעפן מיר זיך? מאָרגן נאָכמיטיק? אַף דעם זעלביקן פּלאַץ? גוט!... גוד־באַי, דאַרלינג! גוד־באַי, דיער!... (וואַרפט אַריין אַ קוש אין טעלעפאָן) גוד־באַי, סוויטהאַרט!... (דרייט זיך אַרום אַ וויילע, צעלאַכט זיך) פו־הו, ווי מיר האָט עס היינט גוט אָפּגעשפּילט!... ער האָט זיך נעבעך גע־נומען פאַרענטפערן פאַר מיר, אַז ער האָט פאַרגעסן... (פּויזע) שאַ, און

עפשער האָט ער זיך שוין געקראָגן אַ צווייטע ?... מען וועט אים דאַרפן אַ וואַטש טאָן. די היינטיקע מענער טאָר מען ניט גלויבן...

פראַיעם: (קלאַפּט. זי עפנט) נו, אַ נאָמען פון אַ פּודער !... אַרומגעלאָפן אין דריי דראָג־סטאָרס — קוים געקראָגן !... קאָטו גאָר, ב־ב־בע !...

בוירדי: אַ־רייט, דערפאַר קריגסטו אַ קוש פון מיר ! (קושט אים) אַ דאַנק דיר ! (שווייגט אַ ווייל און מיטאַמאָל) הער נאָר, פּרויקע, זאָג מיר, איך בעט דיך, וואָס פאַר אַ סאָרט מענטש איז ער, דער פון דער יוניאָן, דער מיסטער בערשטל ?... איך מיין... איז ער עפּעס אַ פאַרשוין ? עס איז כאָטש פאַראַן אַף עפּעס אַ קוק צו טאָן ?...

פראַיעם: כ׳מיין... וואָס שאַיך אויסזען, זעט ער אויס ווי אַלע מענטשן, — אַ גאַנץ שיינער מאַן. דערפאַר אָבער איז ער אַזאַ שטרענגער, אַזאַ (פאַר־טרוילעך) איך האָב מוירע, בוירדעלע, אַז ביי אים וועסטו מיט קיין פינטלען גאָרניט פּויעלן...

בוירדי: דאָס לאָז שוין צו מיר !... (מען קלאַפּט אין טיר).

פראַיעם: שוין דאָ ? (לאָזט זיך גיין עפענען).

בוירדי: (פאַרהאַלט אים) עפן נאָך ניט, פראַיעם. וואַרט אַ ווייליניקע ! (כאַפּט זיך פּודערן און שמירן די ליפּן) איך וועל שוין אַליין עפענען ! דו, פראַיקע, גיי בעסער און באַהאַלט דיך. עס פּאַסט ניט, אַז דו זאָלסט דאָ זיין בעאייס איך וועל רעדן מיט אים. איך וועל זיך פילן אומבאַקוועם, ער וועט זיך פילן אומבאַקוועם... (גייט צו דער טיר. עפנט) קאַם־אין, פּליז !... (עס קומען אַריין די אַרבעטער: איטשע, באַרעכקע, שמועל־זאַנוול און זשאַנעט. זי קוקט זיי אָן. זיי — זי און זי שיסט אויס) וואָס זאָגט איר צו אַזאַ אַנשיקעניש ? ! אַ ווינסטער כאַלעם צו מיינע סאָנימס קעפּ ! איר גאָר ?

שמועל: אַוואַדע מיר. ווי אין פּאַסיק שטייט: נאַריינו אוזקייניינו...

פראַיעם: ווער האָט געשיקט נאָך אייך ? (צו זיך) און נאָך גראַד איצט...

באַרעכקע: געסיקט ? נאָך אונדזש דאַרף מען ניט סיקן... מיר קומען אַליין...

איטשע: וואָוס ? מיר טורן שאַין עפּשער גורניש אַראַנקימען ?

שמועל: מען דאַרף זיי אַפּאַנים פריער שרייבן אַ פּראַשעניע. ווי אין פּאַסיק שטייט: בעראַש, צום ערשטן, האַשאַנאַ איקאַסייווין, דאַרף מען אַ פּראַ־שעניע אָנשרייבן... (לאַכט).

באַרעכקע: מיר זשענען געקומען אַ קוק טאָן צו אַלץ איזש אין אָרדנונג דאָ...

זשאַנעט: צי מען סקעבט אַמאָל ניט אונטער דאַ אין שאַפּ, מיינט ער. קאַמ־פּראַנעוואו ?...

שמועל: אַ געזונט דיר אין קעפּעלע, כאַכאַמע ! ווי אין פּאַסיק שטייט: „שכוירא אַני וועגאַוואַ״ — אי שיין, אי קלוג, אי באַטאַאַמט, אַזאַ יאָר אַף מיר !

בוירדי: פאַרשטייט זיך, אַז איר מעגט אַריינקומען ווען איר ווילט. קיינער

ווּעט אייך כאָלילע ניט טרייבן פון דאַנען !...

באַרעכקע: שפּאַשיבאַ, מאַדאַם, פאַר אייער גוטע האַרטש !...

איטשע: דזשענקויע, פּאַני ווּיעלמאָזשנאַ !...

זשאַנעט: מערסי, מאַדאַם !...

שמועל: ווי אין פּאַסיק שטייט: „אַשרי יוישווּיי ווּייסעכאָ" — איר זענט ווּילקאָמען צו זיצן אין דער היים... אַ דאַנק אייך פונדעסטוועגן פאַר אייער גאַסטפריינטלעכקייט...

בוירדי: (קאָקעטירט) הערט, דזשענטלמען און לעדי, אַז איר זענט שוין יאָ דאָ, וואָלט עפּשער געווען אַ פּלאַן, אַז מיר זאָלן זיך דורכרעדן און סעטלען דעם סטרייק? סעטלט, און אַ סאָף זאָל עס נעמען !...

באַרעכקע: שעטלען? — עני טאַים! זשאָל זשיך אייער מאַן אַפּזשאַגן פונעם סגיט, געבן אַ פינף־שענטיקן רעיז, סטעלן מיר זשיך גלייך אַרבעטן...

איטשע: און מיר וועלן אַרויסשיסן פאַר דער פאַרלוירענער צייט !...

פראַיעם: נו, גיי רעד מיט זיי. האָבן נאָך די כוצפּע צו פאָדערן אַ רעיז...

בוירדי: טאַקע, ווי אַזוי קאָנט איר איצט פאַרלאַנגען אַ רעיז אין אַזאַ ביטערע צייט ווי די איצטיקע? איר ווייסט דאָך אַליין, אַז מען מאַכט ניט קיין געשעפטן און אַז מען דערלייגט געלט צו די ביזנעס...

איטשע: און פון וואַנען נעמט איר עס אַזויפיל צו דערלייגן?

שמועל: זי מיינט אַוואַדע, אַז זיי דערלייגן קעסיידער אין באַנק אַריין, ווי אין פּאַסיק שטייט: „אַכאָס וועאַכאָס, אַכאָס אושטאָים"...

באַרעכקע: מיין באַבע האָט אויך געהאַלטן אין איין דערלייגן — ביז זי האָט זיך אַליין אָוועקגעלייגט אָפן בעסוילעם !...

זשאַנעט: נאָר מען וויינט און מען וויינט...

פראַיעם: אַלזאָ, איר זעצט זיך בייען ?...

באַרעכקע: עפּסער נאָך מיטן צען־שענט סגיט אויך? זעטשט זיך סוים בעשער אַליין בייען...

איטשע: און נעמט אייער מיסיס, וועט זי אייך צוהעלפן...

פראַיעם: (אויפגעקאָכט, וואַרפט זיך צו אים) מיך מעגט איר באַליידיקן. מיך מעגט איר אַפילע זידלען. אָבער זי, מיין פרוי, זאָלט איר זיך ניט דערוועגן צו באַליידיקן. איר הערט?! אַז ניט וועל איך אייך... וואָס איז, זי האָט עפּשער מיט אייך צוזאַמען כאַזירים געפּאַשעט?...

שמועל: (מיט געמאָרע־ניגן) כאַזירים האָבן מיר, מעיבי, טאַקע צוזאַמען מיט איר ניט געפּאַשעט. אָבער טאַכטוינים בייען, דאָס, מיסטער לעבן, האָבן מיר פּלענטי גענוג. נאָך מיט אַ 20 יאָר צוריק... ווי אין פּאַסיק שטייט: „זאָכאַרנו עס האַדאָגאָ!" — איך געדענק עס נאָך גאַנץ גוט...

בוירדי: איר זענט אַ ליגנער. איך בין אינגאַנצן עפּשער 30 יאָר אַלט...

שמועל: איך דינג זיך ניט מיט אייך ווי אַלט איר זענט. נו, איז עס געווען

מיט 15 יאָר צוריק. זענט איר שוין צופֿרידן ?...

פֿראַיעם: נו, בייטיק געוועזן זיך אָנצוהויבן מיט אַט די שנאָררערס, מיט אַט די פּאַראַזיטניקעס און עקספּלאָטאַטניקעס ?!... באַלד באַליידיקן זיי !...

בוירדי: איר מיינט אַוואַדע, אַז מיר שאַרן דאָ גאָלד מיט לאָפּעטעס ; אַז מיר זענען בורזשויעס... וואָרים וואָס מיינט היינטיקע צייטן 10 סענט ? איר טרינקט אַ גלאָז סאָדע און שוין — נאָך די צען סענט !... זאָל זיך אייך דאַכטן, אַז איר האָט פֿאַרטרונקען די 10 סענט...

זשאַנעט: זאָל זיך אייך דאַכטן, אַז די מאַשינען דרייען זיך און די הויזן נייען זיך !...

שמועל: גוואַלד, אידן, איך וועל דאָך זי כאַפּן און איר די ביינדעלעך אויס־קושן פֿאַר איר כאָכמע, ווי אין פּאָסיק שטייט : „אישאַקייני בענשיקויס"...

פֿראַיעם: זיי גלויבן ניט, אַז איך דערלייג געלט צום שאָפּ...

באָרעכקע: מיין באָבע האָט געהאַלטן אין איין דערלייגן, ביז . . .

בוירדי: שוין געהערט די כאָכמע, שוין געהערט !...

שמועל: קומט, קינדער, לאָמיר גיין. ווי אין פּאָסיק שטייט : „לכו וועניילכאָ"...

איטשע: און אַז איר וועט זיך באַרעכענען, מיסטער לאָפּעטע, און וועט וועלן האָבן אויפגעניייטע הויזן, קאָנט איר שיקן נאָך אונדז. איר ווייסט דאָך וואו אונדז צו געפֿינען, אין דער יוניע...

פֿראַיעם: מען וועט שוין ניט שיקן. מען וועט שוין נייען הויזן אָן אייך...

באָרעכקע: עש רעדט זשיך נאָר אַזשוי... וואָטצט בעשער די ביינער... נו, גוד־באַי, גריסט די הויזן !...

שמועל: ווי אין פּאָסיק שטייט : „האַביין יאַקיר לי עפראַים" — היט זיך די ביינער, מיסטער פֿראַיעם, און לאָזט ניט אָפּגיין דאָס פֿייער פונעם פּרעסל...

זשאַנעט: אָרעוואָאַר, מוסיו. זעט אַז די נאָדלען זאָלן ניט זשאַווערן !...

איטשע: זאָץ געזינט און ראָץ מיר אָפּן דראָנזשיק !.. קימץ, באַיעלעך !...

באָרעכקע: (נעמט מאַרשירן סאָלדאַטן־מעסיק און זינגט) „אָן די לאַין, אָן די לאַין, אָן די פּיקעט, אָן די פּיקעט לאַין"... (די איבעריקע פֿאַלן אַריין אין געזאַנג און מאַרשירן אָפּ).

פֿראַיעם: בייטיק געווען זיך אָוועקשטעלן אויסטיינען מיט זיי !...

בוירדי: אַ נייע מאַיסע : איך האָב זיך גאָר אָוועקגעשטעלט אויסטיינען ? אַז איך האָב דאָך קוים אַ וואָרט אויסגערעדט מיט זיי...

פֿראַיעם: אָ־רייט, אָ־רייט, זאָל זיין אַזוי...

בוירדי: וואָס מיינסטו, זאָל זיין אַזוי ? דו נעם בעסער צוריק די ווערטער !

פֿראַיעם: אָ־רייט, צוריקגענומען, צוריקגענומען. ביסטו שוין צופֿרידן ?

בוירדי: (נעמט זיך ווידער פּודערן און צופּאַרבן) אָבי דו רעדסט... יאָ, זאָג מיר נאָר, פֿראַיקע, פֿאַרוואָס האָסטו זיך ניט באַהאַלטן, ווי איך האָב דיר

אָנגעזאָגט ? נאָך אַ גליק, וואָס דאָס איז ניט געווען דער מיסטער בערשטל. איצט זאָלסטו מיר מער ניט מאַכן אַזאַ קונץ. הערסט ?...

פראַיעם: איך ווייס ניט וואָס עס קאָן דיך אַרן אויב איך וועל יאָ זיין דערביי...

בוירדי: דו טו ווי מען הייסט דיך און פרעג ניט קיין פראַגעס !...

פראַיעם: אָבער פאַרט פאַרוואָס ? איך האָב דאָך אַ רעכט צו פרעגן, אָדער ניין ?...

בוירדי: יאָ, אַ רעכט צו פרעגן האָסטו טאַקע, אָבער פרעגן דאַרפסטו ניט...

פראַיעם: עס אַרט מיך ניט. איך וויל בלויז וויסן, פאַרוואָס ?... צוליב וואָס ?

בוירדי: מיט דיין זיין דערביי קאָנסטו נאָך אַלץ קאַליע מאַכן. אָט פאַרוואָס.

פראַיעם: איך וועל קיין איינציק וואָרט ניט אויסרעדן, זאָל איך אַזוי לעבן !

בוירדי: ווי דו ווילסט. אָבער דאַן קאָן איך דיר ניט גאַראַנטירן קיין שום דערפאָלג... פאַרשטייסט... איך וויל נוצן אַביסל סעקס־אַפּיל און איך וועל זיך ניט פילן פריי ווען דו וועסט זיין דערביי... פאַרשטייסטו ?... (פויזע) שאַ, און עפּשער האָסטו גאָר מוירע מיר צו געטרויען...

פראַיעם: (לאַכט נאַריש) מוירע ? פאַרוואָס זאָל איך מוירע האָבן ? ער וועט פון דיר דאָ גאָרניט אָפּבייסן... (מען קלאַפּט אין טיר).

בוירדי: דאָס איז זיכער ער ! (צו דער טיר) דזשאָסט אַ סעקאָנד, פּליז !... קוקט אין שפּיגעלע. רעדט שטיל צום מאַן) נו, שלימאַזל מיינער, רוק זיך שוין אַוועק ערגעץ !... (מען קלאַפּט ווידער. פראַיעם לויפט אַרום ווי אַ צעדולטער. ער כאַפּט דאָס רעקל און פאַרלירט דעם הוט. הייבט אויף דעם הוט און לאָזט אַרויס דאָס רעקל. ער קריכט אונטערן טיש, טוט זי אים אַ שטויס מיטן פוס און ווייזט אים שטומערהייט, אַז דאָ טויג ניט. מען קלאַפּט ווידער. ער נעמט קריכן אונטער אַ מאַשין, אָבער קאָן ניט אַרונטער. ענדלעך לויפט ער צו אַ טיר, אָף וועלכער עס איז פאַראַן אַ שילדל „פאַר מען". ער ווייזט עס איר און זי שאָקלט פאַרגיטיקנדיק מיטן קאָפּ. ער גייט אַריין אַהין, פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך. זי גייט עפענען די אַריינגאַנג־טיר) קאַם אין, פּליז !...

בערשטל: (שטעלט אַריין אַ פוס, זעט זי נאָך ניט) העלאָו, קאָן איך זען...

בוירדי: קאַם אין, פּליז, קאַם אין, מיסטער...

בערשטל: (אַריינגעקומען, דערשטוינט) דו, בעלאָ, וואָס טוסטו דאָ ?...

בוירדי: (צעטומלט) דו, לעאָן ? וואָס טוסטו דאָ ?...

בערשטל: (שטאַמלט) איך... ע... האָב, זעט אויס, געמאַכט אַ טאָעס. איך האָב דאָ ערגעץ אַ געשעפט־אַפּוינטמענט, מיט אַ געוויסער מיסיס לאַפּאַטע, אַ הויזן־קאָנטראַקטאָרס אַ פרוי... ביי איר מאַן אין שאָפּ... ווי עס זעט אויס, האָב איך אין איילעניש זיך גאָר טויע געווען אָדער מיט אַ שטאָק העכער, אָדער מיט אַ שטאָק נידעריקער...

בוירדי: האָסט זיך ניט טויע געווען. עס איז דאָ. טאַקע דאָ...

בערשטל: (דערשטווינט) מיינסט מיר צו זאָגן, אַז...
בוירדי: יאָ, איך בין דאָס די מיסיס לאַפּאַטע...
בערשטל: לאַכסט אָוואַדע... בעלאַ, דו?...
בוירדי: איך שפּאַס ניט. דאָס בין איך.
בערשטל: און מיסטער פּראַיעם לאַפּאַטע איז דיין מאַן?...
בוירדי: אַזוי זעט עס אויס, לע־אָן... (מיט אַ שטאָך) לע־אָן...
בערשטל: (מיט פאָרוואורף) און דו האָסט זיך פאַר מיר אויסגעגעבן פאַר אַן אַלמאָנע גאָר...
בוירדי: נו, און אַז דו האָסט זיך מיר פאַרגעשטעלט פאַר אַן אַקטיאָר?!...
בערשטל: (לאָזט אַרונטער דעם קאָפּ) וואָס איז איצט דער כילעק?...
בוירדי: הייסט עס, אַז מיר זענען קוויט... איז עפּשער וועלן מיר דעריבער גאָר איבערגיין צו פּראַקטישע ביזנעס?...
בערשטל: (אָטעמט אָפּ. פאַררויכערט אַ ציגאַר) אָ־רייט, לאָמיך הערן וואָס איך קאָן טאָן פאַר אייך, מיסיס לאַפּאַטע...
בוירדי: המם, אַזוי אָפיציעל... נו, און פאַר בעלאַן וועסטו גאָרניט טאָן?
בערשטל: פריער וועל איך הערן וואָס מיסיס לאַפּאַטע וויל, דערנאָך וועל איך זען וואָס איך קאָן טאָן פאַר בעלאַן... גוט?...
בוירדי: איך וויל, אַז זאָלסט מיר זען העלפן סעטלען דעם סטרייק...
בערשטל: עס איז אַ צו גרויסע אויפגאַבע, בעלאַ, אַי מין, מיסיס לאַפּאַטע... (קוקט זי שאַרף אָן).
בוירדי: (קאָקעטירט) וועסט מיר העלפן, לעאָן?...
בערשטל: איך ווייס בעעמעס ניט וואָס איך קאָן דאָ העלפן, אַז דיין מאַן האָט זיך פאַרגלוסט צו שניידן 10 סענט פון די פאַר הויזן...
בוירדי: מיין מאַן איז אָבער גרייט דיך צו פאַרגיטיקן. ער וויל ניט אומ־זיסט...
בערשטל: איך בין אין דער יוניאָן צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די אַרבעטער, און ניט זיי צו פאַראַטן...
בוירדי: (נעמט אים אַרום, קושט אים) פּליז, לעאָן, איך בעט דיך, בער־נאַרד, טו עס פאַר מיר, צוליב מיר... (גלעט אים).
בערשטל: צום באַדויערן קאָן איך גאָרניט טאָן וועגן דעם. עס איז פאַראַן אַ יוניאָן, אַ קאָנט . . .
בוירדי: (שלאָגט אים איבער) ער איז גרייט דיר צו געבן אַ מאַטאָנע אַ הונדערטער...
בערשטל: (דרייט מיטן קאָפּ) מיך קויפט מען ניט פאַר קיין געלט!
בוירדי: אָ־רייט, איז נאָך אַ פּופציקער. אָבער... וועסט מיר דערפון דאַרפן געבן כאָטש אַ פינף־און־צוואַנציקער. (שפּילט זיך מיט זיינע האָר) דו פאַרשטייסט, סוויטהאַרט, איך וויל זיך קויפן יענע בלויע איוונינג־גאָון,

וואָס איך האָב דיר געוויזן אין פענצטער. דו ווילסט דאָך, אַז איך זאָל גיין שיין אָנגעטאָן ווען מיר גייען אַרויס צוזאַמען... (קושט אים) אַלזאָ, לעאָן, וואָס זאָגסטו ?... (די טיר טוט זיך אַ פראַל אויף. ס'קומען אַריין די אַרבעטער) טפו זאָל עס ווערן! שוין ווידער דאָ ?!...

באַרעכקע: אַוואַדע זשענען מיר דאָ. איר זשעט דען ניט ?...

איטשע: (זינגט) עס געפעלט מיר ניט די מאַיסע...

באַרעכקע: וואָס זשע הערט זשיך, ברודער בערשטל ?...

בערשטל: די מאַדאַם בעט מיך, איך זאָל סעטלען דעם סטרייק...

שמועל: אויב אַזוי, זענען מיר דאָך אויך אַ צאַד און מעגן אויך זיין דערביי. ווי אין פּאָסיק שטייט: „וועסאַכאַמטאַ בעכעלקעכאַ" — מיר האָבן אין דעם אויך אַ כיילעק...

זשאַנעט: דאָס האָב איך דאָך פריער געזאָגט, אַז עס איז אונדזערע ביזנעס...

באַרעכקע: אַזשאַ יאָר סוים אַף מיר ווי זאַנעט איזש גערעכט...

איטשע: אָבער וואָס האָט דאָ צו טאָן די מאַדאַם ? איך מיין...

שמועל: וואָס פאַרשטייסטו ניט ? זי איז געקומען אונדז העלפן צו געווינען דעם סטרייק. עס גייט איר מאַמעש אין לעבן. ווי אין פּאָסיק שטייט: „אַל קיין נעקאָווע לעכאַ" — דערויף איז זי דאָך אַ נעקייווע, מיסטער לאָפּאַטעס פראַו...

בוירדי: דזשענטלמען, דזשענטלמען, זייט אַביסל געדולדיק. לאָזט אונדז אַליין דאָ און מיר וועלן שוין סעטלען דעם סטרייק אָן איך...

איטשע: אָן אונדז ? — מויכל! מיר וועלן ניט אָננעמען קיין אַגרימענט וואָס וועט געמאַכט ווערן אָן אונדז. פרעגט ברודער בערשטל...

בערשטל: (שמייכלט) גערעכט, גערעכט... (צו בוירדין) נו, איצט זעט איר שוין אַליין, מאַדאַם ? אַט דאָס מיינט אַ יוניאָן !...

שמועל: עס איז אָדער מיט אונדז, אָדער גאָרניט ! בעכינעם אייער אַרבעט !...

בערשטל: ווי איר זעט, מאַדאַם לאָפּאַטע, איז עס ניט געווענדט אין מיר. פּאָלגט מיך און רעדט דירעקט מיט אייערע אַרבעטער...

שמועל: יאָ, אויב איר האָט עפּעס פאַרצושלאָגן, מאַדאַם, איז לאָמיר הערן... און אויב עס וועט נאָר זיין יוישערדיק, וועט איר זיך קאָנען פאַרגלייכן מיט אונדז, ווי אין פּאָסיק שטייט: „וועהאָאיר שושאַן צאַהאַלאָ ווע־סאָמייכאָ"...

בוירדי: איך האָב מיט אייך גאָר ניט וואָס צו רעדן... (קערט זיך אָפּ).

שמועל: איר וועט בעסער ווערן, מאַדאַם! ווי אין פּאָסיק שטייט: „האַזויע־רים בעדימאָ, בערינאָ איקצוירו" — אַז עס וועט אייך זויער ווערן אין פּאַקעט, וועט איר שוין ברענען צו סעטלען...

זשאַנעט: קומט, באָיעס, לאָמיר צוריק אַרונטערגיין פּיקעטן !...

בערשטל: גערעכט. דערווייל איז דאָס דאָס איינציקע געווער. קומט ! (צו

בוירדין) **נו, און איך, מאַדאַם לאַפּאַטע, גוד־באַי!...** (וואַרפט צו אַן אירא־ נישן זשעסט מיט דער האַנט און גייט אָפּ).

באַרעבקע: (נעמט זינגען) **האָלד די פאָרט פאָר ווי אַר קאַמינג, יוניאָן־מען בי שטראָנג, שאַיד באַ שאַיד ווי באַטל אַנוואָרד, וויקטאָרי וויל קאַם!...** (אַלע גייען אָפּ מיט געזאַנג).

בוירדי: (לויפט נאָך ביז דער טיר מיט פאַרקוועטשטע פויסטן. פאַרהאַקט די טיר און פאַלט אַוועק צום טיש מיט אַ היסטעריש געוויין) **מאַדאַם לאַפּאַטע האָט ער מיר געזאָגט, מאַדאַם לאַפּאַטע... וואָס וועט איצט זיין?...** (שטעלט זיך אויף, מאַכט אַ פויסט צו דער טיר) **אַזאַ פאַרדאַמטער דזשיג... אַזעלכע פאַרשאָלטענע סטרייקערס!...** (פּלאַצט ווידער אויס אין געוויין).

פראָיעם: (עפנט די טיר פון זיין באַהעלטעניש, קוקט זיך אַרום צי קיינער איז שוין ניט דאָ. דערזעט ווי בוירדי זיצט ביים טיש און וויינט. לויפט ער צו, נעמט זי צערטלען און גלעטן) **וואָס איז געשען, בוירדעלע? וואָס איז געשען?... האָסט עפּעס אויפגעטאָן?...**

בוירדי: (קרימט זיך נאָך) **האָסט עפּעס אויפגעטאָן? אָ, דו, מיט דיינע סטרייקערס, מיט דיינע יוניאָן־פירער!...** (צעוויינט זיך ווידער).

פראָיעם: (צערטלט זי) **נו שאַ, באַרואיק זיך, בוירדעלע, באַרואיק זיך!...**

בוירדי: **אַזאַ... אַזאַ... מאַדאַם לאַפּאַטע האָט ער מיר געזאָגט, מאַדאַם לאַפּאַטע, גוד־באַי!...** (צעשרייט זיך) **שלימאַזל! אידיאָט! שניידן די פרייזן האָט זיך דיר מיטאַמאָל פאַרוואָלט, אַ סטרייק אין שאַפּ, און נאָך מיך אויך אַריינגעשלעפּט אין דעם!... אַליין האָט עס ניט דעם מינדסטן סייכל ווי מיט אַ מענטש צו רעדן!... אידיאָט!... שלימאַזל!...** (פאַלט ווידער צו צום טיש מיט געוויין) **גוד־באַי, מאַדאַם לאַפּאַטע, גוד־באַי!...**

פראָיעם: (גלעט זי איבער די פּלייצעס) **נו שאַ, בוירדעלע דאַרלינג, שאַ, איך וועל צעטלען דעם סטרייק, צעטלען, אַבי שריי ניט, אַבי וויין ניט... איך וועל דיר געבן געלט אַף דער דרעס, לאָז מיך דאַכטן, אַז דו האָסט גע־ צעטלט...**

בוירדי: מעגסט שוין יאָ סעטלען, מעגסט שוין ניט סעטלען, — מיר איז שוין אַלץ איינס. — איך האָב שוין סיי ווי סיי פאַרלוירן... (צעכליפּעט זיך נאָך שטאַרקער) **מאַדאַם לאַפּאַטע האָט ער מיר געזאָגט, מאַדאַם לאַ־ פּאַטע, גוד־באַי...** (כליפּעט. פראָיעם צערטלט זי און גלעט זי).

אַ גאַסט אין שטעטל

[קאָמעדיע־פאַרס אין 1 אַקט]

אַ גאַסט אין שטעטל

(קאָמעדיע־פאַרס אין 1 אַקט)

אַנטיילנעמער אין דער שפּיל:

מר. בלייפער	...אַן אַלרייטניק, גענאַסע
מרס. בלייפער	...זיין ווייב, אַ לייענערן פון בינטל
הערעלד	...זייער זון, אַ לעבעדיקער יאַטל
מאַטילדע	...זייער טאָכטער, אַ נאַאיוו מיידל
מר. שטעקל	...אַן אַנדערער אַלרייטניק אין שטעטל
גענאַסע פינטשעס	...אַ לעקטשורער מיט אַ שיין פּענימל
גאָען יאָסע פינכעס	...אַ רעוול מיט אַ באָרד, שיפּעלאָווע
מאַרדזשי	...אַ נעגער־דינסט־מיידל
דזשים	...אַ שאָפער ביי די בלייפערס

די סצענע שטעלט פאָר אַ רייך־אויסמעבלירט צימער ביי די בלייפערס, ערגעץ אין אַ קליינער פּראָווינץ־שטאָט. דאָס רייכקייט שפּראָצט פון אַלע ווינקעלעך מיט גראָבקייט און אויפגעקומענקייט — אָן שום געשמאַק. אפן ערשטן בליק דערקענט מען, אַז דאָ וואוינט אַן אַלרייטניק און גענאַסע. אף די ווענט הענגען די בילדער פון קאָאוטסקין, דעבסן, אייב קאַהאַנען און אַנדערע גרויסע לייט. אינמיטן — אַ בילד פון פּרעזידענט קולידזש (אָדער טרומאַן), באַצירט מיט צווי קליינע אַמעריקאַנישע פענדלעך. מאַן און ווייב זיצן ביים טיש, נאָכן מיטיק־מאָלצייט. הערעלד זיצט עטוואָס ווייטער און קוקט אַריין אין אַ צייטונג. מאַטילדע הוידעט זיך אין אַ שווערן וויג־שטול.

אַ גאַסט אין שטעטל

מר. שטעקל: (לויפט אַריין אין איילעניש, סאָפּעט שווער, ווי אַן אַסטמאַטיקער, און קאָן קוים אַ וואָרט אויסרעדן) פּו־הו . . . העל . . . העלאָ . . . פּו־הו, העלאָ מיסטער בלייפּער, העלאָ מיסיס בלייפּער ! . . .

מר. בלייפּער: העלאָ, מיסטער שטעקל ! זיצט . . . וואָס מאַכט מען עפּעס ?...

מר. שטעקל: אָ־קעי, אַ דאַנק ! (סאָפּעט ווידער שווער) פּו־הו . . .

מרס. בלייפּער: גאָט איז מיט איך, וואָס סאָפּעט איר עפּעס אַזוי שטאַרק ?

שטעקל: פּרעגט שוין גאָרניט. ניט פּאַר איך געדאַכט . . . (ער טוט אַ מאַך מיט דער האַנט פול מיט איעש).

מרס. בלייפּער: אַלץ די אַסטמע נאָך ? . . . ניט דאָ געדאַכט . . . און וואָס מאַכט עפּעס אייער פרוי ? . . . שוין אַ שטיק צייט זי ניט געזען . . .

שטעקל: אַ דאַנק פּאַרן פרעגן. (סאָפּעט) אָ, מיין אומגליק . . . זי, זי איז אָ־קעי . . . (דערזעט העראָלדן און מאַטילדען, גריסט זיך צו זיי) העלאָ, קינדער ! וואָס מאַכט איר עפּעס גוטס ? . . . (ער פאַלט שווער אַריין אין אַ שטול) וועל־וועל, וואָס זשע הערט זיך דאָ, באַ איך ? . . . וואָס האָט איר מיך אַזוי נויטיק געדאַרפט האָבן ? עפּעס אַ וויכטיקע זאַך ? . . .

מר. בלייפּער: שור אַ וויכטיקע זאַך, שור . . . אַנדערש וואָלט איך דאָך ניט געשיקט זאָגן, אַז עס איז וועריי אימפּאָרטענט . . .

שטעקל: (אָטעמט אָפּ) ער איז אַריינגעלאָפן ניט טויט־ביט לעבעדיק, אייער דזשים, און זאָגט : רייד־ע־וועי זאָל איך אַריבערקומען. מיסטער בלייפּער, זאָגט ער, האָט געזאָגט, אַז ער זאָל מיר זאָגן, דיס וועריי מינעט און זייער וויכטיק. נו, בין איך געלאָפן. (סאָפּעט) אוי, מיין אומגליק . . .

בלייפּער: (נעמט אַרויס אַ בריוו פון קעשענע, עפנט דעם קאָנווערט ווי עפּעס אַ הייליקע זאַך) אָט האָב איך נאָר־וואָס דערהאַלטן אַ בריוו פון ניו־יאָרק, פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע . . .

שטעקל: (איבעראַשט, ציניש) אָ, שוין אַוואַדע ווידער געלט . . .

בלייפּער: האָט איר דאָסמאָל ניט געטראָפן . . .

שטעקל: (דערלייכטערט) כ'האָב געהערט ניו־יאָרק, האָב איך געמיינט . . .

בלייפּער: די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע לאָזט וויסן, אַז גענאָסע פּינטשעס פאָרט אַרויס אַף אַ לעקציע־טור איבערן לאַנד און . . .

שטעקל: איר מיינט, ער וועט זיך אָפּשטעלן אויך דאָ, ביי אונדז ? . . .

בלייפער: זיכער. וועגן דעם שרייבט מען דאָך מיר טאַקע. וואָס זשע האָט איר זיך ווידער אַזוי דערשראָקן? . . .

שטעקל: דערשראָקן האָב איך זיך ניט. נאָר וואָס זשע דען . . . (לאַכט נאַריש) אַז גענאַסע פּינטשעס קומט, — מיינט עס דאָך אוואַדע ווידער געלט. נו, און מיר האָבן ניט אַפילו קיין פּעני אין דער טרעזשורי . . .

בלייפער: נישקאָשע. ער קומט דאָך פאַר אַ לעקציע. און אויב עס וועט זיך נאָר איינגעבן, קאָנען מיר נאָך מאַכן עטלעכע דאָלער פּראָפּיט אויך.

שטעקל: און איך האָב מוירע, אַז ער וועט זיך הייסן באַצאָלן פאַר דער לעקציע מער וויפיל מיר קאָנען אַריינעמען . . .

בלייפער: וואָס איז עס היינט מיט אייך, גענאָסע שטעקל? . . . לויט אייך וואָלט מען גאָר געדאַרפט אויפגעבן דעם ברענטש ביי אונדז . . .

שטעקל: ניט אויפגעבן, נאָר . . . אַז אַלע זענען איצט אַזוי פאַרביזעוועט מיט מאַכן אַ טאָלער, אַז דער סאָציאַליזם קריכט פּאַשעט ניט אין קאָפּ אַריין. (פויזע) ווען קומט ער, זאָגט איר?

בלייפער: (צו הערשאָלדן) נאַ, גיב אַ לייען איבער דעם בריוו, הערשאָלד! איך האָב ניט די גלעזער מיט זיך. (צו שטעקל, מיט גאַדלעס) נישקאָשע, עס האָט מיך גענוג געקאָסט אים אויסצוהאַלטן אין ניו־יאָרק, קעדיי ער זאָל דאָרט, אַ כויץ קאַלעדזש, קאָנען לערנען אין דער אידישער שול . . .

הערשאָלד: (נעמט אומצופרידן דעם בריוו. לייענט) טייערער גענאָסע בליי־פער. די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע האָט באַשלאָסן, אַז דער באַליבטער גענאָסע פּינטשעס זאָל אַף זיין לעקציע־טור איבערן לאַנד זיך אָפּשטעלן אויך ביי אייך אין שטאָט. מיר לאָזן אייך דעריבער וויסן, אַז אים וועט אויסקומען צו זיין ביי אייך דאָנערשטיק און פרייטיק, דעם 22־טן און 23־טן פון היינטיקן כוידעש . . . גרייט גלייך צו אַ האָל פאַר דער לעקציע אַף פרייטיק אָוונט. גיט אַריין אַ מעלדונג אין דער לאָקאַלער צייטונג און, אויב מעגלעך, דרוקט אָפּ ליפלעטס און אַנאָנסירט די לעקציע צווישן דער אידישער באַפעלקערונג. מיר גלויבן דערביי, אַז גענאָסע פּינטשעס וועט אַוואַדע קאָנען איינשטיין ביי אייך אין הויז די צוויי נעכט. באַגעגנט אים ביים סטעישאָן דאָנערשטיק אָוונט, ביים עקספּרעס צוג. וואָס שאַיך דעם פּרייז פאַר דער לעקציע, וועט עס זיין פופציק דאָלאַר . . .

שטעקל: נו, וואָס האָב איך אייך פריער געזאָגט? . . .

בלייפער: וואָס זענט איר אַזוי פאַרזויערט, גאָט איז מיט אייך . . .

שטעקל: פופציק דאָלאַר . . . פופ־ציק דאָ־לאַר . . .

בלייפער: ס׳איז ניט געפערלעך. פּינטשעס נאָמען וועט ציען מער ווי דאָס. וואָס דאַרפט איר מער, ווען איך בין געווען אין ניו־יאָרק . . .

שטעקל: וואָס דאַרפט איר מיר דערציילן ניו־יאָרק? . . . ניו־יאָרק איז עפּעס אַנדערש. דאָרט האָבן זיי אים אָפּן פלאַץ. עס קאָסט זיי ניט קיין פרעיט,

מיין איך, רעילראָוד־פעיר און דערצו . . .

בלייפער: אַז איך זאָג אייך, עס האָט די ווערט. ווען איר הערט אים, וואָלט איר מאַסקים געווען צו געבן דריי מאָל פופציק. איין קליניקייט, גענאַסע פינטשעס. מען רייסט זיך דאָך פאַשעט איבער אים . . .

מרס. בלייפער: עמעס. דער פעיפער האָט אַנומלטן געשריבן, אַז . . .

שטעקל: מיילע נו, זאָל זיין אַזוי. אָבער . . . ס'איז דאָך שוין אַזוי שפעט...

בלייפער: טאַקע דערפאַר האָב איך דאָך אייך גערופן. איר זענט דער טרע־זשורער פון ברענטש, ווער מען זיך דאַרפן צוזאַמען אַ נעם טאָן . . .

שטעקל: אַ שאָד די אַרבעט. לאָמיר צוגרייטן דעם פופציקער און . . . וואָרים ער מיינט דען די לעקציע . . .

בלייפער: רעדט ניט קיין נאַרישקייטן. מען דאַרף אָרגאַניזירן דעם מיטינג און איך אַליין קאָן זיך ניט צערייסן . . .

שטעקל: וואָס זשע ווילט איר זאָל איך טאָן ?...

בלייפער: גייט, דינגט דעם זאָל. באַשטעלט אַ 500 ליפלעטס . . .

שטעקל: (זיפצט, שטעלט זיך אויף) נו, אויב אַזוי, גיי איך שוין. פונדעסט־וועגן איז צוליב דעם ניט נויטיק געווען מיך אַהערצושלעפן. איר האָט דאָך דאָס געקאָנט פאַרטיק מאַכן און צושיקן מיט דזשימין צו מיר, וואָלט איך עס שוין געווען באַזאָרגט. נו, גוד באַי! גוד באַי אָל! . . .

מרס. בלייפער: גייט געזונט און גריסט מיר די מיסיס. זי וועט דאָך מיסטאָמע זיין אָף דער לעקטשור, וועלן מיר זיך דאָרט טרעפן. איך דאַרף זיך מיט איר דורכרעדן וועגן דער לעדיס אַקזילערי פון טעמפל . . .

שטעקל: אָ־רייט. גוד־באַי! (גייט אַרויס).

בלייפער: (לייגט צוריק אַוועק דעם בריוו) איצט, מאַ, וועלן מיר זיך דאַרפן אַ נעם טאָן צוגרייטן אַ צימער פאַרן גאַסט. (טראַכט) דענקסטו יאָ, אַז מאַטילדעס צימער וועט זיין אָ־רייט ?... (פויזע) מען וועט כאָטש דאַרפן אַריינשרויפן עטלעכע קאָלירטע לעמפלעך. פאַרשטייסט . . . ער האָט ליב קאָליר, שטימונג . . . ער איז זייער אַן אינטעליגענטער מענטש . . .

מרס. בלייפער: לאָז דאָס איבער צו מיר, פאָ. איך וועל שוין זען, אַז מאַר־דזשי זאָל מאַכן אַ גוטן דזשאָב . . .

בלייפער: אַז עס זאָל שמעקן. ער זאָל האָבן צו געדענקען, אַז ער איז איינ־געשטאַנען ביי די בלייפערס. נאָך אַלעמען איז עס דאָך אַ זכיה, אַז ביי אונדז אין הויז זאָל זיך געפינען אַזאַ גרויסער מענטש . . .

מרס. בלייפער: עס וועט שוין זיין אָ־קעי. איך וועל עס מאַכן אַזוי, אַז ער וועט זיין צופרידן און שטאָט וועט אונדז מעקאַנע זיין. איך וועל הייסן מאַכן אַ צימער, אַז . . .

בלייפער: איך זאָג דיר דעם עמעס, אַז אָף מיר ציטערט די הויט, ווען איך דערמאָן זיך וועגן גענאַסע פינטשעס איז. אַ קליניקייט — דער גרעסטער

לאַיער אין ניו־יאָרק און דער גרעסטער סאָציאַליסט אין לאַנד . . .

מרס. בלייפער: (אין פריערדיקן טאָן) אַ פונט לעכט בין איך מענאַדער אין טעמפל אַריין, אויב ער וועט זיין צופרידן. (גייט אָפּ).

בלייפער: (דרייט זיך אַרום פאַרטראַכט) מען וואָלט געדאַרפט צוגרייטן עפּעס אַן איבעראַשונג. עפּעס אַזעלכעס, וואָס . . . (מיטאַמאָל) לאָמיך זען, יאָ . . . קאַלירטע לעמפּלעך, לעבעדיקע בלומען און . . . פּאַרפיום . . .

הערלאָד: עפּעס גרייט איר צו פאַר אים אַן אויפנאַמע, אַקוראַט ווי ער וואָלט עס געווען אַ כאַסן פאַר מאַטילדען . . .

בלייפער: מאַטילדע? הער, דאָס איז אַ זאַך וואָס באַלאַנגט צו דיר. נאַדיר געלט, כאַפּ זיך אַרויס, פליז, קויף אַ פלעשל פאַרפיום, עטלעכע פלעשעלעך אַדעקאָלאָן און . . . אַ בוקעט לעבעדיקע בלומען . . . וועסט דאָס דאַן אַלץ אַוועקשטעלן אַפן דרעסער ביי זיך אין בעד־רום. פאַרשטייסט . . . ער וועט שלאָפן אין דיין בעט. ער איז אַן עסטעטישער מאַן און . . .

הערלאָד: (לאַכט מיט כויזעק) ער מוז שוין זיין פון די עמעסע עסטעטן, אויב ער דאַרף האָבן פאַרפיום מיט בלומען, דער גענאַסע פינטש־מאַן . . .

מאַטילדע: (נעמט געלט) וואָס דאַרפסטו לאַכן, הערלאָד?... (צום פאַטער) ער איז נאָך אַ יונגער, דער מיסטער פינקעטש?...

בלייפער: ערשטנס — איז ניט מיסטער, נאָר גענאַסע. צווייטנס — איז עס ניט פינקעטש, נאָר פינטשעס. גענאַסע פינטשעס. פאַרשטייסט?....

מאַטילדע: (כאַזערט איין) פינטשעס, פינטשעס, פינקטשעסט, פינקטשעס, פיקטשעס . . . סאַראַ פעקיולער נאָמען . . .

מרס. בלייפער: (קומט אַריין) וועל, שוין באַזאָרגט מיין טייל. מאַרדזשי פאַלירט שוין דעם פלאָר אין מאַטילדעס צימער. (רייבט די הענט פון פרייד).

מאַטילדע: פאַ, איך האָב דאָך דיר געפרעגט, איז ער נאָך אַ יונגער, דער מיסט, איי מין, גענאַסע פינטשער? (שעמעוודיק) אַ שיינער? . . .

מרס. בלייפער: אַ כילעק, אַ יונגער צי אַן אַלטער?... גלויב מיר, מאַטילדע, מיין קינד, אַז אַנדערע יונגעלייט וואָלטן זיך געוואונטשן צו בייטן מיט אים. איין קליינִיקייט — פינטשיק . . .

בלייפער: (בייז) ניט פינטשיק, נאָר פינטשעס, פינטשעס, פינטשעס . . .

מאַטילדע: אָבער אַ יונגער? . . .

בלייפער: שור אַ יונגער. אינגאַנצן אַרום אַ 30, העכסטנס 35 יאָר אַלט און אַ בעטשלאָר אויך. איך זאָג אייך, אין ניו־יאָרק ווערן אַלע פרויען און מיידלעך פּאַשעט מעשוגע פאַר אים . . . . הייגט זיין רעדן — אַ . . .

מרס. בלייפער: (כאַפּט אַ בליק אין שפיגל) אַ! (נעמט צו פאַריכטן זיך).

בלייפער: אַז איך זאָג אייך, יענער קאָן צענעמען אַ מענטשן מיט זיינע רייד. ווען ער טרעט אַרויס אין ניו־יאָרק, גייט די גאַנצע שטאָט כאַדאַראָם . . .

מאַטילדע: וואָס דו יו מין, קוואָדראַם? דו עפּשער געמיינט, היפּאָדראָם...

בלייפער: ניין, טאַקע קוואָדראַם. דאָס איז אַזאַ ראַשען וואָרד. איט מינס... איט מינס, אַזאַ גרויסער קראַוד...

מאַטילדע: דזשי, וואָט אַ פאַני לענגוויטש. קוואָדראַם — איז אַ קראַוד.

בלייפער: היינט ווען ער רעדט וועגן סאָשעליזם, פאַרגעסט מען אָן אַלעם אויף דער וועלט. איך וואָלט אַוועקגעגעבן כ'ווייס וויפל, אַז איך זאָל אים קאָנען הערן און הערן...

מאַטילדע: אַזאַ גוד ספּיקער איז ער, מיסטער פּינקעטש? (פאַרכאַפּט זיך גלייך) איך געמיינט — מיסטער פּיקטשע?...

בלייפער: אָ, גאָט מיינער, ניט מיסטער, נאָר גענאָסע. גע־נאָ־סע...

מאַטילדע: ענד וואָט איז די דיפרענץ עניוועי?...

בלייפער: אַהאָ, עס איז שוין גאָר אַ גרויסער דיפרענץ...

מאַטילדע: וואָס זשע דאָס מיינט, וואָס דו געזאָגסט, גענדזשאָסע?...

בלייפער: ניט גענדזשאָסע, נאָר גענאָסע. דזשי, אי, ען, — גע־נאָ־סע...

מאַטילדע: באָט... וואָט דאָז איט מין, דיס...?...

בלייפער: דאָס איז, ווי זאָל איך דיר דאָס זאָגן... (טראַכט) דאָס איז אַזאַ מין טיטל אין דער ראַדיקאַל מואוומענט, אין דער סאָשעליסט פּאַרטי. ווי אַ שטייגער — קעפּטן אין דער פּאָליס, דזשענעראַל אין דער אַרמיי, אַדמיראַל אין דער נעיווי, שרייבער ביי די מעיסאָנס און ווי...

מאַטילדע: אַי סי... איצט איך שוין געפאַרשטיי...

בלייפער: אָט, נעם אַ שטייגער מיך. דאָ, אין שטאָט ביי אונדז, ווייסט מען טאַקע גאָרניט און מען רופט מיך פּאַשעט, מיסטער בלייפער. אָבער דאָרט, אין ניו־יאָרק, דאָרט ווייסט מען ניט קיין אַנדערן באָמען נאָר גענאָסע. גענאָסע בלייפער האָט די פלאָר. גענאָסע בלייפער מאַכט אַ מאָשן. גענאָסע בלייפער איז אַוט אָוו אָרדער. גענאָסע בלייפער דאַנייטעד צען דאָלער... (לאַכט) כע־כע־כע, אַ שיין פּאָנים וואָלסטו געהאָט ווען דו זאָגסט מיר אין ניו־יאָרק מיסטער בלייפער...

מאַטילדע: וואָרים דו אויך אַ סאָשעליסט דזשענעראַל ביסט?...

בלייפער: יאָ, טאָכטער. יעדער איינער אַזוי. אָבער איידער מען דערדינט זיך צו ווערן אַ גענאָסע, מוז מען פריער זיין אַן איפּסל. דו פאַרשטייסט?...

מאַטילדע: וואָט איז דיס נאַו?...

בלייפער: דאָס איז אויך אַזאַ מין טיטל. איידער מען ווערט אַ גענאָסע, מוז מען פריער זיין אַן איפּסל...

מרס. בלייפער: דאָס איז אויך אַ גרויסער קאָוועד.

בלייפער: אַיין קלייניקייט. עס קומט ניט אָן אַזוי לייכט. עס דויערט אַ לאַנגע צייט איידער מען גייט איבער פון איפּסל צו גענאָסע...

הערבּאַלד: עס דויערט לענגער ווי צו ווערן אַן אַלרייטניק?...

בלייפּער: (בייז) אָ, שאַראַפּ, יו, יו באַלשעוויק! . . .

מאַטילדע: (צו זיך) פריער איפּסל, דערנאָך געגנדזשאַסע, און דערנאָך? . . .

מאַרדזשי: (לויפט אַריין) אַ טעלעגראַמע פאַר איך, סער . . . (גייט אָפּ).

בלייפּער: (רייסט אויף די טעלעגראַמע) נאַ, מאַטילדע, לייען איבער, פּליז...

מאַטילדע: (לייענט) קום צופאָרן 22־טן, מיטן פינפער צוג. פּליז, באַגעגנט מיך ביים טרעין. גאָען־דזשאַסע פּינטשעס . . .

מרס. בלייפּער: ווי איז מיר, ער איז דאָך שוין דאָ?! . . .

בלייפּער: (קוקט אָפּן זייגער) איך פאַרשטיי ניט. אינעם בריוו האָט מען דאָך געשריבן, אַז ער קומט מיטן עקספּרעס, נאָך זיבן אַזייגער . . .

מאַטילדע: און דער פינפער איז דאָך שוין אָוואַדע אַריינגעקומען . . .

מרס. בלייפּער: אוי, אַ בראָך איז צו מיר! (רופט) מאַרדזשי, מאַרדזשי!

מאַרדזשי: (לויפט אַריין) יעס מעם. איר האָט מיך גערופן? . . .

מרס. בלייפּער: יעס, מאַרדזשי, טו זיך אַ ריר צו מיטן ראַמען. דער גאַסט קומט שוין!

מאַרדזשי: אָ־רייט, מעם. (לאָזט זיך גיין).

בלייפּער: וואַרט אַ ווייל, מאַרדזשי. שיק מיר אַריין אַהער דזשימין. זאָג, ער זאָל די מינוט אַריינקומען.

מאַרדזשי: אָ־רייט, סער . . . (אָפּ).

בלייפּער: (צו זיך) איך קאָן דאָס ניט פאַרשטיין. אין בריוו, זאָגסטו, שרייבט זיך, אַז ער וועט אָנקומען מיטן עקספּרעס, און אין דער טעלעגראַמע . . .

העראַלד: מיסטאָמע האָט ער זיך באַרעכנט, אַז ער קאָן אַזוי־אַרום אַריינכאַפּן אַן איבעריקן אומזיסטיקן סאַפּער . . .

מאַטילדע: אָ, גאַש, דיינע וויצעלעך מאַכן מיך קראַנק . . .

מרס. בלייפּער: וועגן אַזאַ מאַן מאַכט מען ניט קיין וויצן. ער האָט דאָס ניט ליב . . .

בלייפּער: מאָל זיך, אַז ער אַליין איז שוין דאַווקע יאָ אַ וויצלער. אָפּט טוט ער אָפּ אַזעלכע שפּיצלעך, אַז מען קאָן פּלאַצן. אָט, אַנומלט . . .

דזשים: (שטעקט אַריין דעם קאָפּ) יעס סער . . . איר'ט מיך גערופן? . . .

בלייפּער: נעם מיין נייע מאַשין און כאַפּ זיך אַריבער צום סטעישאָן. וועסט דאָרט אָפּנעמען ביים פינפער צוג אַ געוויסן מיסטער פּינטשעס. וועסט זיך דאָרט אַרומקוקן, וועסטו שוין זען ווער דאָס איז. אָבער מאַך עס גיך...

דזשים: אָ־קעי, באָס. ווי זאָגט איר, — פּינ־ווי? . . .

בלייפּער: פאַרשרייב זיך, גראָבער קאָפּ, — פּינטשעס. פּינ־טשעס . . .

דזשים: אָ־קעי, באָס. איך האָב עס. און אים אַהערברענגען? . . .

בלייפּער: שור, פערדישער קאָפּ. וואָס דען, אים איינזאַלצן? (דזשים אָפּ. בלייפּער דרייט זיך אַרום, טראַכט) יאָ, וואָס האָב איך דאָס אינזינען געהאַט? . . . זעט נאָר, עס איז דאָך מיר גאָר אַרויס פון קאָפּ . . . (מיטאַמאָל)

אָ, מען דאַרף דאָך אַרונטערנעמען די־אַ (ווייזט אַף די טירן) . . .

מרס. בלייפער: וואָס מיינסטו ? . . .

בלייפער: די מעזוזעס. ער, געגאַסע פינטשעס, האָט ניט ליב קיין רעליגיאָן... ווען איך האָב אים געהערט אין ניו־יאָרק, האָט ער געזאָגט, אַז רעליגיאָן איז פויזן און די שמאָכטעס — פאַר נאַראָנים . . .

הערצלד: אָ, ער האָט געמאַכט אַ גרויסע אַנטדעקונג. און קעדיי ער זאָל דיך אַמאָל ניט האַלטן פאַר קיין נאַר, — איז טאַקע בעסער מען זאָל זיי אַרונטערנעמען. הא, פּאָפּ ? . . .

בלייפער: (קראַצט זיך אין קאָפּ) אַי טינק סאָ. וואָס זאָגסטו, מאַ ? . . .

מרס. בלייפער: אַז דו זאָגסט, ער האָט דאָס ניט ליב . . .

בלייפער: (רופט) מאַרדזשי, מאַרדזשי ! . . . (צום ווייב) ער קאָן נאָך בייז ווערן . . .

מאַרדזשי: (באַווייזט זיך) איר האָט מיך גערופן, סער ? . . .

בלייפער: קריג אַ האַמער מיט אַ צווענגל, אָבער גיך ! (מאַרדזשי אָפּ).

הערצלד: לאָז מיך, פּאַ. איך וועל מאַכן דעם דזשאָב . . .

בלייפער: איך ווייס, אַף צום צעברעכן ביסטו טאַקע אַ בעריע . . .

הערצלד: ווען איינער גלויבט ניט אין אַ זאַך און האַלט זיך דאָך אָן דערביי, — מיינט עס : היפּאָקריטסטווע. און ווען מען באַזייטיקט היפּאָקריטסטווע — מיינט עס שוין ניט צעברעכן, נאָר בויען, אויסבעסערן . . . און אויף אויסצובעסערן — בין איך שטענדיק גרייט . . .

בלייפער: שווייג שוין בעסער, וועט זיין געזינטער . . .

מאַרדזשי: (ברענגט אַ גרויסן האַמער און פיצינקע צווענגלעך) היר, סער...

בלייפער: עך, האָסטו סייכל, אַזאַ מאָל אַף דיר . . . געזען אַ האַמער דאָס האָט מיר געבראַכט, דער פויערישער קאָפּ ? . . . נאָר קוילן צו קלאַפּן . . .

מאַרדזשי: וואָס ווייס איך וואָס איר ווילט טאָן ? . . .

בלייפער: אָ־רייט, אָ־רייט, פויערישער קאָפּ. (זי לאָזט זיך גיין).

מרס. בלייפער: וואַרט אַ ווייל, מאַרדזשי. ווי האַלטסטו דאָרט ? שוין פאַרטיק ? . . .

מאַרדזשי: איך דאַכט זיך, אַז עס טוט זיך אַליין . . .

מרס. בלייפער: אָ, שאַראַפּ ! אַז דו בעמסט זיך עפּעס טאָן, ווערסטו פאַר־פאַלן דערביי . . . וואָס טוסטו דאָרט אַזוי לאַנג, שפּילסט זיך, צי וואָס ?...

מאַרדזשי: (ווייזט אירע הענט) אַוואָדע שפּיל איך זיך. איר זעט דען ניט ?...

מרס. בלייפער: אָ, נעם שוין אײַן שטומעניש . . .

מאַרדזשי: איינער שיקט אַהין, אַ צווייטער רופט אַהער. דעם דערלאַנג דאָס, פון יענעם נעם צו עפּעס אַנדערש. מען קאָן צעריסן ווערן . . .

מרס. בלייפער: צעריסן זאָלסטו שוין ווערן אַף אַ בוים, שוואַרצער הונט !...

מאַרדזשי: (צעווײנט זיך און גייט אַרויס) אָ, לאָרד ! . . .

מרס. בלייפער: פויל איז עס ווי אַ קאַץ און אַ פּיסק האָט עס גאָר ווי אַ . . .
דער טייוול ווייסט זיי, די שוואַרצע. אַף מיין וואָרט, אַז עס איז ווינציק
וואָס מען טוט זיי . . . מען וואָלט זיי אַלעמען געדאַרפט נעמען און . . .

בלייפער: דאָס וואָס איך שריי: מען וואָלט זיי אַלעמען געדאַרפט לינטשן . . .

העראָלד: און דאָס לערנט איך דער שניפסל, אָדער אייער גענאַסע? . . .
יאָ, גאָר אַ פיינע עדיוקיישאָן! יאָ, ווי עס זעט אויס, וועט אויסצובעסערן
דאָס שוין אויך דאַרפן זיין מיין אַרבעט.

בלייפער: אָ, שאַראַפּ יו, יו באַלשעוויק! . . .

מרס. בלייפער: אַז אַך און אַז ווײ, אַז מיר דאַרפן כאָוועון אַן אייגענעם סויבע
ביי זיך אין הויז.

בלייפער: מען וועט זיך שוין אַן אַנדערשמאָל אויסטיינען מיט אים . . . איצט
דאַרף מען אַלץ צוגרייטן. אָקאָרשט מען זעט — קומט ער אָן . . . נו,
מאַטילדע, האָסט דאָך געזאָלט צוגיין עפעס איינקויפן . . .

מאַטילדע: אָ־רייט, פּאַפּ. איך גיי שוין . . . (צו הערעלדן) פאַרוואָס דו אַלע־
מאָל רעדסט אַזוי פאַרדרייט, האַ? . . .

הערלד: פונוואַנען ווייסטו, אַז עס איז פאַרדרייט? . . .

מאַטילדע: אָט הער איך דאָך וואָס פּאַ און מאַ זאָגן . . .

הערלד: ביסט אַ נאַרישע ציג. באַלבעסט נאָך און קיין אייגענעם סייכל
האָסטו ניט . . .

מאַטילדע: ענד יו אַר מין ענד טעריבל . . .

בלייפער: נו, טאַכשעט מייגער, שוין פאַרטיק מיט די מעזוזעס? . . .

הערלד: פאַרטיק. אָט האָסטו דיינע היפּאָקריטישע באַקסעלעך. (גיט אים).

מרס. בלייפער: גאָטעניו, ניט שטראָפן זאָלסטו אונדז פאַר זיינע רייד! גע־
הערט אַ מענטש זאָל זיך אַזוי אויסדריקן וועגן הייליקע זאַכן?! (קושט
די מעזוזעס).

מאַטילדע: מאַ, צו וואָס נוצט מען דאָז מעזוזע־בלעכלעך עניוועי? . . .

מרס. בלייפער: ווייל דאָרט וואו עס הענגען מעזוזעס, מיין קינד, קאָן ניט
אַריינקומען קיין טייוול אין שטוב אַריין. פאַרשטייסט? . . .

מאַטילדע: טאַ פאַרוואָס זשע נעמט מען זיי אַראָפּ? . . . עס וועלן דאָך איצט
אַנלויפן טייוואָלים אַהערצו . . .

הערלד: שרעק זיך ניט, שוועסטער. עס איז ניט עמעס. אָט זעסטו דאָך,
מיר האָבן יאָ געהאַט די מעזוזעס אַף די טירן און פונדעסטוועגן האָבן מיר
אין שטוב געהאַט דיך . . .

מאַטילדע: עך, דיינע וויצן קריכן מיר שוין פון האַלדז . . . (לויפט אַפּ).

מרס. בלייפער: איך רעכן, איך וועל אַריינגיין זיך איבערטאָן צוליבן גאַסט.
ווי רעכנסטו, פּאַ? עס פּאַסט ניט אַזוי, האַ? . . .

בלייפער: ריכטיק, מאַ.

מרס. בלייפער: (פאַרבייגייענדיק הערצלדן) און דו באַהעיוו זיך אַביסל. שעם זיך, אַזאַ דערוואַקסענער באָכער און . . . עך, גאָט מיינער! . . . (אָפּ).

בלייפער: יאָ, עס האָט זיך מיר געלוינט דיך אַוועקשיקן קיין ניו־יאָרק, אין קאָלעדזש און אין שולע . . . זינט ביסט צוריקגעקומען פון דאָרט, רעדסטו נאָר ווי אַן עמעסער קאָמוניסט . . .

הערצלד: וועל, אַז מען לערנט — דערלערנט מען . . .

דזשים: (קומט אַריין מיט צוויי שווערע וואַליזעס) אוף! . . .

בלייפער: (איבעראַשט) וואַ־אָס? . . . שוין געקומען? . . .

דזשים: אַזוי זעט עס אויס, סער. געקומען. איך בין אַפּילע צום טרעין ניט געפאָרן . . .

בלייפער: (קוקט אים אָן) וואָס מיינסטו? . . .

דזשים: איך פאָר אַזוי אַרויס מיט דער מאַשין פון גאַראַזש, ערשט איך גיב אַ קוק, זע איך, אַז צום הויז איז צוגעפאָרן אַ טעקסי און . . . איך גיי צו, פרעג זיך, — יאָ, מיסטער פינקאַטש איז געקומען . . .

בלייפער: מיט אַ טעקסי? . . . וואָס טוט זיך דאָ היינט? . . . ער האָט דאָך געדאַרפט קומען מיטן פינפער צוג און איצט איז דאָך קוים . . . (קוקט אָפן זייגער).

דזשים: ער איז טאַקע געקומען מיטן פינפער. איר האָט אָפּאָנים פאַרגעסן, אַז די טרעין קומט אָן לויט „דעי־לאַיט־סעיווינג״. איר האָט מיך געשיקט צו דער טרעין מיט אַ האַלבער שאָ צו שפּעט! . . .

בלייפער: אַ וויסטער כאָלעם זאָל מיר אויסגיין . . . הער אַ מאַיסע! . . . דאָס איז דאָך אַ סקאַנדאַל . . . איך וועל זיך דאָך דאַרפן באַגראָבן לעבעדיקערהייט . . . וואָס זאָגט מען אים פאַר אַ טערעץ פאַרוואָס איך האָב אים ניט באַגעגנט ביי דער טרעין? . . . וואו זשע איז ער? . . .

דזשים: אינדרויסן, ביי דער טעקסי. ער . . .

בלייפער: אָ־רייט. שטעל אַריין די וואַליזעס אין מאַטילדעס בעד־רום און . . .

דזשים: אָבער ער, מיסטער פינקאַטש, וואַרט דאָך אינדרויסן, איך זאָל אים אַרויסברענגען געלט צו באַצאָלן פאַר דער טעקסי . . .

בלייפער: אָט דאָס איז יאָ אַ שיינע געשיכטע . . .

הערצלד: אַז מען וויל קאָוועד, דאַרף מען צאָלן דערפאַר . . .

בלייפער: (צעשמייכלט זיך פלוצים) נו, דאָס מוז אַוואַדע זיין איינס פון זיינע באַרימטע שפּיצלעך. אַן איינפאַל: איך זאָל באַצאָלן פאַר טעקסיס...

הערצלד: האָסט דאָך פריער אַליין געזאָגט, אַז וואָלסט כ׳וויס וויפל געגעבן אים נאָכאַמאָל צו הערן. נו, איצט האָסטו אַ געלעגנהייט צו צאָלן . . .

בלייפער: (בייז) וויפל באַטרעפט עס?

דזשים: אַ דאָלער מיט 10 סענט, סער, כוץ אַ טיפּ פאַרן שאָפער . . .

בלייפער: היינט וועט שוין מוזן זיין אַן טיפּס אויך. נאַ . . . (גיט אים געלט)

גיי און באַצאָל, אַז ער זאָל ניט זען. (דזשים אָפּ. בלייפער לויפט צו צום שפּיגל) אוי, ווי איך זע אויס, ניט געשעיווט, ניט געוואַשן! . . . (רייבט מיט אַ טיכל דאָס פּנים, די הענט, קאַמט מיט די פינגער די האָר און גייט צו דער טיר) נו, אַן אומגליק דאָס איז! . . .

גאָען יאָסע: (אין לאַנגער קאַפּאָטע, גרויסן קאַפּעליוש, טאַפּט מיט די פינגער די ביישטידלען, זוכנדיק אַ מעזוזע. זעט אויס אַנטוישט און ברומט צו עפּעס אונטער דער נאָז) **המ . . . מעזוזעס ? ! . . .**

העראָלד: (באַהערשט זיך קוים פון לאַכן) דיין גענאָסע ? . . .

גאָען יאָסע: כמע, זייט מוחל, רעב מיסטער, אַפּאָנים געמאַכט אַ טאָעס . . .

בלייפער: (קומט צו זיך און צעשמייכלט זיך) דאָס מוז אוואָדע זיין איינס פון זיינע שפּאַסערייען . . . (צו אים) ניט קיין טאָעס, גענאָסע. ס׳איז דאָ...

גאָען יאָסע: וואוינט דאָ די פאַמיליע בלייפער ? זענט איר מיסטער בלייפער ? . . .

בלייפער: יאָ, גענאָסע, בלייפער. בלייפער . . . גענאָסע בלייפער . . .

גאָען יאָסע: מאַדנע. אבי אין נעוו יאָרעק האָט מען מיר געזאָגט, אַז איך קום אין אַ פרומער אידישער הויז. כמע . . . און עפּשער איז פאָרט אַ טאָעס ? . . .

בלייפער: מיר האָבן נאָר־וואָס דערהאַלטן אייער טעלעגראַמע און . . .

גאָען יאָסע: איז דאָך ווידער ריכטיק. הייגט פאַרוואָס זשע ? . . . (גלעט זיך די באָרד) זענט איר, הייסט עס, טאַקע דער מיסטער בלייפער ? . . .

בלייפער: מיך קאָנט איר דערקענען, גענאָסע. אָבער איך, כע־כע־כע, איז אָסער מעגלעך צו דערקענען. (ווייזט אָן אָף זיין באָרד) פון וואַנען, גע־נאָסע, האָט זיך עס גענומען צו אייך אָט־אָ־דאָס־אָ ? . . .

גאָען יאָסע: (דערשראָקן) וואָס מיינט איר ? . . . כאָס וועשאָלעם עפּעס די מער מיט מיין באָרד, צי וואָס ? . . .

בלייפער: קאָן טאַקע זיין סאַ טאָעס . . . זייט איר דאָס גענאָסע פּינטשעס ?...

גאָען יאָסע: אַ שאילע. אוואָדע. האַגאָען יאָסע פּינבעס . . .

בלייפער: אַן עמעסע קאָמעדיע, כ׳לעבן. (צו הערלדן) ער האָט זיך פאַר־שטעלט. פאַרשטעלט, אַז מען זאָל אים ניט דערקענען. אַפילע די אויס־שפּראַך . . .

גאָען יאָסע: און וואו איז אייער איישעס־כאַיל, כמע, אייער פראָו, מיין איך ?... כמע, פון איר האָט מען מיר אין נעוו יאָרעק אַזויפיל אָנדער־ציילט . . .

בלייפער: זי איז אַרויס פאַר אַ ווייל. איר פאַרשטייט, אַ פרוי בלייבט אַ פרוי... זי איז אַריין זיך איבערטאָן לעקאָוועד דעם גאַסט . . .

גאָען יאָסע: און דאָס איז אַפּאָנים אייער בען־יאָכיד ? אַ וואוילער באָכער, אַן איין־האָרע. שאָלעם־אַליכעם, יונגערמאַן! (גיט אים די האַנט).

בלייפּער: (וואַרפט צו פונוויטן) אַלייכעם־שאָלעם, גענאַסע. אַלייכעם־שאָלעם!

גאַען יאַסע: (דרייט זיך אויס) יאָ, שאָלעם־אַלייכעם, שאָלעם־אַלייכעם...

בלייפּער: איר זענט אַוואַדע מיד, גענאַסע. עפשער ווילט איר זיך אויס־רוען און איבערטאָן? ... אָט וועל איך אייך ווייזן אייער צימער...

גאַען יאַסע: נישקאָשע, כמע, עס ברענט ניט, כאַלילע. איך וועל זיך נאָך אויסרוען. צום ערשטן וועל איך אָפּדאַוונען מינכע, אײדער עס ווערט שפּעט...

בלייפּער: (פאַרכידעשט) מינכע? ... (צו העראָלדן) נו, וואָס דענקסטו וועגן זיינע שפּיצעלעך? איז אים דאָסמאָל איינגעפאַלן זיך צו פאַרשטעלן גאָר פאַר אַ פרומען, פאַר אַ ראַבאַי...

העראָלד: אַז ער איז פאַרשטעלט — דאָס זע איך. אָבער... וואָס ביסטו אַנטוישט? ... האָסט זיך דאָך אים אַזוי אויסגעטרוימט!...

גאַען יאַסע: האַקלאַל, רעב איד, עס פאַרדריסט מיך וואָס איך דאַרף עס אייך זאָגן, אָבער... אויב איר ווילט, איך זאָל טאַקע איינשטיין ביי אייך אין שטוב, וועט איר דאַרפן אַזוי גוט זיין זען באַזאָרגן, אַז עס זאָלן זיין מעזוזעס אַף די טירן, אַנדערש...

בלייפּער: איר מיינט עס טאַקע ערנסט, גענאַסע?...

גאַען יאַסע: וואָס דען? איך וועל, כאָס־וועשאָלעם, כויזעק מאַכן? איך זאָג אייך...

בלייפּער: אָ־רייט, אָ־רייט, גענאַסע. אַז אייך איז ליב איז מיר ניכע. עס וועלן באַלד זיין מעזוזעס. (רופט) מאַרדזשי, מאַרדזשי!... (זי קומט אַריין) מאַרדזשי, טו אַ כאַפּ דעם האַמער און... (צו העראָלדן) שאַ, און עפשער ווייסטו עס מאַכן? דו ווייסט שוין ווי אַזוי...

העראָלד: מויכל. זאָל שוין מאַרדזשי זיי צוקלאַפּן...

בלייפּער: אָ־רייט, מאַרדזשי. קלאַפּ צוריק אָן די באָקסעלעך וואו זיי זענען פריער געווען. און מיט דיר, העראָלד, וועל איך שוין שפּעטער רעדן...

מאַרדזשי: (קלאַפּט די מעזוזעס, רעדט צו זיך) אָ, לאָרד דזשיזעס, אַ מע־שוגענער טאָג היינט באַ זיי. אָט נעמט מען אַרונטער די מעציצעס און אָט קלאַפּט מען זיי צוריק אָן. אַ מאָדנע שפּיל, אַראָפּ און אַרויף...

גאַען יאַסע: (נעמט אַרויס אַ יאַרמלקע פון קעשענע, טוט אויס דעם קאַ־פעליוש און טוט זיך אָן. דערלאַנגט איין יאַרמלקע בלייפּערן) טוט אָן, רעב איד. ניט שיין אַרומצוגיין אין בלויזן קאָפּ. אַ איד אָן אַ יאַרמלקע איז ווי אַ הויז אָן אַ דאַך, און אַ שטוב אָן אַ מעזוזע איז ווי אַ...

העראָלד: ווי אַ בער אָן אַן עק... (לאַכט אין זיך אַריין).

בלייפּער: (טוט אָן די יאַרמלקע) איז דאָס אַזאַ נייער באַשלוס פון צענטראַל־קאָמיטעט, אַז עס מוזן זיין מעזוזעס אַף די טירן, אָדער...

גאָען יאָסע: אַ שיינע שאַילע . . . די גאָים מעגן האָבן צלאָמים, לעהאַוודל, וואו זיי ווילן ? — מעגן מיר האָבן מעזוזעס . . . אַמעריקע איז, כמע, אַ פריי לאַנד . . . אידן האָבן די זעלביקע רעכט. אייער באַכער וואָלט אויך געמעגט עפּעס נעמען אַפן קאָפּ אַרויף . . .

בלייפער: איי, לאָזט אים אָפּ, גענאָסע ! . . . די היינטיקע יונגעלייט . . .

גאָען יאָסע: עמעס. היינטיקער דאָר, ניט דאָ געדאַכט, שוין איינמאָל אַ דאָר, באַוואוינוויסיינו האַראַבים, אינגאַנצן אַוועק פון די אידישע וועגן . . .

בלייפער: אַז איר וועט מאָרגן האַלטן אייער לעקציע, זאָלט איר זיי אַרייַנזאָגן ווי עס געהער צו זיין . . .

גאָען יאָסע: מאָרגן, זאָגט איר ? . . . וואָס האָבן מיר מאָרגן ? פרייטיק ? . . . איר מיינט איבערמאָרגן אים־אירצע־האַשעם, שאַבעס־צו־נאַכט . . .

בלייפער: שאַבעס־צו־נאַכט גאָר ? . . . אָבער מיר האָבן דאָך אַרייַנגעגעבן שוין אַנאָנסן אין דער צייטונג, אָפּגעדרוקט ליפלעטס . . .

גאָען יאָסע: וואָס־זשע, וועט איר דעם אַנאָנס אַרויסנעמען פון צייטונג און פרייטיק, נאָך קאַבאַלעס־שאַבעס, מודיע זיין דעם עולעם, אַז די דראָשע וועט געהאַלטן ווערן שאַבעס־צו־נאַכט . . . זייער פּאַשעט . . .

בלייפער: איך ווייס גאָרניט צי מיר וועלן גאָר קריגן דעם האָל אָף שאַבעס־צו־נאַכט . . . ער איז, דאַכט זיך, גאָר פאַרנומען מיט אַ טאַנץ־באָל . . .

גאָען יאָסע: ווער דאַרף אַזאַ זאַל ? אין שול, אין טעמפּל, איז דען שלעכט ?...

בלייפער: אין טעמפּל גאָר ? . . .

גאָען יאָסע: צאַ־רייט. איר באַזאָרגט נאָר דעם אַנאָנס אין צייטונג און אויב נאָר מעגלעך, די ליפלעטס. געלויבט האַשעם־איסבאַרעך וואָס מיר האָבן זיך געכאַפּט באַצייטנס. אַנדערש וואָלט כאַלילע אויסגעקומען . . . נו, איך וועל איצט טאַקע אַריינגיין צו זיך אין צימער, וועל שוין דאָרט אויך אָפּדאַווענען מינכע און זיך אַ קאַפּעלע צושפּאַרן, ביז . . . סאָפּער . . .

בלייפער: (צו מאַרדזשין) פיר אַריין דעם דזשענטלמען אין מאַטילדעס צימער . . .

מאַרדזשי: אָ־רייט, סער. קומט, הער פריטשער !... (פירט אים אַרויס).

הערלד: (שיסט אויס אין געלעכטער) שוין איינמאָל אַן עסטעט, דיין גענאָסע . . . ווי האָט מאַרדזשי געזאָגט — פריטשער . . . אַ שטיק באָרד דאָס האָט ! . . .

בלייפער: אידיאָט ! איך זאָג דאָך דיר, אַז ער איז פאַרשטעלט. ער איז שוין איינמאָל אַ ווינצלער. נאָך אין ניו־יאָרק האָב איך געהערט וועגן דעם. איך וועט זיך, אַז באַלד וועט ער אַרויסקומען אָן דער באָרד . . .

מרס. בלייפער: (קומט אַריין אָף די שפּיץ־פינגער. איז באַהאַנגען מיט צירונג און אין אַ טיף־דעקאָלטירטן, קאָלירפולן קלייד) ער איז שוין דאָ, פאַ ? . . . ווי דאָס האַרץ וואָלט מיר געזאָגט . . .

בלייפּער: ששש . . . ער איז נאַר־וואָס אַריינגעגאַנגען זיך אַביסל אויסרוען פונעם וועג. ער איז זייער מיד . . . (צעלאַכט זיך מיטאַמאָל) נו, האָסטו עס געדאַרפט זען, מאַ, וואָס פאַר אַ שפּיצל ער האָט אָפּגעטאָן. ער איז דאָך געקומען אינגאַנצן אַ פאַרשטעלטער . . .

הערבּאָלד: מיט אַזאַ גרויסער באָרד — נאָר ווי ביי אַ פּריטשער . . . (לאַכט).

מרס. בלייפּער: וואָס־זשע איז אויף דיר אַנגעפאַלן אַזאַ געלענדער ? . . . נו, אַ שפּראַך אַ יונג רעדט עס — נאָר ווי אַ גאַי. שעמען מעגסטו זיך . . .

בלייפּער: און וואָס נאָך . . . (ער ווייזט איר אויף דער יאַרמלקע און פירט זי צו דער טיר) זעסט ? . . .

מרס. בלייפּער: וואָס מיינט דאָס ? . . .

בלייפּער: די סאָשעליסט פּאַרטי האָט באַשלאָסן, אַז באַ אידן אויף די טירן זאָלן זיין מעזוזעס און אויף די קעפּ — יאַרמלקעס . . .

מרס. בלייפּער: דער ראַבאַי פון טעמפּל זאָגט דאָס שוין אַ לאַנגע צייט . . .

בלייפּער: איך גלויב, אָבער, אַז דאָס איז איינס פון זיינע וויצלעך און שפּאַסן. עפּעס גלויבט זיך מיר ניט, אַז די פּאַרטיי . . .

הערבּאָלד: דיין פּאַרטיי האָט שוין ערגערס אָפּגעטאָן . . .

בלייפּער: אָ, שאַראַפּ יו, יו באָלשעוויק ! . . .

מאַטילדע: (לויפט אַריין מיט פּעקלעך. דערזעט די מעזוזעס און די יאַרמלקע, בלייבט זי מיט אַן אָפן מויל) וואָט איז דיס אַגעין ? . . .

מרס. בלייפּער: שאַ, שריי ניט אַזוי ! . . .

מאַטילדע: ער איז שוין דאָ ? . . .

הערבּאָלד: ער איז שוין קאַפּויער געקומען . . .

מאַטילדע: סאָרי, וואָס איך פאַרשפּעטיקט. ווען זשע אַריינטראָגן די בלומען אַהין ?

הערבּאָלד: גלויב מיר, אַז האָסט גאָרניט פאַרשפּעטיקט.

מאַטילדע: וואָטס די מעטער ? ער ביט קיין שיינער, ניט אינטערעסאַנטער איז ? . . .

הערבּאָלד: אָ, ער איז שוין איינמאָל אַן אינטערעסאַנטער . . . (טוט אַ קוש די שפּיץ פינגער) אַ פּיטש, מיט וויסקערס . . .

מאַטילדע: אָ, יו אַר קרעיזי ! . . .

הערבּאָלד: אַ־קעי, פרעג ביי פּאַ. ער וועט דיר אַליין זאָגן . . .

מאַטילדע: מאַ, איז איט טרו ? ער מיט וויסקערס איז ? . . .

מרס. בלייפּער: איך האָב אים נאָך ניט געזען. פרעג דעם פּאַ . . .

מאַטילדע: איז איט טרו, פּאָפּ, מיט וויסקערס ? . . .

בלייפּער: (אויפגערעגט) און אַז מיט וויסקערס איז וואָס ? . . . דאָס האָט ער זיך בלויז פאַרשטעלט אַזוי, פאַר פאַן . . . ער וועט זי אָוואָדע באַלד אויסטאָן.

מאַטילדע: איך אַזוי סאָרי בין. געוואָלט אים זען מיט די וויסקערס אויך...
בלייפּער: (טוט זיך פּלוצים אַ כאַפּ) וואָס זשע שטיי איך? מען דאַרף דאָך אָפּרופן מיסטער שטעקל, ער זאָל איבערמאַכן די ליפּלעטס אַף שאַבעס־צו־נאַכט. נו, אַ קאָפּ־דרייעניש איך האָב עס היינט! . . . העראָלד, קום מיט מיר צום אַנדערן טעלעפאָן. איך וויל אים דאָ ניט שטערן. דו וועסט אָפּרופן. מיר טוט ווי דער קאָפּ . . .
העראָלד: יאָ, דיין געגנאַסע גיט דיר היינט אַ קאָפּ־ווייטיק. אַראָפּ די מעזוזעס און אַרויף די מעזוזעס. אַרויס פון פריייטיק און אַריין אין שאַבעס. (ביידע אָפּ).
מאַטילדע: (פאַרזאָרגט) ווי אַזוי איך איצט די בלומען אָוועקשטעלן דאָרט?...
מרס. בלייפּער: אַז ער וועט אַרויס פון צימער, וועסטו זיך אַריינכאַפּן אַהין און אַלץ באַזאָרגן . . .
מאַטילדע: ס'איז אָבער ניט גוט שוין. בעסער פריער וואָלט געווען. אָט, ער קומט אַריין, זעט בלומען אַפן דרעסער, קאָלירטע לעמפּלעך, דען איט וואוד בי ביוטיפול ענד אימפּרעסיוו . . .
מרס. בלייפּער: מיילע, וואָס קאָן מען זיך העלפן? — פאַרפאַלן . . .
מאַטילדע: איי עם סאָ סאָרי . . . אויך סאָרי פאַרוואָס וויסקערס ניט געזען...
מרס. בלייפּער: פון וואָס דו האָסט פאַרדראָס. קום בעסער, וועלן מיר אַריינ־שטעלן די בלומען אין אַ וואַזאַנע, אַז זיי זאָלן ניט קאַליע ווערן! (ביידע אָפּ. אַ ווייל איז די בינע ליידיק, און אַ קלאַפּ אין טיר).
פּינטשעס: (קומט אַריין מיט אַ קליינעם האַנט־טעשל און פאָרטפעל. בלייבט שטיין ביי דער טיר, קוקט פאַרכידעשט אַף די מעזוזעס, שמייכלט) זעט אויס, אַז אַזוי איז עס שוין ביי אונדזערע געגנאַסן אַף דער פּראָווינץ. (זעצט זיך מיד אַריין אין וויג־שטול. גלייך קומען אָן מאַטילדע און די מוטער. ער שפּרינגט אויף, גייט אַנטקעגן) אַנטשולדיקט, וואוינען דאָ די בלייפּערס? . . .
מרס. בלייפּער: יעס סער, דאָ . . .
פּינטשעס: אַבי איך האָב געמיינט, אַז . . . (כאַפּט ווידער אַ קוק אַף די מע־זוזעס) און וואו איז מיסטער בלייפּער?
מרס. בלייפּער: ער איז אַרויס אַף אַ מינוט אין סטאָר. ער קומט שוין אַריין. זיצט.
פּינטשעס: (ווי צו זיך) און איך האָב גערעכנט, אַז ער וועט מיך באַגעגענען ביים וואָקזאַל. נאָך אין ערגעץ אַזאַ קאַלטע אויפנאַמע ניט געקראָגן . . .
מרס. בלייפּער: איך בעט אייך, מעג איך וויסן ווער איר זענט? . . .
פּינטשעס: איר האָט מיסטאָמע געהערט וועגן מיר. פּינטשעס. געגנאַסע פּינטשעס פון ניו־יאָרק . . .
מאַטילדע: (געקרענקט, צו זיך) דזשי, שוין אַרונטערגענומען די וויסקערס...

מרס. בלייפער: (צעטומלט) וואָס זשע דרייט איר זיך אַרום אין הויז ווי אַ פּרעמדער? זיצט, זיצט, גענאַסע פינטשעס. בלייפער קומט שוין אַריין...

פינטשעס: און איך האָב גערעכנט, אַז . . .

מרס. בלייפער: ער איז אַרויסגעלאָפן באַזאָרגן וועגן די צוגרייטונגען. (רעדן צווישן זיך).

בלייפער: (קומט אַריין מיט העראָלדן. דערזעט פינטשעסן. צו העראָלדן) נו, וואָס האָב איך דיר פריער געזאָגט? איצט זעסטו שוין, אַז ער האָט געשפּאַסט? . . . אָט, ער האָט זיך שוין איבערגעטאָן — ניט צום דער־קענען אַפילע . . .

הערלד: אַזעלכע שפּאַסן געפעלן מיר ניט. עס פּאַסט עפּשער פאַר . . .

בלייפער: ביסט אַ נאַר און דאַטס אָל. אַ שפּאַס איז די נעשאָמע פון לעבן און עס מיינט גאָרניט . . .

פינטשעס: (דערזעט בלייפערן, מעסט אים אָפּ) גענאַסע בלייפער? — העללאָו! . . .

בלייפער: (אומדרייסט) - כע־כע־כע, אַזוי האָב איך ליב, גענאַסע . . . ניט אַזוי ווי פריער, מיסטער און מיסטער. גענאַסע שמעקט עפּעס אַזוי גוט, אַזוי מעכאַיעדיק . . .

פינטשעס: איר וועט מיר אַנטשולדיקן, גענאַסע, וואָס איך פרעג אַזאַ זאַך, כאָטש דאָס איז אייער פּריוואַטער איניען. נאָר אַזוי ווי מען האָט מיר נאָך אין ניו־יאָרק געזאָגט, אַז איר זענט אַן אַלטער גענאַסע, אַ פאַרגעשריטע־נער מענטש, אַ פריידענקער, דעריבער . . .

בלייפער: (געשמייכלט) שור אַ פריידענקער, גענאַסע פינטשעס, שור . . .

פינטשעס: טאָ ווי זשע קומט צו אייך אַ יאַרמלקע אַפן קאָפּ און מעזוזעס אַף די טירן, איך בעט אייך . . .

בלייפער: (כאַפּט אַרונטער די יאַרמלקע) הע־הע, אַ געזונט אַף אייך, גע־נאַסע פינטשעס. נאָר איר שפּאַסט און קיבעצט, הע־הע . . .

פינטשעס: איך שפּאַס ניט, גענאַסע בלייפער. עס אַרט מיך ניט און איך האָב קיין רעכט ניט. נאָר אַזוי ווי איך האָב אייך פריער געזאָגט . . .

בלייפער: דערפאַר האָב איך זיי דאָך צוגעקלאַפּט, ווי איר האָט פריער געזאָגט . . .

פינטשעס: איך פאַרשטיי ניט וואָס איר רעדט.

בלייפער: איך האָב אָבער גלייך פאַרשטאַנען, אַז איר שפּאַסט, כע־כע־כע...

פינטשעס: איך מיין, אַז איר שפּאַסט. איך רעד ערנסט . . .

בלייפער: איצט ווייס איך, אַז איר זייט ערנסט. פריער, אָבער, כאָטש איך האָב אייך געפאָלגט, האָב איך אָבער דערביי געוואוסט, אַז איר שפּאַסט, ווען איר האָט מיך געהייסן צוקלאַפּן די מעזוזעס אַף דער טיר . . .

פינטשעס: איך האָב אייך געהייסן צוקלאַפּן? ווען, וואָס? . . .

בלייפּער: (ווייל אים אַ קלאַפּ טאָן איבער דער פּלייצע, נאָר איז ניט דרייסט)
איי, אַ לעבן אַף אייך, געגאַסע פּינטשעס, זייט איר אַ שפּאַסער! . . . וואָס הייסט ווען? . . . אַט, פריער . . .

פּינטשעס: וואָס רעדט דער מענטש? . . . ווער, וואָס, ווען? . . .

בלייפּער: (כאַפּט אַרויס די יאַרמלקע פון קעשענע) אין דער זעלבער צייט ווען איר האָט מיר געגעבן די יאַרמלקע אַנצוטאָן . . .

פּינטשעס: איך — די יאַרמלקע? . . . ווי קום איך גאָר דערצו? וואָס רעדט איר? . . .

בלייפּער: (טריאומפירט) איך האָב זיי נאָך פריער געזאָגט, אַז איר האָט אָפּט ליב אָפּצוטאָן שפּיצלעך. נו, וועט מען זיך דאָס הײַנט שוין אָנלאַכן, ווען איך וועל דאָס דערציילן די געגאָסן! . . . (לאַכט).

פּינטשעס: (באַליידיקט) איר וואָלט זיך געדאַרפט שעמען אַזוי צו רעדן, געגאַסע . . .

בלייפּער: נו, אַ־רייט, מער רעד איך שוין ניט. גייט איך געזונטערהייט צוריק אַריין אין צימער. איר קאָנט שוין איצט זיין פולשטענדיק רואיק. איך האָב שוין אַלץ באַזאָרגט. איך האָב טעלעפאָנירט דעם טרעזשורער און אים געהייסן איבערצומאַכן אַף די ליפלעטס דעם אָוונט פון דער לעקציע פון פרייטיק אַף שאַבעס, ווי איר האָט געוואָלט . . .

פּינטשעס: ווי איך האָב געוואָלט? . . .

בלייפּער: נו, יאָ, ווי איר האָט געהייסן . . .

פּינטשעס: ווי איך האָב געהייסן? . . .

בלייפּער: איר האָט דאָך געהייסן איבערטראָגן פון פרייטיק אַף שאַבעס. ניט אַזוי?

פּינטשעס: געוואַלד, ער וועט דאָך מיך הײַנט מעשוגע מאַכן. איך האָב געהייסן אייך איבערמאַכן דעם דאַטום? . . . מענטש איינער, ווי אַזוי האָב איך עס גאָר געקאָנט הייסן, אַז שאַבעס דאַרף איך שוין זיין מיט אַ לעקציע אין אַ צווייטער שטאָט . . . און אין בריוו פון אָפּיס האָט מען דאָך אייך קלאָר געשריבן, אַז פרייטיק און נאָר פרייטיק. אַפילע דעם דאַטום געגעבן, קעדיי עס זאָל ניט פאָרקומען קיין מיספאַרשטייעניש . . .

בלייפּער: (האַלב באַליידיקט) הערט איר, געגאַסע פּינטשעס, ווען איך זאָל ניט וויסן, אַז איר . . .

פּינטשעס: נו, אַ־רייט, מירן זיך שוין אויסטאַיינען אַן אַנדערשמאָל. איר זעט בעסער, אַז עס זאָל אַלץ זיין באַזאָרגט אַף מאָרגן, פרייטיק. אַנדערש וועט איר בלייבן אָן אַ לעקציע און סיי ווי סיי באַצאָלן פאַר איר . . .

בלייפּער: אַז איר באַשטייט ווידער אַף פרייטיק, וועט עס זיין פרייטיק. מיר קאָנען עס נאָך צוריקכאַפּן. און וועגן די מעזומעס, — וועל . . . זעסטו שוין, הערעלד, אַז דו וועסט זיי דאַרפן צוריק אַרונטערנעמען. איז טו זשע

אַ נעם די צווענגלעך און רייס זיי אַרונטער, צו אַלדע גוטע יאָר . . . (צו זיך) איך וועל שוין פאַרזאָגן אַ צענטן פון אַראַנזשירן אַ לעקציע. נו, אַזאַ קאָפּ־דרייעניש ! . . . (צו פינטשעסן) און איר, גענאָסע פינטשעס, גייט, זייט מוחל, אַריין צו זיך אין צימער און רוט זיך אויס. אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג. זאָרגט זיך גאָרניט ! . . .

פינטשעס: אַזוי רעדט איר ווי אַ גוטער גענאָסע. אויסרוען זיך — איז אַן אייסעק. וועט איר אַזוי גוט זיין מיר וויזן וואו מיין צימער איז ? . . .

בלייפער: אַט האָסטו דיר די דריטע טעג יאָנטעוו ! . . . איך האָב דאָך אייך פריער, אַט נאָר־וואָס, געוויזן אייער צימער . . .

פינטשעס: איר האָט מיר געוויזן דעם צימער ? איר ? . . .

בלייפער: אַנטשולדיקט, טאָקע ניט איך, נאָר די דינסט, דאָס נעגער־מיידל...

פינטשעס: וואָס רעדט דער מענטש ? . . . וואָסער נעגער־מיידל ? . . .

בלייפער: שוין ווידער מיט די שפּאַסרייען ? ! . . . איר האָט דאָך פריער אַליין געבעטן, אַז איר ווילט אַריינגיין אין צימער מינכע דאַוונען. נו, האָט דאָס מיידל . . .

פינטשעס: מינכע דאַוונען ? . . . (צו זיך) ניט אַנדערש, נאָר איך בין אַריינ־געפאַלן אין אַ מעשוגאָאים־הויז, אָדער אַזוי צווישן אַ כעוורע לייצים און קיבעצערס . . .

מרס. בלייפער: (צו מאַטילדען) הער, דאַרלינג, איבער דער צייט וואָס זיי שטייען און קיבעצן זיך, טו זיך אַ כאַפּ אַריין אין צימער, שטעל אַוועק די בלומען מיט די אַנדערע זאַכן אַפּן דרעסער און שרויף אַריין די לעמפּלעך...

מאַטילדע: דאַטס רייט, מאַ. (נעמט די בלומען, די פּעקלעך און גייט אָפּ).

פינטשעס: און דער גרעסטער שפּאַס איז, וואָס איר האַלט אין איין שפּאַסן און איר שרייט דערביי, אַז דאָס טרייב איך לעצאָנעס. זאָל זיין גענוג.

בלייפער: אָ־קעי ווייט מי, גענאָסע פינטשעס. איך באַשטיי . . .

פינטשעס: און איך אָוואָדע און אָוואָדע. אַף איין מאָל איז עס צופיל . . .

מאַטילדע: (היסטעריש געשריי פון צווייטן צימער) אָ־אָ ! העלפּ, העלפּ, פּאַ, מאַ ! . . .

פינטשעס: (דערשראָקן) וואָס טוט זיך דאָ ביי אייך אין הויז ? . . .

בלייפער: וואָס איז געשען ? וואו איז מאַטילדע ? . . .

מאַטילדע: (לויפט אַריין אַ בלאַסע, צעשויבערטע) העלפּ ! . . ראַטע . . .

מרס. בלייפער: וויי איז מיר, וואָס איז געשען, טאָכטער ? זעט נאָר ווי זי זעט אויס . . .

מאַטילדע: (סאָפּעט, שטאַמלט) דאָרט . . . אין צימער . . . אַ פרעמדער מאַן אין בעט . . . כראָפּעט ווי אַ טויטער . . . זיך אָוואָדע געוואָלט וואַרפן אַף מיר . . . אַזאַ טעריבל מען, מיט גרויסע וויסקערס . . . (פאַלט כאַלאַ־שעס) אָ־אָ־אָ . . .

מרס. בלייפער: (כאַפּט מאַטילדען אונטער) גוואַלד, מענטשן, מאַטילדע, ראַטעוועט!... ראַטעוועט מיין קינד!... אַ גלאָז וואַסער, גיכער, מאַטילדע... מען האָט דאָך מיר געקוילעט מיין קינד!... מען האָט זי... אַט, אַזוי גיך ווי מען האָט נאָר אַרונטערגענומען די מעזוזעס פון די טירן...

בלייפער: (צו זיך) אַ פרעמדער מאַן מיט וויסקערס, האָט זי געזאָגט? וואָס טוט זיך דאָ היינט?... (ער טוט זיך האַסטיק אַ לאָז אין שלאָף־צימער אַריין. פינטשעס פּאַכעט אָפּ מאַטילדען מיט אַ טיכל. הערלאַלד טראָגט אַ גלאָז מיט וואַסער, דערלאַנגט מאַטילדען צום מויל).

מרס. בלייפער: עפן די אויגן... אָרעם קינד מיינס, מאַטילדע,

בלייפער: (אין שלאָף־צימער, שרייט) קומט מיט מיר, זאָג איך אייך! קומט!...

מאַטילדע: (עפנט די אויגן) אַ־אַ־אַ, ער אַזוי שרעקלעך געקוקט אַף מיר. ער — מיט מאָדנע אויגן, ווי אַ גאַזלען ...

בלייפער: (אַלץ אין יענעם צימער) נישקאַשע, דער טייוול וועט אייך ניט נעמען... אַז איר האָט זיך ניט געשעמט אַריינצוברעכן זיך צו אונדז אין שטוב און זיך פאַרשטעלן פאַר אַ צווייטן מענטשן, דאַרפט איר זיך איצט אויך ניט שעמען... קומט, זאָג איך אייך, וואָרים איך... (ער שלעפּט אַריין גאָען יאָסע אַ האַלב־נאַקעטן און שרייט) ער שעמט זיך אַריינצוגיין, דאָס צאַדיקל... און פריער איז ער געקומען און זיך פאַרגעשטעלט פאַר מיר אַז ער איז געגאָסע פינטשעס... (פאַרמעסט זיך קעגן אים) שווינדלער וואָס איר זענט. איך וועל אייך!...

גאָען יאָסע: שעמען וואָלט איר זיך געמעגט ווי איר רעדט צו מיר! איך וועל דאָס ניט פאַרשוויגן... פאַר דער באַליידיקונג וועל איך...

בלייפער: שאַראַפּ!... דאָס האָט נאָך אַ כוצפע צו רעדן און צו סטראַשען... איר נעמט בעסער גלייך צונויף די זאַכן אייערע און טראָגט זיך אָפּ באַצייטנס, איידער איך לאָז אייך אַרעסטירן...

גאָען יאָסע: וואָס טוט זיך דאָ?... הערט אַ מאַיסע, פריער נעמט מען מיך אויף מיט קאָוועד און מיט אַלצדינג, און מיטאַמאָל, נאַדיר גאָר אַזאַ זאַך... (בייז) וועל איך זיי אָבער דערלאַנגען אַזאַ גאָב אין קאָמיטעט...

פינטשעס: עפּעס געפעלט מיר דאָ ניט די גאַנצע געשיכטע. זאָגט מיר נאָר, איר פעטער־לעב, ווער זענט איר און וואָס טוט איר דאָ?...

גאָען יאָסע: וואָס איך טו דאָ? אַ שאַינע שאַילע, כ׳לעבן. זיי האָבן אויסגעשריבן מיך פון נעוו יאָרק, איך זאָל קומען האַלטן אַ ספּיטש באַ זיי אין שטעטל, בין איך געקומען...

פינטשעס: אַ ספּיטש? — דערויף בין איך דאָך גאָר געקומען...

גאָען יאָסע: איר גאָר?...

פינטשעס: אַוואַדע איך...

גאָען יאָסע: וואָס הייסט ?... איך ...

בלייפער: זעט איר שוין, געגאָסע פינטשעס ? ער שרייט אַז ער איז גאָר איר און אַז ... דאָס האָט ער אונדז געהייסן איבערמאַכן דעם אָוונט אַף שאַבעס־צו־נאַכט, באַפוילן אָנקלאַפן די מעזוזעס אַף די טירן און מיר אָנ־געטאָן די יאַרמלקע אַפן קאָפּ ...

פינטשעס: עפּעס איז דאָ ניט גלאַטיק. זאָגט מיר, פעטער־לעב, וואָס איז אייער נאָמען, ווי הייסט איר ?...

גאָען יאָסע: איך האָב שוין גענוג געזאָגט און האָב ניט מער וואָס צו זאָגן. און אויב איר צווייפלט נאָך אַלץ, אַז איך בין האַגאָען יאָסע פינכעס, דאַן קאָנט איר אַ קוק טאָן אין מיינע פּאַפּירן. (ער שלעפּט אַרויס פון זיין קעשענע אַ פּאַפּירל און דערלאַנגט עס פינטשעסן) אָט, טוט אינמיסטן אַ לייען איבער וועט איר זיך איבערצייגן ...

פינטשעס: (קוקט אין פּאַפּירל און צעשמייכלט זיך) ניין, איך וויל הערן פון אייער אייגן מויל אייער נאָמען ...

גאָען יאָסע: מיין נאָמען איז געווען און וועט מיט גאָטס הילף אַלעמאָל זיין, הערראַוו האַגאָען יאָסע פינכעס, אָט אַזוי ווי אין פּאַפּיר איז אָנגעגעבן ...

פינטשעס: (לאַכט) אַוואַדע, אַז מען רעדט ניט איבעריק קלאָר, קומט שוין אויס גאָען־יאָסע ווי גענאָסע און פינכעס — פינטשעס... (לייענט פּאַפּירל) דאָס איז צו באַשטעטיקן, אַז הערראַוו האַגאָען רעב יאָסע פינכעס, פון דער יעשיווע אייץ־כאַים, איז באַפולמאַכטיקט צו ...

מרס. בלייפער: (טוט זיך מיטאַמאָל אַ כאַפּ ביים קאָפּ) אוי, פּאַ, אַ שלאַק אַ גרויסער האָט מיך געטראָפן ! דאָס איז דאָך דער הייליקער רעבע פון פוילן, וועלכן איך האָב אויסגעשריבן פאַר דער לעידיס אַקזילערי פון דעם טעמפּל, אַז ער זאָל קומען האַלטן אַ דראָשע לעקאָוועד דעם קומענדיקן יאָנטעוו פאַר אונדזער יונגוואַרג. וויי איז מיר !...

גאָען יאָסע: עמעס, מיסיס לעבן. איך בין דער רעבע פון ...

בלייפער: (מיט צעעפנטע אויגן) וואַ־אַ־אַס ?...

מרס. בלייפער: גאָט מיינער, איך וועל זיך דאָס לעבן נעמען ... איך וועל דאָך דאָס ניט איבערלעבן ... ווי האָב איך דאָס גאָר געקאָנט פאַרגעסן ?...
אוי, מיר איז שלעכט ... (פאַלט אין כאַלאַשעס) אוי ...

בלייפער: מאַ, מאַ דאַרלינג ! מאַטילדע, הערצעלע, גיט אַהער וואַסער, גיכער !...

מאַטילדע: מאַמאַ דאַרלינג, פּליז, מאַמאַ ... (דערלאַנגט איר דאָס גלאָז וואַסער).

מרס. בלייפער: (טוט אַ זופּ, עפנט די אויגן) וואָס וועל איך איצט טאָן ?... איך וועל זיך דאָך דאַרפן באַגראָבן לעבעדיקערהייט פון כאַרפּע ... וואָס וועט מען איצט אין שטאָט זאָגן וועגן מיר ?... (וויינט) וואָס וועט דער

היילי‏קער רעבע טראַכטן וועגן אונדז? . . .

גאָען יאַסע: אַז וועסט געבן צדאָקע, טאַכטער, פאַר דער יעשיווע, וועט דיר גאָט, באָרוך־הו, מויכל זיין פאַר דער בושע וואָס האָסט מיר אָנגעטאָן . . .

מרס. בלייפער: (פאַלט אים צו די פיס) וויפיל איר וועט נאָר הייסן, אַזוי־פיל וועל איך געבן, אַבי זייט אונדז מויכל, היילי‏קער רעבע . . .

בלייפער: (טוט אָן די יאַרמלקע, גייט צו צום רעבן און שטופט אים געלט אין דער האַנט אַריין) איר וועט אונדז מויכל זיין, רעבע . . . מיר . . . איר זעט דאָך אַליין, עס איז געווען אַזאַ צעדרייעניש . . .

גאָען יאַסע: (כאַפּט אַ קוק אָפן געלט) עס וועט שוין זיין רעכט . . . יעדער מענטש קאָן מאַכן אַ טאָעס . . .

בלייפער: (טוט אויס די יאַרמלקע, גייט צו צו פינטשעסן) וואָס זשע וועלן מיר איצטער טאָן, גענאָסע פינטשעס? איך מיין . . . וועגן די צוויי ספּיטשעס? . . . (וויזט אָן אָפן רעבן און אָף אים).

הערעלד: (שמייכלט. צו זיך) דאָס איז יאָ ווי מען זאָגט, צוויי קעץ אין איין זאַק . . .

פינטשעס: עס וועט שוין זיין אָ־רייט, געגאָסע בלייפער. זאָרגט זיך גאָר־ניט! . . . מיט די אָוונטן האָבן מיר זיך דאָך שוין איינגעטיילט: איך — פרייטיק, און ער — שאַבעס־צו־נאַכט . . . דאָס איבעריקע, וועל . . .

הערעלד: (איראָניש, פון וויטן) איך, פאָ, האָב שוין די אַנדערע זאַכן אויך איינגעטיילט גלייך אָף גלייך. איך האָב אַרונטערגענומען צוויי מעזוזעס, — וואָס דאָס וועט עפּשער טיילוויז צופרידנשטעלן דיין געגאָסע פינטשעס, און איך האָב איבערגעלאָזט צוויי מעזוזעס אָף אַנדערע טירן, וואָס וועט שוין מוזן צופרידנשטעלן דער מאַמעס היילי‏קן רעבן . . . די איינציקע זאַך, אָבער, וואָס איך וועל ניט קאָנען טאָן פאַר דיר און דו אַליין וועסט עס דאַרפן באַשליסן, איז, וואָס צו טאָן מיט דער יאַרמלקע — טראָגן זי אָפן קאָפּ, אָדער אַריינלייגן זי אין קעשענע, כע־כע־כע . . . יאָ, פּאָפּ, ווען עס קומט איין גאַסט, קאָן מען זיך נאָך ווי עס איז, זעט אויס, צופּאַסן. אָבער ווען עס קומען צוויי, און קעגנגעזעצטע דערצו, דאַן . . . דאַן איז עס אַ שווערע פּראָבלעם, פּאָפּ . . .

בלייפער: (לאָזט זיך בייז צו הערעלדן) אַ, שאַראַפּ יו, יו באָלשעוויק! . . . אַלע צאָרעס נעמען זיך פון דיר און דיין גלייכן! . . .

פּאָעזיע און פּראָזע

[קאָמעדיע אין 1 אַקט]

פּאָעזיע און פּראָזע

(קאָמעדיע אין 1 אַקט)

אַנטײלנעמער אין דער שפּיל:

לעאָן מושקאַט .... אַ באַלעבאָס פון אַ דרוקערײ
בעטסי .... זײן פרוי, אַ דיקע דאַמע מיט אַ גוידערל
דזשעק שפּינער .... אַ פּאַפּיר־סוחר, אַ מאַן מיט אַ פּליכל
ראַשעל .... זײן 2טע פרוי, אַ יונגע בלאָנדע קאָקעטקע
הערי געלער .... פאַבריקאַנט פון דרוקערײ־טינטן
עטל .... זײן פרוי, אַ מיטל־יעריקע
מאָריס לעװיט .... פון אַ יאָר 25, אַרבעט בײ מושקאַטן

אָװנט. אַ באַלעבאַטיש גאַסט־צימער בײ מושקאַטן. רעכטס — צװישן דער אַרײנגאַנג־טיר און דעם גאַסט־צימער — אַ קאָרידאָרל, װאו עס שטײט אַ טישל מיט די געסטס היטלען; אַ שפּיגל מיט הירש־הערנער, און אַ קלײדער־הענגער. די געסט זיצן אַרום טיש, טרינקען טײ מיט קיכלעך און שפּילן קאָרטן. די מאַדאַם מושקאַט פּאָרעט זיך אַרום די געסט. מיסטער מושקאַט — כאָטש ער אַלײן שפּילט אויך מיט די געסט — באַװײזט ער דאָך זײ צו מאַכן זיך פילן באַקװעם.

פּאָעזיע און פּראָזע

ראַשעל: איך מוז אייך מאַכן אַ קאָמפּלימענט, מאַדאַם מושקאַט, פאַר אייערע קיכלעך. ביי אונדז אין ניו־יאָרק, וואו איך האָב געוואוינט אײדער איך בין אַהערגעקומען, קריגט מען גאָרניט אַזעלכע. דאָרט וויסט מען דאָך אַפילע ניט פון אַליין צו באַקן. מען גייט אַריין אין אַ בעקעריי און... גאָט זאָל שוין אָפּהיטן וואָסער טאַאַם זיי האָבן...

עטל: אַוואָדע. אין בעקערייען טוען זיי אַריין ווער ווייסט וואָסערע כאַזערייען און פאַרדומפּענע אייער. גאָט זאָל מיך ניט שטראָפן פאַר די רייד...

דזשעק: (האַנאָעדיק) אָט אַזוי צו שפּילן האָב איך ליב! (שאַרט צו זיך דאָס געוואונענע געלט) ווער זשע גיט איצטער קאָרטן?...

הערי: (אַפּאַטיש) פאַר מיינעטוועגן קאָנט איר געבן קאָרטן, אַז איר געווינט דאָך סיי ווי סיי קעסיידער. (ווינקט צו מושקאַטן) ס'גייט אים ווי אַ גאַי...

ראַשעל: (גענעצט) דערפאַר גייט מיר שוין היינט קיין קאָרט ניט. נו, האָט איר שוין אַמאָל געזען אַזעלכעס?!... (ציילט איר שטויסל געלט) איך האָב פאַרשפּילט שוין העכער פון אַ דאָלאַר...

דזשעק: (טיילט אויס קאָרטן) איז אייך, איז אייך, איז אייך... נו, און אייך אַ קאָרט, מאַדאַם מושקאַט?!...

בעטסי: ניין, אַ דאַנק. איך וועל שוין בעסער אַכטונג געבן, אַז איר זאָלט האָבן טיי מיט קיכלעך. אייער פרוי האָט זייער ליב די קיכלעך... (וויל זיך לאָזן צו דער קיך, לינקס. מיטאַמאָל טוט דאָס טיר־גלעקל אַ קלונג).

מושקאַט: איר וועט מיר אַנטשולדיקן, מיינע הערשאַפטן! (גייט עפענען).

מאָריס: (קומט אַריין, בלייבט שטיין ביי דער טיר צעשראָקן און צעטומלט. וויל זיך צוריקציען און פּלאַצט ענדלעך אַרויס) העלאָ, כאַווער, אַי מין, גוד איוונינג, מיסטער מושקאַט!...

מושקאַט: גוד איוונינג, מאָריס! וואָס טוסטו דאָ עפּעס אַזוי שפּעט?

מאָריס: איך... ע... איך בין געקומען איבעררעדן מיט אייך וועגן...

מושקאַט: אָ, אַוואָדע עפּעס נייעס וועגן דער אָרגאַניזאַציע. האַ?...

מאָריס: (שטאַמלט) ב־ניין... אַ פּריוואַטע זאַך... איך... וועגן געשעפט...

מושקאַט: וועגן געשעפט? (מיט פאַרוואורף) ביינאַכט אויך וועגן געשעפט! איך דאַנק גאָט וואָס איך ווער פּאַטער פון זיי אין די אָוונטן...

מאָריס: יאָ... איר וועט מיר מוחל זיין, כאַווער, איך מיין, מיסטער מושקאַט.

אָבער ווען איך קלייב זיך אין שאַפּ צו רעדן מיט אייך וועגן דעם, האָט איר קיינמאָל קיין צייט ניט און לויפט גלייך אַוועק וועגן ביזנעס, אָדער איר נעמט גאָר רעדן מיט מיר וועגן דער אָרגאַניזאַציע...

מושקאַט: הם... נו, לאָמיך הערן, וועגן וואָס איז דאָס אַזעלכעס ?...

מאָריס: מיסטער מושקאַט, איך אַרבעט שוין פֿאַר אייך אַזויפֿיל יאָרן און איך גלויב, אַז איך בין באַרעכטיקט צו אַ העכערונג אין די סכירעס...

מושקאַט: (מיט זיסן פֿאָרוואורף) אָבער איצט, דאָ, בעאייס איך האָב געסט... (מיטאַמאָל) ווייסט דו גאָר וואָס, מאָריס, לייג דאָס אָפּ אַף אַן אַנדערשמאָל.

מאָריס: (ווערט צעטומלט, וויל אַוועקגיין) אַנטשולדיקט מיר, מיסטער מושקאַט. יאָ, איך וועל שוין אַ צווייטמאָל... (לאָזט זיך צו דער טיר).

מושקאַט: (פֿאַרהאַלט אים) וואָס זשע לויפֿסטו, מאָריס ? אַז ביסט שוין יאָ דאָ, קום זשע אַריין און זיי אַ גאַסט !... (שרייט אַריין אין צימער אַריין) זע נאָר, בעטסי, ווער עס איז געקומען ! מאָריס !... (צו מאָריסן) נו, נעם אַרונטער דעם מאַנטל מיטן הוט און... (נעמט צו ביי אים די זאַכן, הענגט זיי אויף און פֿירט מאָריסן אַריין אונטערן אָרעם. אין מיטן צימער שטעלט ער זיך אָפּ און דעקלאַמירט אויס) לעידיס ענד דזשענטלמען ! איך האָב דעם קאָוועד מיטן פֿאַרגעניגן אייך פֿאָרצושטעלן דעם סעקרעטאַר פֿון אונדזער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, מיין פֿריינט, מיסטער מאָריס לעוויט !...

בעטסי: (גייט אַנטקעגן) און אויך אונדזער געטרייסטער אַרבעטער ! יאָ, ער אַרבעט שוין ביי אונדז פֿון זינט ער איז געקומען קיין אַמעריקע !...

מאָריס: (נערווירט) אַנטשולדיקט, שוין אַ צווייטמאָל...

מושקאַט: (פֿאַרהאַלט אים, קלאַפּט אים פֿריינטלעך איבער דער פּלייצע, און מיט געמאַכטן פֿאָרוואורף צו זיין ווייב) אָ, בעטסי, גאָט איז מיט דיר ! ביי אונדז אין הויז איז מאָריס בלויז אונדזער גאַסט און פֿריינט, און ניט קיין אַרבעטער ! ניט וואָר, מאָריס ?... וועל־וועל, טאַקע אַן אומגעריכטער גאַסט, אָבער אַלעמאָל אַ ליבער און אַנגעלייגטער... (צו די געסט) לעידיס ענד דזשענטלמען, באַקענט זיך צווישן זיך !...

בעטסי: (קעדיי אויסצובעסערן די געדריקטע שטימונג, וואָס זי האָט פֿריער געמאַכט, נעמט זי מאָריסן אונטערן אָרעם און פֿירט אים צו יעדן גאַסט. שטעלט זיי פֿאָר) דאָס איז מיסטער דזשעק שפּינער, דער פּאַפּיר־סויכער מיט וועמען מיר טוען געשעפֿטן...

דזשעק: האַ־דו, האַו־דו !...

בעטסי: דאָס איז מיסטער הערי געלער, דער טינט־פֿאַבריקאַנט. איר זענט דאָך אַוואַדע ניט איינמאָל געווען ביי אים וועגן געשעפֿט. ניט עמעס ?

הערי: עמעס, עמעס. איך קאָן דעם יונגנמאַן !...

בעטסי: דאָס איז מאַדאַם געלער...

עטל: פּליזד טו מיט יו !...

בעטסי: און דאָס איז מאַדאַם ראַשעל שפּינער, מיסטער שפּינערס יונגע און רייצנדיקע פרוי! אַ, איר וועט זיין באַגייסטערט פון איר לעבעדיקייט און אינטעליגענץ. זי איז דאָך פון ניו־יאָרק!...

ראַשעל: (לאַכט פאַרשייט) איך בין שוין באַגייסטערט. האַו דו יו דו, מיסטער לעוויט? צופרידן זיך צו באַקענען מיט אייך!...

מאָריס: איך דאַנק אייך! (בעטסי זעצט אים לעבן ראַשעל). לאַיקוואַיז!...

דזשעק: (וואַרפט זייטיקע בליק, הוסט אומרואיק) העפּ־הום!...

ראַשעל: איר וועט דאָך אַוואַדע נעמען אַ האַנט מיט אונדז, מיסטער לעוויט?

הערי: (מעכאַניש) אַ קוואָדער די לימיט בלויז...

מאָריס: ניין, אַ דאַנק. איך גיב זיך ניט אָפּ מיט אַזעלכע זאַכן...

דזשעק: אַזוי? נו, איז ניט געטאַנצט מיטן בער! (טיילט אויס קאָרטן).

ראַשעל: (נעמט ניט אירע קאָרטן, קאָקעטירט צו מאָריסן) מיט וואָסערע זאַכן, אויב איך מעג פרעגן, גיט איר זיך יאָ אָפּ? (צעלאַכט זיך) אַ, אַוואַדע מיט ליבע. אַ־יאָ געטראָפן? שעמט זיך ניט! דאָס איז, ווי מיין מאַמע זאָגט, אַ אידישע זאַך...

מאָריס: איך גיב זיך אָפּ מיט די שיינע זאַכן אינעם לעבן. איך לייען ביכער, ליטעראַטור, פּאָעזיע... דאָס איז מיר אינטערעסאַנטער...

ראַשעל: דאָס ערשטע מאָל וואָס איך הער, אַז טויטע ביכער זענען אינטערעסאַנטער ווי לעבעדיקע ליבע... (לאַכט) מיסטאָמע האָט איר נאָך ניט געהאַט די געלעגנהייט צו פאַרזוכן דעם טאַאַם פון ליבע, דריבער...

דזשעק: נו, ווי שפּילט איר, מושקאַט?...

מושקאַט: איך שפּיל ניט. מיט אַזעלכע קאָרטן גייט מען שלאָפן...

דזשעק: (צו הערין) נו, און וואָס הערט זיך ביי אייך, כאַנאַניע?...

הערי: זעט נאָר ווער וועמען עס רופט כאַנאַניע! איך שטעל אַ פּערטעלע!...

דזשעק: נו, שטעל איך אַ פּערטעלע און נאָך אַ פּערטעלע. ווי געפעלט עס אייך? נו, און איר, מאַדאַם, ווי שפּילט? (קוקט צו ראַשעל).

ראַשעל: איך וועל היינט סיי ווי סיי מער ניט שפּילן. עפּעס גייט מיר דאָס־מאָל ניט אין די קאָרטן... (לייגט זיי אַוועק ניט אַנקוקנדיק).

עטל: אָט איז מיין פּערטעלע.

הערי: מיין פּערטעלע, אייער פּערטעלע און ווידעראַמאָל מיין פּערטעלע...

מושקאַט: או, ער מוז אַוואַדע ווידעראַמאָל האָבן דריי שיקסעס...

דזשעק: זאָלן זיי אים וואויל באַקומען. אָבער קיין שיקסעס וועלן אים שוין איצט קיין גוטס ניט טאָן. איך גלייך אויס און שטעל נאָך אַ פּערטעלע איבער אייערס. וואָס האָט איר איצט צו זאָגן?...

הערי: העכער גיין הייסט גאָט אַפילו ניט! (וואַרפט אַוועק די קאָרטן).

עטל: איך האָב אויך גענוג!

מושקאַט: (כאַפּט אַ בליק אין הערים קאָרטן, שפּרינגט אויף) אַי, זענט איר

אַ פּושער פון זיין ליבן נאָמען! מיט אַזעלכענע קאָרטן דערשרעקט מען זיך? אַט אַ פּאַרטאַטש איינער!...

הערי: נו, זענט איר דער כאָכעם!...

דזשעק: (שאַרט דאָס געלט צו זיך) אַזוי צו שפּילן האָב איך ליב. וואָדען?...

מושקאַט: (אַלץ צו הערין) ווען איך האָב אַזעלכע קאָרטן, וואָלט איר אַלע היינט ביי מיר אַהיימגעגאַנגען נאַקי, ווי פון באָד אַרויס. זאָל איך אַזוי לעבן און געזונט זיין מיט אייך אינאיינעם!

בעטסי: (צו מאַריסן) איר וועט עפּשער טרינקען אַ גלעזל טיי, מאַריס?

מאַריס: (ווישט דעם שוויס) ניין, אַ דאַנק. אַט גיי איך שוין סיי ווי סיי...

ראַשעל: זיכער וועט ער טרינקען. פּאַרוואָס פרעגט איר גאָר אַזעלכע פראַגעס? ווי זאָגט מיין מאַמע — אַ קראַנקן פרעגט מען און אַ געזונטן גיט מען... און מיסטער לעווויט, ווי עס זעט אויס, איז נאָך גאַנץ ווייט פון צו זיין אַ שוואַכער אָדער קראַנקער. אים דאַרף מען ניט פרעגן, נאָר געבן... (בעטסי אַפּ אין קיך. ראַשעל שמייכלט צו מאַריסן און מיט אַ וואונק) מיך אַליין, גאָט צו דאַנק, דאַרף מען נאָך אויך ניט פרעגן. ספּע־ציעל אויב דער געבער איז מיר נאָר צום האַרצן, כע־כע־כע... דענקט איר ניט, מיסטער לעוויט, אַז איך בין גערעכט?...

מאַרים: עס ווענדט זיך... איך בין ניט געניט אין דעם...

ראַשעל: און דאָס וואָס עס גייט מיר ניט אין קאָרטן, אַרט מיך אויך ניט. מיין מאַמע זאָגט, אויב עס גייט ניט אין קאָרטן, גייט אין ליבע. (טוט מאַריסן אַ גלי מיט די אויגן) ווי מיינט איר, איז דאָס עמעס?...

מאַרים: איך ווייס ניט. איך בין ניט געניט אין די זאַכן, מאַדאַם...

ראַשעל: אין ניו־יאָרק האָב איך קיינמאָל ניט געכאָלעמט, אַז איך וועל קאָנען לעבן אין אַזאַ אומעט און אַזוי איינזאַם... ניטאָ פּאַשעט מיט וועמען אַן אינטעליגענט וואָרט אויסצורעדן... אַלץ ביזנעס און קאָרטן...

דזשעק: (וואַרפט זייטיקע בליקן צו איר) העפּ־הום, העפּ־הום...

ראַשעל: (שטיל צו לעוויטן) און אייפערזיכטיק איז ער... איר זעט כאָטש ווי ער היט מיך?... (צום מאַן) האָסט עפּעס געוואָלט, דאַרלינג?...

דזשעק: (נערוווירט) געוואָלט? — ניין... (טוט זיך אַ קראַץ אין פּליך און ער פאַרשיט דערביי אומגערן אַביסל הייסן אַש פון זיין ציגאַר אַפן פּליך אַרויף. שפּרינגט אויף אַן אַפּגעברייטער) אוף! צום טייוול!... (נעמט גיך אַפּטרייסלען דעם אַש פון שאַרבן. אַלע לאַכן).

ראַשעל: (צווויידייטיק) דזשעק דאַרלינג, קיין בעסער און באַקוועמער אַש־טעצעלע ווי דעם אייגענעם קאָפּ האָסטו שוין ניט געקענט געפינען?...

דזשעק: (מיט איינגעהאַלטענעם קאַאַס) וואָס זשע, סוויטהאַרט, אַז מען איז אַ געטריי און גוט ווייב, באַזאָרגט מען דעם מאַן מיט אַן אַש־טעצעלע...

בעטסי: (ברענגט אַ גלאָז טיי מאַריסן) טרינקט, מאַריס, און זאָל אייך וואויל

באַקומען. עסט די קיכעלעך. אייגן־געבאַקענע!... (מיטאַמאָל) פאַרוואָס קומט איר לעצטנס אַזוי זעלטן צו אונדז, מאָריס?... דאַכט זיך, אַזאַ היימישער, אייגענער מענטש, און דאָך... איר וואָלט געדאַרפט קומען אַביסל אָפטער צו אונדז... איר זעט דאָך: שטענדיק איז ביי אונדז פאַראַן פיינע, אינטעליגענטע קאָמפּאַניע מיט וועמען צו פאַרברענגען און אַ וואָרט אויסצורעדן... נאָך אַ גלעזל טיי, ראַשעל?!...

ראַשעל: אַ־קעי, צוליב דעם יונגנמאַן... (בעטסי אָפּ אין קיך) וויפל צוקער, מיסטער לעוויט? צוויי, אָדער דריי?...

מאָריס: אַ דאַנק, מאַדאַם, איך...

ראַשעל: (דראָעט קאָקעטיש מיטן פינגער) אַ, איר שעמט זיך אויסצוזאָגן, אַז איר האָט ליב זיס?... נישקאָשע, מיט ליב האָבן זיסע טיי און זיסע פרויען, זאָגט מיין מאַמע, דאַרף זיך קיין יונגערמאַן ניט שעמען... (כאַפּט אַ בליק צום מאַן. זעענדיק, אַז ער איז פאַרשפּילט אין די קאָרטן, כיינדלט זי זיך ווייטער צו מאָריסן) אַ, קאָם אָן, מאָריס. קאָם אָן. זאָגט וויפל צוקער... (וואָרפט איינציקווייז. נאָך יעדן שטיקל שטעלט זי זיך אָפּ און קוקט אין מאָריסעס אויגן מיט קאָקעטישער פראַגע) נאָך איינס?... (בעטסי ברענגט אריין אַ גלאָז טיי פאַר ראַשעל) אַ דאַנק, בעטסי, אַ דאַנק!

מושקאַט: טפו־טפו! קיין בייז אויג ניט! איצט וועל איך אייך לערנען ווי מען שפּילט אין קאָרטן!... מיין פּערטעלע!...

דזשעק: און מיין פּערטעלע!...

הערי: איך שטיי ניט אָפּ!...

עטל: איך אויך...

מושקאַט: אַזוי איז אינטערעסאַנט. אַזוי האָב איך ליב!... נו, וואָס האָט איר?

הערי: עפּעס זענט איר מיר צו דאַסיק. אַ שלעכטער סימען... איך פּעס...

מושקאַט: נו, וואָס האָט איר, מאַדאַם? דעקט זיך אויף, שעמט זיך ניט...

עטל: איר וועט זיין איבעראַשט!... (דעקט אויף אירע קאָרטן).

דזשעק: גייט בעסער שלאָפן, מאַדאַם, מיט אייער מאַן. ער האָט געפּעסט...

מושקאַט: בלייבן מיר, הייסט עס, די איינציקע. נו, לאָמיר זיך אָנקוקן!...

דזשעק: מיט דער שראַגע האָט איר מיך געוואָלט אָפּשרעקן? איר האָט מיך שוין געדאַרפט בעסער קענען, כע־כע־כע!... (שאַרט דאָס געלט צו זיך מיט פרייד) אַזוי האָב איך ליב צו שפּילן, אַזוי איז אינטערעסאַנט...

מושקאַט: (טוט אַ פּאַטש מיט די הענט, שפּרינגט אויף) לעידיס ענד דזשענטלמען! איך האָב פאַר אייך אַ פיינעם פּראָפּאָזישאַן און סורפּרייז! לאָמיר אַף אַ ווייל אַוועקלייגן די קאָרטן און בעסער בעטן דעם מיסטער לעוויט, אַז ער זאָל פאַר אונדז רעציטירן עפּעס אַ פיין ליד!...

עטל: אַ ליד? דאָס אַ גרעיט אידייע!...

ראַשעל: אַ, איר קענט לידער, מיסטער לעוויט? וואַי, דאָס וואָנדערפול!

פאַרוואָס זשע האָט איר עס מיר ניט געזאָגט?... נו, קאָם אָן, זינגט זשע אונדז טאַקע עפּעס אַ פיין ליד!...

מאַריס: (דרייט זיך אומבאַקוועם, זשעסטיקולירט) אַ, איך, ניין...

מושקאַט: (גייט צו און בייגט זיך צו לעוויטן) גיט אונדז עפּעס, מאַריס, פון אונדזער גרויסן נאַציאָנאַלן מעשוירער...

מאַריס: איך בין איצט ניט אויפגעלייגט, מיסטער מושקאַט, צו פּאָעזיע...

ראַשעל: (ליגט איר האַנט אַף מאַריסעס אַקסל, באַרירט מיט איר הוילן אָרעם זיין פּאַנים) אַ, קאָם אָן, מיסטער לעוויט, זינגט אונדז עפּעס אַ ליד! פּליז, זינגט עפּעס פאַר מיינעטוועגן. איי דזשאַסט לאַוו דזשואיש סאָנגס!

מושקאַט: (טוט ווידער אַ פּאַטש מיט די הענט) לעידיס ענד דזשענטלמען! איר האָט דאָך אַוואַדע געהערט וועגן אונדזער גרויסן נאַציאָנאַלן מע־שוירער, פּרוג. איז אַט וועט מיסטער לעוויט באַלד פאַר אונדז רעציטירן איינס פון זיינע בעסטע נאַציאָנאַלע לידער!...

ראַשעל: (פּיעסטשעט זיך) אַ, מיסטער מושקאַט, זאָל ער בעסער זינגען עפּעס פונעם אידישן טעיעיטער!... (צו מאַריסן) זינגט אונדז עפּעס אַ זאַך, וואָס זאָל אַ צופּ טאָן ביים האַרצן, אַשטייגער: „זומער בייגאַכט אַף די דעכער", „גאָט און זיין מישפּעט איז גערעכט" אָדער גאָר „איילע, איילע, לאָמיר זיך איבערבעטן"...

עטל: פאַרוואָס ניט בעסער „אַ בריוועלע דער מאַמען"? איי לאַוו איט...

בעטסי: פאַרלאָזט זיך אַף מיסטער לעוויטן. ער ווייסט שוין וואָס גוט איז...

ראַשעל: אָ־רייט. זאָל ער זינגען וואָס ער וויל. אָבער זינגט שוין, מיסטער לעוויט!

מושקאַט: (שמייכלט אומבאַקוועם. צו ראַשעל) פּאַרדאָן, מאַדאַם שפּינער, איר... כ'מיין... מיסטער לעוויט זינגט ניט... ער רעציטירט...

ראַשעל: איר האָט געזאָגט — אַ ליד, האָב איך געמיינט... (אַלע לאַכן) דזשעק דאַרלינג, עס זענען דען פאַראַן אַזעלכע לידער וואָס מען זינגט ניט?

דזשעק: (הייבט מיט די אַקסלען) פרעג מיך גרינגערע זאַכן. זעסטו, ווען דו פרעגסט מיך, צי עס איז פאַראַן אַזאַ פּאַפּיר אַף וועלכן מען דרוקט ניט, וואָלט איך דיר בעסער געקאָנט ענטפערן. אָבער אַ ליד?... פּכע...

מושקאַט: (שמייכלט איידל) פאַראַן אַזעלכע לידער, מאַדאַם שפּינער, פאַראַן. אָט, אַשטייגער די לידער פון אונדזער גרויסן נאַציאָנאַלן מעשוירער...

ראַשעל: אָבער אַ מעשוירער זינגט דאָך...

מושקאַט: ניט אַזאַ שטייגער מעשוירער...

ראַשעל: און איך האָב געמיינט, אַז אַ מעשוירער איז די סעים פעלאָ, וואָס ער זינגט אין טעמפּל ביים כאַזן. איז עס דען ניט?...

מושקאַט: יאָ. אָבער אַ מעשוירער מיינט אויך אַ פּאָעט. אונדזער גרויסער נאַציאָנאַלער מעשוירער — מיינט, אונדזער נאַציאָנאַלער פּאָעט... (קימאַט

באַפּעלעריש צו מאָריסן) נו, לאָזט זיך ניט בעטן, מאָריס!... גיט אונדז פּרוגס ליד, וואָס איר האָט לעצטע וואָך רעציטירט, זאַמד און שטערן...

מאָריס: (קוקט פֿאַרלוירן אַף מושקאַטן) אַז איך, כאַוועך, אַי מין, מיסטער מושקאַט... (שטעלט זיך אויף, פֿאַרמאַכט די אויגן, ווי צו שאַפֿן שטימונג. די געסט אַרום זיצן אין דערוואַרטונג. די פֿרויען — מיט אויסגעשטעלטע אויגן און איבערגעקרייצטע הענט אַף די בריסטן. שפּינער ווינקט זיך שטילערהייט איבער מיט די אַנדערע און הייבט אָן אויסצוטיילן קאַרטן. מאָריס הייבט ענדלעך אָן):

„עס שיינט די לעוואָנע, עס גלאַנצן די שטערן,
די נאַכט איז אַף בערג און אַף טאָל.
דאָס אַלטיטשקע ביכעלע ליגט פֿאַר מיר אָפֿן;
איך לייען עס, לייען טויזנטער מאָל . . .“

ראַשעל: (פּלאַצט פּלוצים אויס אין אַ געלעכטער) אוי, איך וועל עס דאָך ניט אויסהאַלטן! הערט אַ נאַרישער פּאָעט! (דעקלאַמירט נאָך) עס שיינט ביי אים די לעוואָנע, עס גלאַנצן ביי אים די שטערן, און ער וואָס? ער זעצט זיך גאָר אַוועק לייענען אַן אַלט ביכעלע!... איך האָב געמיינט, ער וועט זיך אַוועקזעצן מיט אַ שיין יונג מיידל!... (אַלע לאַכן).

מושקאַט: (מיט פֿאַרוואורף) אַ, מאַדאַם שפּינער, מאַדאַם שפּינער!...

ראַשעל: (באַגרייפֿט וואָס זי האָט דאָ געטאָן) אַ, אַי עם סאָ סאָרי, סאָ סאָרי... איך וועל שוין מער ניט. ערן וואָרט. איך האָב בלויז געשפּאַסט... נו, אַנטשולדיקט, מיסטער לעוויט. אַנטשולדיקט, פּליז! (גלעט אים).

מאָריס: (שטרענגט זיך אָן. פֿאַרמאַכט די אויגן און פֿאַנגט ווידער אָן):

„עס שיינט די לעוואָנע, עס גלאַנצן די שטערן,
די נאַכט איז אַף בערג און אַף טאָל.
דאָס אַלטיטשקע ביכעלע ליגט פֿאַר מיר אָפֿן;
איך לייען עס, לייען טויזנטער מאָל...
איך לייען די טייערע, הייליקע ווערטער,
מיר הערט זיך אַ שטימע: איך שווער,
מיין פֿאָלק, דו וועסט זיין ווי די שטערן אין הימל,
ווי זאַמד אַפֿן ברעג פֿון דעם מער . . .“

(די אַרומיקע שפּילן אין קאַרטן און קוקן זיך איבער צווישן זיך, ווי זאָגנדיק: „וואָס דרייט ער אַ קאָפּ? וואָס נודיעט ער?“ אָבער מאָריס זעט דאָס ניט. ער פֿאַרגייט זיך ביסלעכווייז אין היסלאַיוועס. זעצט פֿאָר):

„און איינס איז שוין טאַקע מעקוייעם געוואָרן,
דאָס פֿיל איך, דאָס ווייס איך געוויס:
מיר זענען געוואָרן ווי זאַמד וואָס איז העפקער,
וואָס יעדערער טרעט מיט די פֿיס...

יאָ, גאַטעניו, עמעס, ווי זאַמד און ווי שטיינער —
צעזייט און צעשפּרייט...״

(מאַריס עפנט מיטאַמאָל די אויגן. דערזעט, אַז מען שפּילט גאָר אין קאָרטן און אַז מען הערט זיך אַפילע גאָרניט צו צו אים. ער צעציט און כאַזערט איבער די לעצטע ווערטער, ווי ער וואָלט זיך געאישעווט, צי ער זאָל פאַרענדיקן דאָס ליד, אָדער ניט. ער טוט מיטאַמאָל אַ האַק איבער און זעצט זיך אַוועק. די אַרומיקע אַפּלאָדירן מעכאַניש. דאָס האַנט־געפּלעסק וועקט אים, אַפּאַנים, אויף. שטעלט ער זיך האַסטיק אויף און שרייט קימאַט אויס) **ווער דאַרף עס גאָר אונדזערע נאַציאָנאַלע לידער, אַז קאָרטן זענען בילכער און וויכטיקער?!... (צו מושקאַטן) און איר, מיסטער מושקאַט, וואָס האָט איר מיך דאָ אַרויסגעשטעלט ווי נאַרישע עלטערן שטעלן אַרויס זייערס אַ דריי־יעריק קינד צו באַווייזן עפּעס אַן אומגעלומפּערט כאָכמעלע?... ווער דאַרף מיך דאָ? ווער דאַרף מיין פּאָעזיע?... (שווייגט אַ ווייל) און וואָס דאַרף איך די פּאָעזיע, אַז געקומען בין איך גאָר אַהער צו אייך וועגן אַ גרעסער שטיקל ברויט פאַר זיך... אַפּאַנים, אַז טאַקע מיט אָט דער פּאָעזיע האָט איר מיך געהאַלטן ווי געבונדן, קעדיי איך זאָל זיך פאַרשפּילן מיט איר און דערווייל פאַרגעסן, אַז איך באַקום ביי אייך פאַר מיין אַרבעט ניט פיל מער ווי עס קריגן ערגעץ אַנדערש אָנפאַנגער לערנאיינגלעך. ניין, מיסטער מושקאַט! איך קאָן זיך שוין מער ניט צופרידנשטעלן מיט פּאָעזיע און אַרבעטן האַלב־אומזיסט!... איך וויל אַ גרעסער שטיקל ברויט, אַזויפיל וויפל עס קומט מיר! איר הערט? — איך פאָדער אַ העכערונג אין מיינע סכירעס!... (ער טוט זיך מיטאַמאָל אַ לאָז צו זיינע קליידער, כאַפּט דעם הוט מיטן מאַנטל און עפנט די טיר. דאָרט שטעלט ער זיך אָפּ און וואַרפט צו) און אויב איך וועל קיין העכערונג, ווי עס קומט מיר, ניט באַקומען, וועל איך געצוואונגען זיין צו דערקלערן אַ סטרייק!... (לויפט אַרויס. אַלע בלייבן ווי פריטשמעליעט).**

בעטסי: (פאַרברעכט די הענט) אַ וויטיק איז מיר! עס איז דאָך גאָרניט ווי מאַריס! ער איז אַוואַדע אַרונטער פון זינען!... לעאָן, עפּעס איז ניט גלאַטיק מיט אים!

דזשעק: אַ פיינער באָכער, האָט איר געזאָגט, האַ? אַ סטרייקער גאָר?!...

ראַשעל: און איך האָב געמיינט, אַז ער איז אַן אינטעליגענטער יונגערמאַן!... איך האָב געמיינט אַ ראָמאַנטישער!... כאַ־כאַ־כאַ, אַ גרעסער שטיקל ברויט ליגט אים אין זינען, כאַ־כאַ־כאַ!... (אַלע לאַכן).

צדאָקע

[דראַמע אין 1 אַקט]

צ ד אָ ק ע

(דראַמע אין 1 אַקט)

אַנטיילנעמער אין דער שפּיל:

אייב ....אַ פּאַראַליזירטער אַף די פיס
סימע ....זיין ווייב
אַלטע .... איר מוטער
מיס גאָרדאָן ....אויספאָרשערן פון דער צדאָקע

נאָכמיטיקצייט. אַ געשמאַק־אויסגעשטעלטער צימער. סימאָנים פון ניט רייכער, אָבער ציכטיקער באַלעבאַטישקייט. אייב זיצט אין אַ רעדער־שטול, פאַרוויקלט די פיס אין אַ קאָלדרע. ער זיצט מיטן פּאָנים צו אַ ברייטן, זוניקן פענצטער און דרימלט. אַלטע דרייט זיך אַרום אַף די שפּיץ־פינגער און רוימט די שטוב. סימע שטייט אין דער טיר, נאָכדעם ווי זי האָט אַרויסגעפּראַוועט איר קינד אין סקול אַריין. קוקט אים נאָך אַ וויל.

צדאָקע

סימע: (שרייט נאָך שעפּטשענדיק) פֿאַרוויקל דעם האַלדז, בעני. זע זאָלסט זיך ניט פֿאַרקילן! . . . (פֿאַרמאַכט די טיר, שטיל, גייט אַף די שפּיץ־פֿינגער צו דער מוטער) האָסט געהערט, מאַמע, וואָס בעני האָט געזאָגט ווען איך האָב אים געגעבן דאָס שטיקל ברויט מיטן איינציקן פֿאַרפֿוילטן עפּעלע אַף איבערבייס? . . . (צעוויינט זיך) ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט זיך דאָס לעבן נעמען; אַז ער קאָן שוין מער ניט זיצן אַ הונגעריקער אין קלאַס און געבן אויפֿמערקזאַמקייט צו די לעקציעס.

אַלטע: ווי עס קריכט באַ זיי! אַ יאָר נעמט ביז . . . זענען זיי גאָר קיין מענטשן ניט, אָדער וואָס? . . .

סימע: אָנגעפּרעסענע, וואָס ווייסן זיי וואָס הונגער מיינט?! אַז ביי זיי גייט עס לויט טעאָריע, פֿון ביכלעך, און ניט פֿון אייגענער דערפֿאַרונג . . . אָ, ווען זיי אַליין וואָלטן פֿריער גוט געווען אָפּגעהונגערט, וואָלטן זיי מיסטאָמע בעסער געוואוסט און אַזוי ניט געהאַנדלט . . .

אַלטע: גייסט מיר זאָגן, אַז די מיידלעך זייערע, די, ווי מען רופֿט זיי, די אויספֿאָרשערנס, זענען רייכע קינדער און ווייסן ניט? . . . זיי אַליין זענען דאָך אַוואַדע אָרעמע קינדער. היינט פֿאַרוואָס באַנעמען זיי זיך אַף אַזאַ שטייגער? . . .

סימע: אַפּאָנים, אַז מען לערנט זיי אויס אַזוי. איידער זיי ווערן אויספֿאָר־שערנס, צאַפּט מען פֿריער אַרויס באַ זיי יעדן טראָפּן מענטשלעכקייט וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פֿון די אָרעמע היימען, יעדעס פּיצל מיטגעפֿיל. און אַז זיי ווערן פֿאַרהאַרטעוועט, ערשט דאַן שיקט מען זיי אַרויס צו צאַפּן דאָס בלוט באַ די נויטבאַדערפֿטיקע . . . (צעוויינט זיך).

אַלטע: וואָס טוסטו, סימע, וואָס טוסטו?! . . . מיר האָבן דאָך עפּעס אָפּגע־רעדט, אַז קיין שום געוויין ניט דאָ אין שטוב . . . נו־יאָ, ער דאַרף דאָס נאָך דערהערן. אַזוי, הייסט עס, האָט ער נאָך ווינציק . . . (נעמט זי אַרום) נו, ווישׁ אָפּ די טרערן, גיך! . . . ער דאַרף עס נאָך דערהערן . . . ווייסט דאָך, אַז אַ ליאַדע אויפֿרעגונג קאָן אים איינגאַנצן דערהאַרגענען! . . .

סימע: (שטיקט די טרערן) וואָס קאָן איך מיר העלפֿן, מאַמע, וואָס קאָן איך טאָן? . . . אַז איך האָב דאָך שוין קיין קויעך ניט מער צו שטיקן מיין פּיין אין זיך. איך קאָן זיך שוין מער ניט קאָנטראָלירן . . . איך בין שוין

אַזוי אויך אויס מענטש, אויס מענטש . . . (פויזע. טריקנט די טרערן. מיטאַמאָל אין אַן אַנדערן טאָן) דו ווייסט, מאַמע, אָפטמאָל טראַכט איך, צי דאַרף מען זיך טאַקע שעמען מיט אונדזער אָרעמקייט? צי דאַרף מען טאַקע ליגן ווי די הונגעריקע מייז פאַרפאַקט אין דער פינצטערער נאָרע, און ניט דערוועגן די נאָז אַרויסצושטעקן פאַר דער וועלט? . . . פאַר וואָס דאַרף מען זיך שעמען? פאַר וועמען? . . . פאַרוואָס דאַרף מען זיך אין הונדערטער טיכער פאַרוויקלען, אַז מען זאָל כאָלילע ניט אָנזען אַף דיר די פיין און די ליידן; אָפּנאַרן אַי זיך, אַי יענעם? . . . פאַרוואָס ניט אַרויסגיין אַף דער גאַס, אָפן, און שרייען אַזוי הויך ווי דאָס האַרץ דער־לויבט נאָר, אַזוי הויך, אַז די גאַנצע וועלט זאָל אויפציטערן; שרייען: אָט, נאָט, קוקט אַהער! זעט ווי אַזאַ יונג קינד דאַרף ליידן הונגער! זעט ווי אַזאַ קראַנקער דאַרף ליגן פאַרשמאַכט גאַנצע טעג . . .

אַלטע: אָרעמקייט, טאָכטער, איז טאַקע ניט קיין שאַנד, אָבער אַרומגיין און זיך עפנטלעך אַרויסשטעלן מיט דעם, איז אַ גרויסע נאַרישקייט . . .

סימע: וואָס איז, עס קאָן נאָך אַמאָל קאָליע מאַכן דעם אַפּעטיט באַ די רייכע ביִשקאָשע, זאָלן יענע וואָס האָבן אַ סאַך — אָנשפּייזן די וואָס האָבן גאָר־ניט! . . . ווייסט, אָן אַנדערשמאָל באַפאַלט מיך אַ פאַרלאַנג אַרויסצוגיין אַף דער גאַס און שרייען, שרייען, און דערנאָך זיך אַריינדראַפּען מיט מיינע נעגל אין די אָנגעפּרעסענע מאָרדעס פון יענע, וואָס האָבן אונדז, אַרבעטער־מענטשן, צו אַזאַ צושטאַנד געבראַכט . . .

אַלטע: נו, און אַז וועסט דאָס שוין האָבן געטאָן, וועט די וועלט שוין האָבן גליקלעכער געוואָרן? געהאָלפן געוואָרן? . . . וועסטו אַליין כאַטש דורך דעם געהאָלפן ווערן? . . .

סימע: ניין. אָבער באַרואיקט וועל איך זיך האָבן. איך וועל האָבן אָפּגעלאָשן מיין ווייטיק, מיין פאַרדראָס . . .

אַלטע: (שמייכלט מיט שפּאָט) טסע־טסע־טסע . . . ווי שיין דאָס איז, ווי טעאַטראַליש . . . אַף אַ דועל, הייסט עס, אַרויסרופן די וועלט, האַ? אָפּ־וואַשן די שאַנד, די באַליידיקונג... אַ, ווי אַלט דאָס איז. אַי סימע, סימע...

סימע: ניין, אַזוי איז גוט: צוקוקן ווי דיין בלוט און פלייש גייט אַרום ווי אַ שאָטן . . . הערן ווי אַזאַ פּיצל איז שוין פאַרצווייפלט; ווי אַזאַ יונגס, וואָס האָט נאָך קיין ריכטיקן באַגריף ניט פון לעבן, רעדט שוין וועגן זעלבסטמאָרד . . . און באַרעכן נאָר, מאַמע, וואָסער ווירקונג אָט דער סאַם האָט אַף אַזאַ יונג האַרץ! . . . אַזוי יונג און ער האָט שוין דעם באַגריף, אַז בעאייס ער גייט הונגעריקערהייט אַוועק אין סקול אַריין — זיצט ערגעץ איינער וואָס פאַרצערט זיין כיילעק לעבן דורך הולטאַיסטווע . . .

אַלטע: קיין שאָדן איז דאָס ניט. וועט ער דערפאַר זיין אַ בעסערער און פאַר־ביסענער רעוואָלוציאָנער . . .

סימע: איך גלויב ניט אין דעם. איך האַלט, אַז ווען דער הונגער ליגט אין מאָגן, קריכט ניט קיין סאָציאַליזם אין קאָפּ . . .

אַלטע: אַי סימע, סימע, דאָס האָב איך זיך ניט געריכט אַף דיר! אַזוי צו רעדן פּאַסט פאַר, כ׳ווייס . . . אַז מען זאָל אַזוי וועלן קוקן אַפן לעבן ווי דו קוקסט, לוינט זיך שוין עפּשער טאָקע גאָרניט און עס בלייבט, ווי בעני האָט געזאָגט, צו באַגיין זעלבסטמאָרד . . .

סימע: אַפּטמאָל טראַכט איך, אַז ער איז ניט אַזוי אומגערעכט . . .

אַלטע: וואָס טוט זיך מיט דיר, טאָכטער? עפּעס דערקען איך דיך דאָך ניט! ווי קומט עס צו דיר, אַ רעוואָלוציאָנערקע?! . . . (טוט אַ מאַך מיט דער האַנט) עט, עס ווילט זיך ניט איבערכאַזערן די אַלטע סקאַרבאַווע מוסער־ווערטער . . . דו זאָג מיר בעסער, סימע, ביסט געווען באַ זיי? וואָס האָבן זיי דיר געזאָגט? . . . ווען וועט עס שוין טאָקע נעמען אַ סאָף? . . .

סימע: דער טיעול זאָל זיי וויסן! (פאַרביטערט) אויספאַרשונגען, באַשטעטי־קונגען, נאָכזוכונגען, טאָמער נאָרט מען זיי אַמאָל ניט אָפּ . . . איך זאָג צו זיי: מענטשן, גיט אונדז דערוויל אַף דאָס לעבן צו דערהאַלטן, בלויז אַף טרוקן ברויט מיט טיי, און איר גייט אייך דערווייל אָן מיט אייערע אויס־פאָרשונגען. און זיי: — איינמאָל ביין. זיי קאָנען ניט, זיי טאָרן ניט . . . אַ וואונדער, צי יענע וואָס גיבן דאָס געלט פאַר דער אויפהאַלטונג פון דער אָרגאַניזאַציע, איך מיין, די רייכע קאָהאַל־פאַרזאָרגער, צי זיי ווייסן ווי אַזוי עס גייט דאָרט צו באַ זיי . . .

אַלטע: (לאַכט סאַרקאַסטיש, שטיל) דאָס דערמאָנט מיך ווי די פּויערים אינעם אַלטן צאַרישן רוסלאַנד פלעגן זיך כידעשן און פרעגן: צי ווייסט דער צאַר־פאָטערל ווי אַזוי זיינע אוריאַדניקעס פּייניקן דאָס פאָלק . . . (פּויזע) זעסטו, מיר איז יאָ אַ וואונדער וואָס דו רעדסט היינט אַזעלכע נאַרישקייטן. ווייסטו דען ניט, אַז דאָס אַלץ איז אַזאַ באַוואוסטזיניק־אָוועקגעשטעלטע סיסטעמע? . . .

סימע: עס וועט אָבער פאָרט מוזן נעמען אַ סאָף! איך האָב שטאַרק מוירע, אַז היינט, אויב מען וועט מיך דאָרט ווידער נעמען פירן און אָפּלייגן, וועל איך אַ פאַל טאָן אַף איינער פון די אָנגעפּעלצטע ביוראָקראַטישע פּיסקעס און וועל . . .

אַלטע: רעג זיך ניט אויף, סימע. רעג זיך ניט אויף! . . .

סימע: איך זאָג צו זיי: דענקט ניט, זאָג איך, אַז איר האָט דאָ צו טאָן מיט אַ שנאָרערקע! . . . אויב איך בין אַזוי צודרינגלעך, איז עס דערפאַר, וואָס עס האַלט שוין אָט־דאָ! (ווייזט אָן אַפן האַלדז) מיין מאַן, זאָג איך זיי, איז געווען אַן אַרבעטער, האָט גוט פאַרדינט און מיר האָבן שיין געלעבט... איך דערצייל זיי, ווי דער שאַפּ האָט ביי אים דאָס לעבן און דאָס געזונט אויסגעזויגן און אים די פיס איבערגעהאַקט. און איצט, זאָג איך, זיצט

ער אַ פּאַראַליזירטער און פֿאַרצווייפֿלטער . . . איך דערצייל זיי וועגן מײַנע אייגענע צעשניטענע יעסורים אַף זיך, וועלכע לאָזן מיך ניט גיין אַרבעטן, און איך בעט זיך בײַ זיי: גיט הילף! גיט עס גיך, איידער עס ווערט צו שפּעט! . . . אָבער זיי, נאָר ווי גאַזלאָנים אַף אָן אָפּענעם שליאַך, אָן שום מוירע געכאַפּט און באַשטראָפֿט צו ווערן — זיצן געמיטלעך, הערן מיך אויס קאַלטבלוטיק און הייבן מיט די אַקסלען: מיר וועלן פֿריער דאַרפֿן דורכפֿירן אַן אויספֿאָרשונג און ערשט דאַן . . . מאַמע, פֿון וואַנען נעמט זיך צו די מענטשן אַזאַ גלייכגילטיקייט און קאַלטקייט? . . .

אַלטע: פּאַרט, ווען דאַרפֿסטו פּאַרט קריגן טשאַווע פֿון זיי? . . .

סימע: (כאַפּט אַ בליק אַפֿן זייגער) איך דאַרף דאָרט זײַן אין אַ שאָ אַרום. גלויב מיר, אָבער, מאַמע, ווען איך דערמאָן זיך, אַז איך דאַרף זיך אַהינ־שלעפּן אַ האַלבע שאָ גאַנג, פֿאַלט בײַ מיר אײַנגאַנצן אָפּ דער כיישעק צום לעבן. וואָרים איז דען אַזאַ מעהאַלעך־ראָוו צו פֿוס צו גיין פֿאַר מײַנע קויכעס? . . . (נעמט זיך אָנטאָן).

אַלטע: עך, קינד מײַנס, קינד מײַנס . . . (ווישט אָפּ אַ טרער).

אייב: (נעמט זיך וועקן. עס ווערט טויט־שטיל אין שטוב) סימע! סימע!...

סימע: (לויפֿט צו) אָט בין איך. האָסט עפּעס געוואָלט, אייב? . . .

אייב: לאַנג געדרימלט עפּעס? אַנטשלאָפֿן געוואָרן אינמיטן לייענען . . . האָסט עפּשער געזען די צײַטונג? (דערזעט די צײַטונג אַף דער ערד, לעבן זיך) אָט איז זי, סימע, אין דער זײַט! אַף דער ערד! וועסט מיר מויכל זײַן און אַזוי גוט זײַן זי אויפֿהויבן. אָט דאָ, לעבן ראָד! . . .

סימע: (דערלאַנגט אים די צײַטונג) עפּשער ווילסטו אַ טרונק וואַסער, אייב?

אייב: ניין, אַ דאַנק! (דערזעט איר פֿאַרוויינט פּאָנים) סימע, וואָס איז דאָס? ווידער געוויינט, זע איך, ווידער געוויינט . . . שעם זיך, סימע, שעם זיך! . . . הערסטו, אַלצדינג זאָלסטו טאָן, אַלצדינג — נאָר ניט וויינען! האַרגע, מאָרדעווע, גאַנווע, שלאָג, טו וואָס דײַן האַרץ גלוסט, איינס, אָבער — וויינען — דאָס ניט! . . . געוויין איז אַ צייכן פֿון פּוסטקייט און אומבאַהאָלפֿנקייט; פֿון נאַרישקייט און פּאַכדאַנעס; פֿון פֿאַרלוירנקייט און שרעק . . . וויינען איז עפּשער גוט פֿאַר קינדער און פֿאַר אַלטע (באַ־טאָנט) פֿרומאַקעס. אָט זיי, זאָלן זיי וויינען וויפֿל זיי ווילן! . . .

סימע: אייב, איך האָב ניט געוויינט. איך האָב בלויז . . .

אייב: איי־איי־איי, סימע, צו וואָס נאָך זאָגן אַ ליגן אויך? . . . זע איך דען ניט? . . . נו, גוט, גוט, מויכל . . . וויש אָפּ דאָס פּאָנים, קום אַהער צו מיר און־איך וועל דיר, געטרייאינקע מײַנע, אַ קוש טאָן! . . . (פּויזע) דו קלײַבסט זיך ערגעץ? . . .

סימע: יאָ, איך קלײַב זיך אַריבערצוגיין צו זיי. הײַנט איז דאָך עפּעס דער טאָג פֿון טשאַווע . . .

אַלטע: (ביטער) היינט דאַרפן מיר טשוואווע טאָן אַף אונדזערע זינד . . .

סימע: יאָ, אויב עס וועט ווער דאַרפן טשוואווע טאָן — איז דאָס זיי! (מאַכט אַ פויסט) אַזוי קאַלטבלוטיק-גלייכגילטיק צו זיין צו יענעמסליידן! (לאָזט פאַרצווייפלט אַרונטער די הענט) עד! . . .

אייב: פונדעסטוועגן, סימע, מאַך ניט קיין גרויסע געשעפטן מיט זיי. הערסט? יאָ-יאָ, ניט-ניט! שטעל זיך ניט פאַר קיינעם אַף די קני און קוש ניט באַ קיינעם די האַנט . . .

סימע: אָ, אייב, וואָס רעדסטו?! . . .

אייב: זיי מיר מויכל, סימע! קענענדיק דיך, וויסנדיק דיין געטריישאַפט און דיין גרייטקייט אַלץ צו טאָן פאַר מיר, פאַרן קינד, האָב איך מוירע, אַז דו ביסט גרייט צו פאַרבייגן דיין מענטשלעכן שטאָלץ און . . .

סימע: (פאַלט צו אים צו, קושט אים אין קאָפּ) אָ, אייב . . .

אייב: וואו איז בענטשיק? שוין אָוועקגעגאַנגען? הונגעריק? . . .

סימע: (וויל עפּעס זאָגן. די אַלטע טוט אַ וואונק צו איר און זי פאַרכאַפּט זיך) יאָ . . . ניין . . . כאַלילע . . . פאַרקערט: איך האָב געקראָגן אין קלייטל אַף באָרג. הערסט דאָך: דער קרעמער איז דאָסמאָל געווען אַליין, אָן דער וייב, האָט ער מיר אַזוי געזאָגט: קיין גוויר בין איך ניט, געבן קאָן איך ניט. אָבער ריזיקירן מיט אַ ברויטל און עטלעכע פונט קאַרטאָפל אַ טאָג — דאָס קאָן איך יאָ. נישקאָשע, איך פאַרשרייב, זאָגט ער, און וועט איר וועט האָבן — וועט איר מיר אָפּצאָלן . . .

אייב: נו, אַבי דאָס קינד איז אָוועק איבערגעכאַפּט דאָס האַרץ. נו, גוט, גיי וואו דו דאַרפסט . . . נ-נע, אַ פאַרשאָלטענע אָרדענונג! אָפּגעגעבן דער וועלט 26 יאָר שווערע פּראַצע, געהאָרעוועט אָן אָפּשטעל און צוריקגע-קראָגן וואָס? . . . (קוקט אַף זיינע פיס) אַז עס זאָל זיך דאָס געפינען כאָטש איינער וואָס זאָל מיר דערלאַנגען זיין האַנט ווי אַ פריינט! . . . (טראַכט אַ וויילע) הערסט, סימע, איר הערט, מאַמע, צייטנווייז טראַכט איך, אַז איך ווער גאָר אַן אַפּיקוירעס. וואָס קומט אַרויס, טראַכט איך זיך, וואָס אין דער שפּעטער צוקונפט וועט שוין אַזעלכעס ניט פאָרקומען? . . . וואָס אין דער צוקונפט וועט די אָרדענונג שוין זיין אַזאַ, וואָס אַזעלכע ווי איך וועלן ניט דאַרפן ליידן, ניט דאַרפן אָנקומען נאָך צדאָקע . . . ווען אַזאַ צעקאַליעטשעטער ווי איך וועט צוריקקריגן פון דער וועלט דאָס וואָס עס קומט אים? . . . דערווייל, אָבער, היינט וואָס? . . .

אַלטע: אייב, וואָס טוט זיך מיט דיר? דו, דו רעדסט אַזוי? . . . ווייסטו דען ניט, אַז דו טאָרסט ניט אַזוי . . .

אייב: (לאַכט גיפטיק) כאַ-כאַ-כאַ, איך טאָר ניט, זאָגט איר? ווער וועט דאָס מיר פאַרווערן? . . . כאַ-כאַ-כאַ, ווער האָט עס גאָר אַזאַ רעכט מיר דאָס צו פאַרווערן? (היסטעריש) זיי, וואָס ווילן איך זאָל ווייגען?! . . .

אַלטע: אייב, באַרואיק זיך; רעג זיך ניט אויף! . . .
סימע: עס קאָן דיר שאַטן, אייב, באַרואיק זיך; . . .
אייב: (לאַכט נאָך אַלץ, אָבער גלאַסענער) אַזוי? עס קאָן מיר נאָך שאַטן? כאַ־כאַ־כאַ! . . . נו, וואָס קאָן דען געשען? איך קאָן קראַנק ווערן און . . . עפשער שטאַרבן, כאַ־כאַ־כאַ? . . . (דערזעט ווי סימע וויינט, כאַפּט ער זיך צוריק, באַרואיקט) אַ, זיי מיר מוחל, סימע! זייט מיר מוחל, שוויגער! איך האָב עס ניט געמיינט. איך בין איצט טאַקע שולדיק . . . (כאַפּט זיך ביים קאָפּ און באַ דער ברוסט) באַוואוסטזיניק דיך איצט געבראַכט צו טרערן . . . נו, זיי מיר מוחל . . . גיי וואו דו דאַפסט! . . .
סימע: איך בעט דיך, אייב, רעג זיך ניט אויף. לייען ניט קיין שווערע, צו־פיל אַנגעלאָדענע זאַכן . . . איך גיי זיך איבערטאָן . . . (זי גייט אָפּ).
אַלטע: דאַרפסט זיך נעמען אין דער האַנט אַריין, אייב! (ברויגעז) דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז זי אַליין גייט אויך אַרום ווי אַ שאָטן, און אַז נאָר אַ דאַנק דיין מוטיקער האַלטונג שטאַרקט זי זיך און איז נאָך ווי עס איז אַ שטיקל מענטש. היינט, אַז דו קומסט און ברעכסט דיין אייגענעם גייסט פאַר איר אין די אויגן, וואָס זשע בלייבט דאָן פאַר איר? . . .
אייב: (מיט געבעט) גענוג, שוויגער. שוין מער ניט, מער ניט . . . (פויזע. לייענט די צייטונג. די אַלטע רוימט צו. ער טוט זיך מיטאַמאָל אַ כאַפּ מיט פרייד) שוויגער, מאַמע, סימע, קומט נאָר אַהער! זעט בעסער וואָס פאַר אַ גוט שטיקל נייעס עס איז פאַראַן אין דער צייטונג. זעט נאָר! (לייענט איבער אַ פריידיק שטיקל נייעס וועגן עפעס אַ זיגרייכן סטרייק, אָדער וועגן עפעס אַן אינטערנאַציאָנאַלער פריידיקער געשעעניש, לויט דער צייט בעאייס דער אויפפירונג) הורעי, זאָל לעבן . . . . .
אַלטע: אָט אַזוי, אייב, אָט אַזוי! נו, זעסט שוין, אַז עס איז יאָ פאַראַן נאָך וואָס צו לעבן?! . . . זעסטו שוין, אַז מען דאַרף קיין אַפּיקוירעס ניט ווערן?! . . . זעסטו שוין, אַז אַפילו אין אַ מינוט פון אייגענער פאַר־צווייפלונג קאָן מען געפינען זאַכן וואָס דערמוטיקן און דערהויבן, וואָס ברענגען פרייד און גליק?! . . .
אייב: איר זענט אַ קלוגע, שוויגער. איר זענט גערעכט . . .
אַלטע: די כאָכמע האָב איך דאָך פון דיר, זון מיינער, געלערנט. איצט איז שוין אַ צייט אַזאַ, וואָס מיר, אַלטע, לערנען ביי די יונגע . . .
אייב: אָ־הום . . . (פאַרטיפט אין לייענען. ווערט ווידער אַנדרימלט).
סימע: (קומט אַריין, אָנגעטאָן אין מאַנטל, צום אַוועקגיין. ווינקט צו דער מוטער) ער שלאָפט ווידער? (רעדט שטיל צו איר) הער, מאַמע, טאָמער ברענגט דער קרעמער פאַרט אַריין אַ ברויטל און קאַרטאָפל, מעגסטו פונ־דעסטוועגן אַ קוק טאָן צי דאָס ברויט איז פריש און צי די קאַרטאָפל זענען ניט פאַרפוילט, ווייל איך נעם דאָס ניט געשענקט, נאָר איך וועל אים

באַצאָלן דערפֿאַר. פֿריער, ווען איך בין אַריין צו אים און אים געבעטן, האָט ער זיך געדרייט, ניט געוואָלט געבן. ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט זען, שפּעטער . . . נו, איז אויב ער וויל עס ניט געבן באַצייטנס, פֿאַר מיטיקצייט, אַז איך זאָל קאָנען געבן דעם קינד אַ פֿריש שטיקל ברויט אָף איבערבייס, דאַרף איך עס איצט אויך ניט . . .

אַלטע: דאָס איז דער אומגליק פֿון דער וועלט: די גוטהאַרציקייט האָט עפּשער די ווערט אַן אויסגעבלאָזן איי, אָבער רעקלאַמע וועט ער וועלן אַוואַדע פֿאַר אַ גאַנצן מיליאָן . . . אַזוי די קליינע, אַזוי די גרויסע . . .

סימע: און באַרעכן נאָר, מאַמע, זעקס יאָר האָב איך קעסיידער געקויפֿט ביי אים. ניט איין דאָלאַר האָט ער פֿאַרדינט ביי מיר. און איצט, אַז איך האָב אים געבעטן ער זאָל מיר אויסלייען, האָט ער געמאַכט אַזאַ מין ראַכמאָנעס־פּענימל און צום סאָף מיר געגעבן אַזעלכע פּראָדוקטן, וואָס איך האָב ניט געקאָנט נעמען. (לאַכט) ווייסט, מאַמע, איך האָב זייער צדאָקע אָװעקגעשטעלט אָף אַ וויסנשאַפֿטלעכער באַזע, אָף אַ געשעפֿטלעכן פּרינציפּ, אַזוי צו זאָגן. בין איך צעשמעטערט געוואָרן אונטער די רעדער פֿונעם לעבן — דאַרפֿסטו מיר העלפֿן; ביסטו צעשמעטערט געוואָרן — דאַרף איך דיר העלפֿן. נאָר אויב שוין יאָ העלפֿן, טאָ זאָל עס זיין ניט אַ צוגעוואָרפֿענע טויווע. העלף מיט אַ שמייכל! . . .

אַלטע: אַזוי וואָלט עס טאַקע געדאַרפֿט זיין, און אַזוי איז עס טאַקע געווען ביי די אַלטמאָדישע פּאָשעטע אידן. זיי האָבן געהאָלפֿן פֿאַרבאָרגענערהייט, אַז אַפֿילע דער געהאָלפֿענער האָט ניט געוואוסט פֿון וועמען עס קומט . . .

סימע: אַז איך גלויב ביכלאַל ניט אַז עס איז פֿאַראַן אַזאַ זאַך ווי צדאָקע. אָדער פֿאַרקערט: אַלץ איז צדאָקע. נעם, לעמאָשל, באַוועגונגען און רעגירונגען, צי אַפֿילע גאָר אַ דאָקטאָר. אַלע, אַלע לעבן זיי פֿון דעם וואָס מען נעמט צונויף ביי אַנדערע. ביי דעם — אַ דאָלאַר, ביי אַ צווייטן — מער, אָדער ווייניקער, אָבער יעדער איינער נעמט פֿון דעם אַנדערן. אָ, איך ווייס, וועסט מיר זאָגן — יענע אַרבעטן, דעריבער הייסט עס שוין ניט קיין צדאָקע, קיין נעדאָווע, נאָר אַרבעט־לוין . . .

אַלטע: זאָלסט מיר מויכל זיין, מיר זעט עס אויס ווי נאַרישע פֿילאָזאָפֿיע.

סימע: (לאַכט) קאָן זיין. אָבער דאָס לעבן שלעפּט אַריין אין טראַכטונגען און צי זיי זענען קלוג, אָדער נאַריש — עמעסדיק זענען זיי אָבער אַלע־מאָל. (זי פֿאַרריכט דאָס היטעלע קוקנדיק אין שפּיגל) זע נאָר, מאַמע, נאָך אַ שטיקל גליק וואָס אָפּן פּאָנים זעט זיך ניט אָן דער וואָרעם וואָס טאָטשעט אינעווייניק. וועל, גוד־באַי. (לאָזט זיך גיין).

אַלטע: גוד־באַי, טאָכטער, זיי מאַצליעך! . . .

גאָרדאָן: (קומט אַריין בעאיים סימע עפֿנט די טיר. סימע דערשרעקט זיך, טרעט צוריק היטערווייליעכץ) גוט מאָרגן! זעט אויס, אַז איך האָב גלייך

געטראָפן. (פאַלט אַריין אין אַ בענקל) בין איך עס מיד אַביסל, אוף!

סימע: אַ שפּאָר שטיקל וועג פון אייער אַפּיס אַהערצו. איך ווייס עס . . .

אַלטע: וואָס, איר זייט געגאַנגען צופוס אַזאַ מעהאַלעך? . . .

גאָרדאָן: ניין. דאַווקע געפאָרן אין מיין אויטאָמאָביל. אָבער איך ווער שטאַרק אויסגעמאַטערט. אָט דאָס, פאַרשטיי איך, איז אייער מוטער? . . .

סימע: יאָ, מיין מוטער . . .

גאָרדאָן: (באַטראַכט אַלץ אַרום זיך, דרייענדיק זיך אָפן בענקל) איר האָט דאָ, זע איך, גאַנץ פיינע צימערן. ניט אַזוי? . . .

סימע: די דירע איז גענומען געוואָרן נאָך מיט זעקס יאָר צוריק, ווען מיין מאַן האָט נאָך געאַרבעט און מיר האָבן ניט געקאַלעמט, אַז ער וועט אַזוי אויסקוקן. (ווייזט אָן אָפן מאַן).

גאָרדאָן: (טוט זיך אַ כאַפּ) אָ, גאַנץ גוט וואָס אייער מאַן איז אינדערהיים. צוליב אים בין איך טאַקע אַהערגעקומען . . .

סימע: (שמייכלט ביטערלעך) וואָס מיינט איר, מיס גאָרדאָן? מיין מאַן איז דאָך שטענדיק אינדערהיים, זינט דעם אומגליק . . .

גאָרדאָן: אַך, יאָ. גאָר פאַרגעסן, אַז ער איז אַ קראַנקער. (שטעלט זיך אויף, קוקט אַריין דורך דער אָפענער טיר אין צווייטן צימער, שפּאַצירט הין און צוריק, באַטראַכט יעדע קליינינקייט און רעדט געלאַסן) אָ, אַ פיין שלאָף־צימער ביי איך און גאַנץ רייכלעכע מעבל. ניט אַזוי? . . .

סימע: (אין פאַרלעגנהייט, שטאַמלט) יאָ... ניין... דאָס הייסט... דאָס איז נאָך פון די גוטע יאָרן, ווען ער האָט אַהיימגעבראַכט פּיידע . . .

גאָרדאָן: שלעכט געטאָן. שלעכט געטאָן! אַן אַרבעטער דאַרף ניט קויפן אַזעלכע גוטע מעבל. אַן אַרבעטער דאַרף קויפן ביליקערע זאַכן, און דאָס געלט אַוועקלייגן אָף שלעכטע צייטן, אָף אַ צייט פון קראַנקהייט . . .

אַלטע: נישקאָשע, עס האָט זיי ניט געפעלט. זיי האָבן געהאַט אָפּגעשפּאָרט אויך עטלעכע דאָלאַר. אָבער די קראַנקהייט האָט דאָך שוין אָפּגעקאָסט אַ גאַנץ פאַרמעגן. באַרעכנט: ער איז דאָך שוין קראַנק אַ שפּאָר שטיקל צייט, און דאָקטוירים האָבן ליב צו נעמען. אַ כוץ דעם האָט מען דאָך ביז איצט געלעבט דערפון און . . .

גאָרדאָן: (קוקט אין קיך) איר האָט שוין געהאַט אייער איבערבייס? . . .
(קומט צוריק) און וואו איז אייער אינגל? איין קינד האָט איר, ניט אַזוי?
(קוקט אין די פּאַפּירן אַריין) איין קינד . . .

סימע: יאָ, מיס גאָרדאָן, איין קינד . . .

אַלטע: ער איז אַוועק אין סקול אַריין . . .

גאָרדאָן: וועל, איך בין ספּעציעל אַהערגעקומען, ווייל איך דאַרף אויפנעמען עטלעכע פראַגעס מיט אייער מאַן.

סימע: ער איז איצט איינגעשלאָפן. ער שלאָפט דאָך ניט ביינאַכט . . .

גאָרדאָן: עס פאַרדריסט מיך, אָבער איר וועט אים דאַרפן אויפוועקן. אַנדערש וועט עס ווידער אָפּגעלייגט ווערן אַף אַ שטיק צייט . . .

אַלטע: עס וואָלט גלייכער געווען ווען איר רעדט מיט אים וואָס ווינציקער. דער דאָקטאָר האָט אָנגעזאָגט: וואָס מער רו און וואָס ווינציקער אויפ־רעגונג.

גאָרדאָן: איך גיי אים ניט אויפרעגן. איך דאַרף אים בלויז פרעגן עטלעכע קלייניקייטן און דאָס אַלץ . . .

סימע: די דאָזיקע קלייניקייטן קאָנען אים זייער פיל שלעכטס טאָן . . .

גאָרדאָן: ווי איר ווילט, מאַדאַם. איך קאָן באַשטיין עס אָפּצולייגן אינגאַנצן.

סימע: מיר דאַכט זיך, אַז אַלץ וואָס איז נאָר געווען צו וויסן, האָט איר זיך שוין ביי מיר דערוואוסט. דאַכט זיך, צענדליקער בויגנס פּאַפּיר האָט איר שוין פאַרשריבן פון מיינע ענטפערס . . .

גאָרדאָן: וועל, אַזוי דאַרף מען . . .

סימע: ווינציק וואָס איר האָט פאַרגאָסן מיין בלוט, דאַרפט איר נאָך צאַפּן אַביסל ביי אים דאָס בלוט . . .

גאָרדאָן: (שפּרינגט אויף) וואָסער כוצפּע איז דאָס, מיך צו באַליידיקן?!...

סימע: איך האָב אייך באַליידיקט? — כאָלילע! . . .

גאָרדאָן: וואָס זשע רעדט איר, בלוט, שמוט . . .

סימע: איך האָב ניט גערעכנט, אַז דאָס איז אַ באַליידיקונג . . .

גאָרדאָן: אַלזאָ, איך דאַרף רעדן מיט אייער מאַן.

סימע: אָבער איך בעט אייך, געדענקט, די קלענצטע אויפרעגונג קאָן אים קאָסטן זיין לעבן. דערצו נאָך קאָן איך אייך געבן די אייגענע אינפאָר־מאַציע וואָס ער אַליין. איך ווייס יעדע קלייניקייט . . .

גאָרדאָן: מיר האָבן אַזאַ געזעץ און אַזוי מוזן מיר האַנדלען. מיר טאָרן קיין פּעני ניט געבן איידער מיר וויסן ווער, וואָס, וואו; איידער מיר זעען...

סימע: ווי מיר דאַכט זיך, וואָלט מען אָפילע אַ מערדער ניט געדאַרפט מוטשען און אויספרעגן מער ווי איר האָט מיך אויסגעפרעגט . . .

גאָרדאָן: דינגט זיך ניט מיט מיר, מאַדאַם! איר וועט מיך לאָזן רעדן מיט אייער מאַן, אָדער ניט? פאַר מיר איז רעכט אויך אָן דעם . . .

אַלטע: (נעמט פאַרזיכטיק וועקן אייבן, שלעפנדיק די צייטונג פון זיין האַנט) אייב, מען איז געקומען דיך זען, פון דער צדאָקע־כעוורע! . . .

אייב: (שמייכלט מיט פאַרוואורף) מיילע, אַז איר פאַרשטייט אַזוי . . .

אַלטע: (פאַרשולדיקט) די פריילין וויל נאָר דורכאויס רעדן מיט דיר . . .

סימע: (דרייט זיך אַרום אויפגערעגט) דאַכט זיך, זיי האָבן מיך שוין אַזוי־פיל אויסגעפרעגט, אַז זיי האָבן שוין מיינע קישקעס איבערגעדרייט, און עס איז נאָך אַלץ ניט גענוג פאַר זיי . . .

גאָרדאָן: (שפּרינגט אויף פון בענקל) ווי מיר שיינט, האָב איך דאָ מער ניט

וואָס צו טאָן. איר קאָנט ניט דערוואַרטן, אַז מיר זאָלן זיך וואַרפן מיט אונדזער געלט, ניט וויסנדיק אַלע איינצלהייטן . . .

אַלטע: אָ־רייט, אָ־רייט, פרעגט, פרעגט, און זאָל שוין נעמען אַ סאָף, אַן עק. אָבער איך בעט אייך, מאַכט עס אַזוי קורץ ווי מעגלעך! . . .

גאָרדאָן: (טרוקן) מיר ווייסן וואָס צו טאָן און דאַרפן ניט אייערע אייצעס...

אַלטע: (שוין אַרויס פון געדולד) איך האָב ניט געוואוסט, אַז איר זענט אַזאַ גוואַלדיקע יאַכסנטע, וואָס קאָן ניט פאַרטראָגן קיין באַקאָשע . . .

גאָרדאָן: שנאָרערס וואָס איר זענט! ניט גענוג וואָס מיר שלעפן זיך צו אייך, באַדינען אייך און העלפן אייך, באַליידיקט איר נאָך אונדז . . .

סימע: (ווינקט דער מוטער זי זאָל שווייגן) נו, אָ־רייט, גייט שוין אָן מיט אייער אויספרעגן און פייניקן, אַבי גיט שוין דאָס שטיקל ברויט, וואָס מען האָט אייך איבערגעגעבן צום פאַרוואַלטן. זאָל שוין זיין שנאָרערס, זאָל שוין זיין וואָס איר ווילט נאָר אַליין . . .

אייב: יאָ, זאָל זי פרעגן. נישקאָשע, איך בין גענוג שטאַרק און קרעפטיק.

אַלטע: פונדעסטוועגן, אייב, שטרענג זיך ניט אָן צופיל! קאָנסטו ענטפערן אויף אַ פראַגע — ענטפער! קאָנסטו ניט — ענטפער ניט! . . .

גאָרדאָן: (הויבט זיך אויף, קוקט בייז אויף אַלעמען, רוקט איבער איר בענקל נעענטער צו אייבן, זעצט זיך) העללאָו, מיסטער . . .

אייב: (שמייכלט) מיין נאָמען ווייסט איר דאָך שוין געוויס . . .

גאָרדאָן: יאָ, די גאַנצע אינפאָרמאַציע וועגן אייך, ווי אייער נאָמען, עלטער, באַשעפטיקונג, וואו און ווען געבוירן — ווייס איך שוין. דאָס האָב איך אויסגעפרעגט אייער פרוי, קעדיי אייך איינצושפּאָרן די איבעריקע אומ־באַקוועמלעכקייט. עס זענען אָבער פאַראַן עטלעכע קלייניקייטן וואָס איך דאַרף אויסגעפינען פון אייך. אַשטייגער ווי . . .

אייב: ביטע, ביטע . . .

גאָרדאָן: איך דאַרף וויסן, צי האָט איר ניט קיין שום פריינט אין שטאָט? . . .

אייב: וואָס הייסט? זיכער האָב איך פריינט. איך בין דאָך ניט קיין הונט...

גאָרדאָן: קענט איר מיר געבן די אַדרעסן פון עטלעכע פון זיי? . . .

אייב: נאָך וואָס דען?

גאָרדאָן: מיר האָבן אַ געזעץ, אַז איידער מיר גיבן וועמען עס איז שטיצע, מוזן מיר אויסגעפינען פריער אַלע פּראַטים וועגן דעם מאַן און דערביי זען צי קאָן אַמאָל אַ פריינט ניט אַרויסהעלפן . . .

אייב: איר מיינט דאָך ניט צו זאָגן, אַז איר ווילט גיין צו די פריינט און . . .

גאָרדאָן: פאַרוואָס דען ניט? . . .

אייב: איין סיבע איז, וואָס איך האָב ניט אַזעלכע פריינט וואָס זאָלן קאָנען מיר העלפן. זיי אַליין זענען גוטע קאַבצאָנים . . .

גאָרדאָן: פון דעם אַביסל, פון אַ צווייטן אַביסל און . . . איר ווייסט דאָך . . .

אייב: אָבער דאָס מיינט דאָך, אַרומגיין און רעקלאַמירן מיך צווישן די פריינט מיינע, צו פאַרשוואַרצן מיר דאָס פּאָנים . . .

גאָרדאָן: איר קאָנט זיך טאַקע שעמען צו בעטן הילף בא זיי. מיר, אָבער, שעמען זיך ניט. מיר דערווייזן זיי אין אַ גאַנץ פיינעם וועג, אַז מען דאַרף העלפן אַ פריינט אין נויט. יעדנפאַלס, דאָס איז אונדזער געזעץ און איך קאָן דאָ גאַרניט העלפן זיך. איר וועט מיר מוזן געבן אַדרעסן פון עטלעכע פריינט אייערע . . .

אייב: צום באַדויערן, איז דאָס אַן אומױשערדיקע פאָדערונג און איך וועל אייך קיין אַדרעסן פון מיינע פריינט ניט קענען געבן . . .

גאָרדאָן: ווען מיר, צום באַדויערן, גאָרניט קענען טאָן פאַר אייך . . .

אייב: (בייסט די ליפּן, קוקט פאַרלוירן צו סימען) מיילע, אַז איר זענט די באַלעבאָסטע, וואָס קאָן איך זיך העלפן . . . נו, וואָס נאָך ? . . .

גאָרדאָן: יאָ, נאָך עפּעס: איר האָט דאָך באַלאַנגט צו עפּעס אַן אָרגאַניזאַציע, אַ סאָסייעטי, אָדער געזעלשאַפט. ניט אַזוי ? . . .

אייב: יאָ, באַלאַנגט, צו אַ קלוב.

גאָרדאָן: און זיי צאָלן דאָך געוויס קראַנקן־בענעפיט, ניט אַזוי ? . . .

אייב: ניין. צום באַדויערן. דאָס איז בלויז אַ קולטור־אָרגאַניזאַציע און ניט קיין אונטערשטיצונגס־פאַריין. דאָרט קומט מען זיך צונויף, מען לייענט, דיסקוטירט, מען שפּילט שאַך, דאַמקע און דאָס אַלץ . . .

גאָרדאָן: (טראַכט אַ וויַיל) איר האָט דאָרט זיכער אַ פּרעזידענט, אַ סעקרעטאַר . . .

אייב: יאָ, אַ סעקרעטאַר . . .

גאָרדאָן: איר וועט מיר דאַרפן געבן זיין אַדרעס.

אייב: נאָך וואָס גאָר זיין אַדרעס ? . . .

גאָרדאָן: איך וועל זיך דאַרפן זען מיט אים. איר פאַרשטייט, איידער מיר גיבן וועלכע עס איז שטיצע, מוזן מיר גענויער וויסן אַלע קלייניקייטן וועגן אונדזער קליענט. דעם כאַראַקטער, אויפפירונג און ענלעכס . . .

אייב: (לאַכט ביטער) כאַ־כאַ־כאַ, אַ שידעך טאָן קלייבט איר זיך מיט מיר, צי וואָס ? . . . דערצו נאָך איז יענער אַ ווילד־פרעמדער מענטש. וואָס ווייסט ער ? ווי לאַנג קען ער מיך דאָס אינגאַנצן ? . . .

גאָרדאָן: דאָס וואָס איך וועל אים פרעגן — ווייסט ער זיכער . . .

אייב: אָבער צו וואָס דאַרפט איר עס מיך אַזויפיל אַרומשלעפּן ? צו וואָס דאַרף דער סעקרעטאַר וויסן, אַז איך דאַרף הילף פון אייך ?

גאָרדאָן: דאָס איז ניט אַזוי געפערלעך . . .

אייב: פאַר אייך, פריילין, עפּשער טאַקע גאָרניט געפערלעך. פאַר מיר, אָבער . . . דעם אַדרעס וועל איך אייך שוין ניט געבן. איך קאָן עס ניט . . .

גאָרדאָן: ווי איר ווילט, מיסטער ! מיר צווינגען אייך ניט. מיר טוען איבער־

הויפט ניט קיין זאַך, וואָס איז קעגן דעם ווילן פון אונדזערס אַ קליענט. מיר גייען ניט אין ערגעץ אָן אייער צושטימונג. מיר מוזן אייך אָבער זאָגן, אַז אויב איר באַהאַלט עפּעס פון אונדז, קאָנט איר דאַן קיין שטיצע פון אונדז אויך ניט דערוואַרטן . . .

אַלטע: (צו סימען) ווי איז מיר, ווי זי פּייניקט דאָס אים! אַן עמעסע אינ־קוויזיציע, אַן עמעסע אינקוויזיציע, ווי דו זעסט מיך אַ לעבעדיקע . . .

סימע: זי וועט אים אומגליקלעך מאַכן. זי וועט אים אָפּקוילען . . .

אַלטע: אַ געזונטער קאָן דאָך פּלאַצן פון אַזאַ בלוט־צאַפּעניש, און דאָ . . . אָ, אַ קלאָלע אָף אייך! . . . (בייסט זיך די פויסטן, ניט אויסצושרייען).

גאָרדאָן: (שטעלט זיך אויף, ווי צום אָוועקגיין) גוט. געדענקט, אָבער, אַז איר זאָלט דערנאָך צו אונדז קיין טאַינעס ניט האָבן . . .

אייב: איך קאָן אָבער ניט פאַרשטיין פאַרוואָס האָט איר זיך אַזוי איינגע־שפּאַרט דאַווקע צו גיין זען די פאַרוואַלטונג פון מיין קלוב. וואָס דאַרפט איר דאָרט? וואָס קאָן די פאַרוואַלטונג דען טאָן פאַר אייך? . . .

גאָרדאָן: לויט מיין מיינונג, דאַרף דער קלוב, וואו איר האָט אַ שטיקל צייט באַלאַנגט, אייך איצט אַרויסהעלפן. זיי קאָנען דורכפירן פאַר אייך עפּעס אַן אונטערנעמונג, אַ בענעפיט אין טעאַטער, אַ ראַפל, אָדער . . .

אייב: איך וואָלט בעסער געוואָלט אויסגיין פון הונגער, איידער מען זאָל זיך אין קלוב אַרומשלעפּן צו שאַפן נעדאַוועס פאַר מיר . . .

גאָרדאָן: איך צווינג אייך ניט, מיסטער. איך צווינג אייך צו גאָרניט! אָבער מיר האָבן אונדזער געזעץ פריער אויסצוזוכן אַלע מעגלעכקייטן און ערשט דערנאָך, אַז מיר איבערצייגן זיך עס איז ניטאָ ווער עס זאָל העלפן, טוען מיר אונדזער פליכט . . .

סימע: (פּלאַצט אַרויס) אַפילו מעפּיסטאָפעל האָט ביי פאַוסטן ניט גע־פאָדערט אַזויפיל פאַר אומקערן אים די יוגנט, ווי איר פאָדערט פאַר געבן אַ קראַנקן דאָס ביסל מאַטעריעלע שטיצע! . . .

גאָרדאָן: (איראָניש) אָ, וואויל־געלערנטע, זע איך, זענט איר דאָ אַלע, אינ־טעליגענטע! . . .

סימע: מען דאַרף גאָרניט זיין וואויל־געלערנט צו פילן, אַז פאַר די עטלעכע פאַרדאַמטע דאָלאַר, וועלכע איר זענט גרייט צו געבן, ווילט איר, אַז דער נויטבאַדערפטיקער זאָל אייך דערפאַר פריער אָוועקגעבן זיין גאַנצן איך, זיין גייסט און נעשאָמע . . .

גאָרדאָן: ווי געזאָגט, מאַדאַם, מיר צווינגען ניט און פאַרלאַנגען גאָרניט. ווילט איר מיטאַרבעטן — גוט. אַנדערש קאָנען מיר גאָרניט טאָן! . . .

אייב: (לאָזט אַרונטער דעם קאָפּ) עך, גאָט! . . . (אַלע שווייגן געדריקט).

גאָרדאָן: מיר איז אַ שאָד אייער יונג קינד, אַנדערש וואָלט איך מער שוין ניט גערעדט צו אייך. שעמען זיך?! אַרעמעלייט טאָרן זיך ניט שעמען!...

אייב: יאָ, דאָס קינד, דאָס קינד . . . (מיטאַמאָל) גוט, איך וועל אייך געבן דעם אַדרעס פון סעקרעטאַר. גייט, זעט זיך מיט אים! . . .

גאָרדאָן: (זעצט זיך צוריק) גוט. אַזוי האַנדלט איר פּראַקטיש. איצט, נאָך איין זאַך און מיר זענען פאַרטיק. איצט וועל איך אָבער שוין מער ניט אויפנעמען מיט אייך קיין פראַגן. די אַנדערע זאַכן, וואָס איך האָב צו רעדן מיט אייך, ווי לעמאַשל, וועגן אויפגעבן און איבערבייטן די צימערן, נעמען קלענערע און ביליקערע — וועל איך לאָזן אויף אַן אַנדערש מאָל. איצט וויל איך אייך נאָר אָנזאָגן אָט וואָס: (זי קוקט אין דער זייט פון דער אַלטער) איר פאַרשטייט . . . מיר וועלן צושיקן הילף בלויז פאַר אייך, אייער פרוי און קינד. וואָס שאַיך אייער מוטער, וועט זי דאַרפן אַוועק אין אַ היים פאַר אַלטע לייט. זי וועט דאָ, צוזאַמען מיט אייך, ניט קאָנען בלייבן . . .

אייב: (נעמט אַזש ציטערן מיטן גאַנצן קערפּער) וואָס נאָך? . . .

גאָרדאָן: דאַכט זיך, אַז מער גאָרניט! יאָ, איר באַגרייפט דאָך מיסטאָמע, אַז איר וועט אונדז דאַרפן מעלדן וועגן יעדער זאַך וואָס איר וועט וועלן טאָן. איר וועט דאַרפן אונדז וועגן אַלעם אָנפרעגן . . .

אייב: (ברענט) אַזוי?! . . . אַ שקלאַף מוז איך ווערן ביי אייך?! . . . אַ פולשטענדיקער שקלאַף?! . . . איך וועל זיך ניט טאָרן באַוועגן אָן אייער גנעדיקער דערלויבעניש?! . . . נו, און דער מאַמען וועט איר אונדז אויך ניט דערלויבן צו האַלטן לעבן זיך?! . . . (קריצט מיט די ציין, ווערט אָנגעצונדן) צדאָקע, הייליקסטער געפּיל צום מיטמענטש, היפּאָ־קריטן! אָ, ווען איך זאָל אייך איצט קאָנען אַרויסזאָגן אַלץ וואָס איך דענק וועגן אייך און אייער גאַנצער צדאָקע־סיסטעם, וואָלט איך . . . נאָר דאָס קינד, דאָס אָרעמע קינד מיינס! . . . (נעמט קלאַפּן מיט די פויסטן אויף די אָנלען־הענטלעך פון רעדער־שטול) איר וועט מיך מעשוגע מאַכן, דער־מאָרדן! . . . (ער טוט זיך מיטאַמאָל אַ שטעל אויף, מאַכט אַ טראָט אויף פאָרויס, וואַקלט זיך, אָבער מאַכט נאָך אַ טראָט. אַלע שטוינען. מיס גאָרדאָן בלאַסט זיך און טרעט אָפּ אויף צוריק. אייב קוקט אויף זיך און באַ־טאַפּט זיינע פיס. נעמט מיטאַמאָל לאַכן, וויינען און ציטערן. ער שרייט אַזש אויס) סימע, מאַמע, מיינע פיס, זיי לעבן, זיי לעבן! איר זעט, מיס גאָרדאָן, זיי לעבן, מיינע פיס, איך לעב צוריק! . . . נו, וואָס האָט איר איצט וואָס צו זאָגן, מיס גאָרדאָן? (שטיל. מיטאַמאָל) אַרויס! אַרויס פון מיין שטוב! גייט אייך מיט אייער גוטהאַרציקער צדאָקע, מיט אייער גאַנ־צער פאַרשקלאַפנדיקער הילף! . . . אַוועקשיקן אונדזער מאַמע אין אַן אַנשטאַלט, אַליין זיך אַריבערקלייבן אין אַ קיוועור, אַז עס זאָל אייך ניט קאָסטן אַזויפיל צדאָקע, אַז עס זאָל בלייבן פאַר אייך געניג . . . (באַטאַפּט ווידעראַמאָל די פיס, מאַכט נאָך אַ טראָט) מאַמע, סימע, זעט, זיי זענען

ווידער וואַרעם, ווידער לעבעדיק, איך קאָן דאָך ווידעראַמאָל זיי נוצן! (צעוויינט זיך פֿריידיק) איך האָב דאָך צוריק מיינע פּיס, מיי־נע פּי־איס!... (ווידער צו מיס גאָרדאָן) נו, וואָס זשע שטייט איר נאָך דאָ? אַרויס! אַרויס, האָב איך געזאָגט, פֿון מיין שטוב, איר קאַלטבלוטיקע בלוט־טרינקער, בלוט־צאַפּער! איצט בין איך דאָך שוין פֿריי, איצט האָט זיך דאָך מיין צונג אויפֿגעבונדן און איך קאָן אייך פֿריי זאָגן וואָס איך דענק וועגן אייך און וואָס איר זענט אין דער עמעסן אונטער אייערע וואויל־טעטיקע מאַסקעס, — פּיאַווקעס! יאָ, איך בין זיכער, אַז ווען די אַלע אומגליקלעכע, וואָס זענען נעבעך אָפּהענגיק אין אייך, וואָלטן נאָר פֿריי געווען צו זאָגן וואָס זיי טראַכטן וועגן אייך און אייער וואוילטעטיקייט, — וואָלטן זיי אַלע איצט צוזאַמען מיט מיר אויסגעשריגן: פֿאַרשאָלטן זאָלט איר זיין, צוזאַמען מיט דער פֿאַרשאָלטענער אָרדנונג, וואָס האָט אייך באַשאַפֿן!...

גאָרדאָן: (נעמט זיך אַרויסרוקן אַף הינטערוויילעכץ, איז צעטומלט און דער־שראָקן, פֿאַרלירט אירע זאַכן, בייגט זיך אויפֿצוהויבן זיי און פֿאַרלירט דערביי אַנדערע) נו, איך האָב נאָך אַזעלכעס ניט געזען!...

סימע: אַוואַדע, אַז מען איז געוואוינט צו זען שפּיילעס און דערשלאָגנקייט, פּיין און צעוויטיקטקייט, דערפֿילט איר זיך ווי אויבערמענטשן. (זי מאַכט צו דער טיר נאָך מיס גאָרדאָן, און לויפֿט אַ וויינענדיקע צו אייבן) אָ, אייב, טייערער, אַ נעס, אַ נעס איז דאָך געשען און ניט צו פֿרי!...

אייב: האָסט דאָך געהערט, דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז אַן אויפֿרעגונג קאָן מיך אָדער דערהאַרגענען, אָדער צוריק געזונט מאַכן... נו, האָט די נאַטור אָפּאָנים געוואָלט אַזוי און איך בין צופֿרידן...

סימע: (זעצט אים אַוועק אַף אַ בענקל, קושט זיין קאָפּ און גלעט זיינע הענט) אָ, אייב, מיר זענען ווידער אומאָפּהענגיק, ווידער פֿרייע מענטשן!...

אַלטע: (וויינט) געלויבט דער אייבערשטער, אונדז געראַטעוועט פֿון אַזאַ מיעסער שאַנד, פֿון אַזאַ ווילדער אָפּקומעניש...

אייב: (נעמט אַרום סימען און די אַלטע) יאָ, טייערע מיינע, איצט וועל איך אָנהייבן אַף דאָס ניי, אַף דאָס ניי!... (שטעלט זיך אויף, מאַכט אַ טראָט און אַ צווייטן, וואָס ווייטער אַלץ זיכערער און לייכטער) ווידעראַמאָל וועלן מיר לעבן ווי אַ פֿרייע, אומאָפּהענגיקע פֿאַמיליע, און ניט זיין געצוואונגען צו פֿאַרהאַנדלען דעם גייסט צום מעפֿיסטאָפֿעל פֿון צדאָקע!...

אין שפּינס געוועב

[דראַמע אין 1 אַקט]

אין שפינס געוועב

(דראַמע אין 1 אַקט)

דעם הייליקן אָנדענק פון מיין פעטער זאַלמען־יאָסעף, מיין געליבטער קוזינע ראָכעלע, איר מאַן ליפען, און זייער טאָכטער בערטאַ, וועמען די נאַציס האָבן פאַרנומען פון זייער היים אין פאַריז און זיי ברוטאַל אומגעבראַכט.

אָנטיילנעמער אין דער שפּיל:

ראָכעלע ....אַ שטאַלטנע, שיינע פרוי פון אַ יאָר 55
ליפע ....איר מאַן, פון די זעלבע יאָרן
בערטאַ ....זייער זעלטן־שיינע טאָכטער, אין די צוואַנציקער
פיער ....בערטאַס אַמאָליקער שול־פריינט, אַ פראַנצויז
מאַיאָר גילקע ....נאַצישער אָקופּאַציע־אָפיציר
1טער סאָלדאַט }
2טער סאָלדאַט } ....פון דער געסטאַפּאָ
עטלעכע שטימעס פון דרויסן.

די סצענע שטעלט פאָר ראָכעלעס שיינע באַלעבאַטישע גאַסט־שטוב, אין פאַריז, אַ צייט נאָך דער נאַצישער אָקופּאַציע. עס איז צו דערקענען אַ געוויסע אָפּגעלאָזנקייט, ווי נאָך אַן איבערגעלעבטער דערשיטערונג.

אויף דער וואַנט הענגען בילדער, ווי דער אייפל־טורעם און ענלעכע, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר פאַריז. צווישן די בילדער — אַ פּאָרטרעט פון אַן אַלטן מאַן מיט אַ שניי־ווייס בערדל און זילבערדיקע האָר — ראָכעלעס פאָטער.

ראָכעלע זיצט אויפן דיוואַן מיט אַ קאָמפּרעס אַרומגעבונדן אַרום קאָפּ און איז פאַרוויינט. ליפע און בערטאַ שטייען לעבן איר, באַמיענדיק זיך זי צו באַרויקן.

אין שפּינס געוועב

בערטאַ: אָ, מאַמאַ־שערי, באַרואיק זיך דאָך, באַטראַכט זיך...

ליפּע: אַז וועסט זיך אַזוי אָפּלאָזן, וועסטו דאָך איינגאַנצן אַוועקפאַלן און דאַן גאָרניט קאָנען טאָן. און וועמען וועסטו דערמיט אַ טויווע טאָן?...

ראָכעלע: (וויינט) מיין לעבן איז שוין סיי ווי סיי קיין לעבן ניט מער. זינט זיי האָבן פאַרנומען דעם טאַטן, קאָן איך זיך קיין אָרט ניט געפינען. יעדע מינוט פון טאָג און נאַכט טראַכט איך נאָר וואָס דער טאַטע טוט איצט דאָרט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער... (ווייזט אפן פאָטערס פּאָרטרעט) ער איז דאָך שוין ניט קיין יונגערמאַן. ער דאַרף האָבן ספּעציעלע אויפּ־פּאַסונג און שפּייז... זיי וועלן אים דאָרט דעם טויט מאַכן!...

ליפּע: (שפּאַסיק, צו דערמוטיקן) אַז ראָכל זאָל וויינען איבער אירע קינדער, — האָב איך נאָך אין כיידער געלערנט. אָבער אַז ראָכל זאָל אַזוי וויינען איבער איר טאַטן, — האָט די טוירע ניט דערמאָנט אַפילע...

ראָכעלע: ווען די מעשוגענע הינט וואָלטן מיך בעסער געוועז צוגענומען, אנשטאָט דעם טאַטן, אָדער ווען זיי נעמען מיך צוזאַמען מיט אים...

ליפּע: אַ גרויס גליק וואָלט דיך געווען געטראָפן! נו, וואָס וואָלט געווען?...

ראָכעלע: אַזוי וועל איך עס ניט איבערטראָגן. איך וועל מעשוגע ווערן...

בערטאַ: פאַרוואָס זאָלסטו אַזוי רעדן, מאַמאַ־שערי? מיר טוען דאָך אַלץ וואָס מיר קענען אַף צו פאַרלייכטערן דעם זיידנס לאַגע דאָרט. פּיער האָט זיך אונטערגענומען אים יעדן טאָג צו באַזאָרגן מיט שפּייז און מיט וואַרעמע קליידער וואָס מיר שיקן און... פּיער האָט אויך געזאָגט, אַז ער האָפט עס וועט אים נאָך עפּשער געלינגען עפּעס אויפצוטאָן מיט געלט און אַרויסרייסן דעם זיידן פונעם לאַגער...

ליפּע: איך מיין, ראָכעלע, אַז ווען מיר האָבן אַזאַ טייערן, איבערגעגעבענעם און מענטשלעכן פריינט ווי פּיער, דאַרפן מיר זיך גאָרניט זאָרגן. ער וועט שוין טאָן אַלץ וואָס מען קאָן פאַרן טאַטן. פאָלג מיך, ראָכעלע...

ראָכעלע: וואָס העלפן די אַלע לאָגישע רייד, ליפּע, אַז זיי באַרואיקן ניט מיין גרויסע זאָרג און ווייטיק. איך ווייס איין זאַך: דער טאַטע איז איצט אַ געפאַנגענער באַ די נאַציס און זיין לעבן שטייט אין קאָן...

ליפּע: נו, און מיין לעבן, און דיין לעבן, און בערטאַס לעבן — אונדזערע אַלעמענס לעבנס — זענען דען ניט אין געפאַר? יעדע מינוט קאָנען זיי

קומען און אויך אונדז פאַרנעמען אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער...

ראַכעלע: מיך אָרט שוין גאָרניט! אַז דער טאַטע איז דאָרט, קאָן איך אויך זיין דאָרט. מיט וואָס בין איך עס בעסער פון אים?... יעדנפאַלס, דער־ווייל זענען מיר דאָך אין דער היים און זיכער מיט די לעבנס... דערצו זענען מיר פראַנצויזישע בירגער און זיי וועלן ניט וואַגן אונדז צו טשעפּען. מיר זענען פאַר זיי קיין געפאַר ניט...

ליפּע: (שמייכלט ביטער) ווייסט, ראַכעלע, אָפּטמאָל קוק איך אַף דיר און איך טראַכט, ביסט דאָך אַן אינטעליגענטע, פאַרשטענדיקע פרוי, וואָס באַ־גרייפט וועלט־זאַכן אַזוי קלאָר און דאַך, ווען עס קומט צו פּערזענלעכע זאַכן, ווערסטו פּאַשעט טויב און בלינד... ווילסט זיך איינרעדן, אַז צו דיר וועט עס ניט אָנקומען; אַז דיך וועט די פאַרפּלייצונג ניט טרעפן. פאַרגעסט אַפּאַנים ווער די נאַציס זענען און אַף וואָס זיי זענען פעאיק... היינט וועלן זיי נאָך עפּשער קיין אידן — פראַנצויזישע בירגער, ניט טשעפּען, ווייל עס לוינט זיך זיי מיסטאָמע ניט. אָבער מאָרגן, שפּעטער, ווען עס וועט זיך זיי יאָ לוינען, וועלן זיי ניט קוקן צי דו ביסט יאָ אַ פראַנצויזישער בירגער, אָדער ניט. זיי וועלן אַפילע ניט באַטראַכטן, צי דו ביסט זיי יאָ אין וועג, אָדער ניט...

בערטאַ: פּאַפּאַ איז גערעכט, מאַמאַ! ווייל וואָס, אַשטייגער, האָבן זיי געהאַט צום זיידן, צו אַן אַלטן מאַן פון 85 יאָר? וואָס האָט ער זיי געטאָן? וואָס וואָלט ער זיי געקאָנט טאָן ווען ער וויל אַפילע? פאַרוואָס האָבן זיי אים, אין זיינע אַלטע יאָרן, געדאַרפט אַרויסשלעפּן פון דער היים און אים אַריינוואַרפן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אַריין? זיי האָבן דאָך ניט גע־דאַרפט מוירע האָבן, אַז ער וועט נעמען אַ ביקס, אַ רעוואָלווער, און זיך שטעלן אַלס פּאַרטיזאַן, ווי אָנקל אַנרי, אַשטייגער, זיי צו באַקעמפן... ניין, מאַמאַ, די נאַציס טוען ניט לויט קיין לאָגיק. זיי טוען אַזוי ווייל זיי זענען נאַציס, פּאַשיסטן, מיעסע שפינען... איך זאָג דיר, מאַמאַ... (עס דערהערט זיך אַ קלאַפּן אין דער טיר) אַ, עס איז אַוואַדע פּיער... (זי גייט עפענען. טוט זיך אין שרעק אַ ציי צוריק).

גילקע: (קומט אַריין מיט צוויי סאָלדאַטן) בלייבט אַלע אַף אייערע פּלעצער! קיין איינציקן באַוועג זיך ניט טאָן, אָדער איר וועט אַפּן פּלאַץ גלייך דער־שאָסן ווערן!...

ראַכעלע: אוי, אַ ווייטיק איז מיר; וואָס איז ווידער? ווּעמען וויל ער איצט?... אוי, גאָט מיינער!... (פאַלט מיטן קאָפּ אַף צוריק, כאַלעשט).

בערטאַ: הער אָפיציר, זי איז אַ קראַנקע פרוי. דערלויבט נעמען וואַסער...

גילקע: (קוקט דורכדרינגלעך אַף בערטאָן) הםםם... זאַ איין שיינהייט!... גוט! (צו ליפּען) איר קאָנט גיין נעמען וואָס איר ברויכט! (ליפּע אָפּ מיט וועמען האָבע איך די ערע, פרויליין?...

בערטאַ: דאָס זענען מײַנע עלטערן. איך...

ליפּע: (קומט אַרײַן מיט וואַסער און מעדיצין, גיט איר) ראַכעלע, ראַכעלע...

גילקע: די גנעדיקע פֿרײַלין איז אָבער ניט געווען דאָ ווען איך האָב דאָ דעם ערשטן מאָל באַזוכט. ניכט וואַר?...

בערטאַ: ניין. איך האָב גראַד דאַן געהאַט דאָס גליק ניט צו זײַן אין הויז...

גילקע: שאַדע, שאַדע! וואָלטן זי דאַן יאָ געווען, קאָן זײַן, אַז איך וואָלט יעצט ניט געקאָמען מיט מײַן מיסיע. מיר וואָלטן שוין יעצט פֿיליכט געווען גוטע פֿרײַנט צווישן זיך און...

בערטאַ: אינטערעסאַנט, הער מאַיאָר. זייער אינטערעסאַנט...

ליפּע: איך גלויב, הער מאַיאָר, אַז דאָס איז ניט אײַער איצטיקע מיסיע בײַ אונדז. דעם אַלטן האָט איר דאָך שוין פֿאַרנומען, באַזאָרגט...

גילקע: ריכטיק! אַלזאָ, וואו איז אײַער שוויגער־ברודער, אַנרי? מיר האָבן אַ באַריכט, אַז ער האַלט זיך אויף דאָ בײַ אײַך אין הויז...

בערטאַ: עס איז אַ פֿאַלשער באַריכט, הער מאַיאָר. איר קאָנט זיך איבער־צייגן.

גילקע: (טוט אַ וואונק צו די סאָלדאַטן. יענע לאָזן זיך אין די אַנדערע צי־מערן זוכן) יאָ, ליבנסווירדיקע פֿרײַלין. מיר וועלן זיך דאָס גלײַך איבערצייגן... אָבער... צו וואָס דורכגיין די אומאַנגענעמלעכקייטן? איך בין גרייט אַלעס צו פֿאַרגעסן און אָוועקגיין פֿרידלעך פֿון דאַנען, און דאָס איז אינגאַנצן געווענדט אין אײַך, ליבנסווירדיקע פֿרײַלין...

בערטאַ: איך פֿיל זיך באַלד געשמײַכלט. וואָס דאַרף איך טאָן?

גילקע: (נעענטערט צו איר, נעמט איר האַנט) זי געפֿעלן מיר, פֿרײַלין. איך בין גרייט פֿאַר אײַך אַלעס צו טאָן...

סאָלדאַטן: (קומען צוריק אַרײַן) ניטאָ קיינער אין די אַנדערע צימערן, הער מאַיאָר!

גילקע: זאָ... נו, קאָנט איר מיר זאָגן וואו אַנרי געפֿינט זיך?

ראַכעלע: אין קלײנע געפּעליקייט...

ליפּע: שוין מאַנאַטן לאַנג אים ניט געזען. מיר ווייסן ניט...

בערטאַ: איר האָט אײַער ענטפֿער, הער מאַיאָר!

גילקע: איך נעם אײַער וואָרט, גנעדיקעס פֿרײַלין! (טוט אַ וואונק צו די סאָלדאַטן און יענע גייען אַרויס) אַלזאָ, פֿרײַלין, קאָנען מיר פֿיליכט ווערן גוטע פֿרײַנט? איך בין גרייט צוליב אײַך ניט נאָר אַלעס פֿאַרגעסן, נאָר אויך באַפֿרײַען דעם אַלטן מאַן. איר וועט מיר בלויז דאַרפֿן פֿאַרשפּרעכן צו ווערן מײַן פֿרײַנט, מײַן געליבטע און...

בערטאַ: (איראָניש) דאָס אַלץ? ווירקלעך ניט קיין גרויסער פֿאַרלאַנג...

גילקע: איר וועט דערמיט קויפֿן די זיכערקייט פֿון אײַער גאַנצער פֿאַמיליע!

ליפּע: (צו ראַכעלען) וואָס שמייכלט ער עס אַזוי צעגאָסן צו בערטאַן?

ראַכעלע: אַז שמייכלען זאָל ער שוין צום מאַלעך־האַמאָוועס, גאָט אין הימל...

גילקע: אַלזאָ, גנעדיקעס פרוילײן, איך דערוואַרט אייער ענטפער... (פויזע) אָ, איך פאַרשטיי, עס איז געקומען צו אומגעריכט און איר דאַרפט צייט אַף איבערטראַכטן. גוט. וועל איך אייך געבן דערויף גענוג צייט. איך וועל שפּעטער זיך אומקערן און איך האָף, אַז ביז דאַן וועט דאָס ליבנס־ווירדיקע פרוילײן האָבן איינגעזען די גאָלדענע געלעגנהייט...

בערטאַ: איר האָט זיך ניט וואָס צו באַמיען, הער מאַיאָר...

גילקע: (קלאַפּט אָן אַ שטיוול אין צווייטן, סאַלוטירט) אַף ווידערזען, פרוי־לײן בראַון! אַף ווידערזען! אַדיע, הערשאַפטן!... (אָפּ).

ראַכעלע: אַז ברעכן זאָלסטו דאָרט דעם קאָפּ מיט די פיס!

ליפּע: אָמיין, גאָט אין הימל!... (מיטאַמאָל) נו, איצט זעסטו שוין, ראַכעלע? די שפּין פאַרוואָרפט איר געוועב אַלץ געדיכטער און ענגער. אָט־אָט און מיר אַלע וועלן אַרייַנגעכאַפּט ווערן אין דעם געוועב...

ראַכעלע: איך זע, איך ווייס, אָבער וואָס ווילסטו האָבן פון מיר?...

ליפּע: איך וויל, מיר ווילן, אַז דו זאָלסט קומען צום סייכל און געזונטן פאַר־שטאַנד. מיר ווילן, אַז מיר אַלע זאָלן אַוועק פון פאַריז קאָל־זמאַן עס איז נאָך פאַראַן צייט און איידער זיי קומען אונדז פאַרנעמען און אַריינוואַרפן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אַריין, אָדער אונדז גאָר אַוועקשיקן קיין פוילן צום אומגעבראַכט ווערן...

ראַכעלע: עס איז אומזיסט דאָס רעדן, ליפּע. די נאַציס וועלן אונדז פאַנגען וואו מיר זאָלן ניט זיין. דערצו וועל איך דעם טאַטן ניט איבערלאָזן אַליין. קאָל־זמאַן ער איז אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, וועל איך ניט אַוועק פון דאַנען. איך וועל אין ערגעץ ניט פאָרן...

ליפּע: איך פאַרשטיי ניט. וואָס האָט איינס צו טאָן מיטן אַנדערן?...

ראַכעלע: אַז מיר זענען אין פאַריז, קאָנען מיר כאָטש דעם טאַטן צוזען, אים העלפן מיט שפּייז און וואַרעמע קליידער... זיי האָבן דאָך אים צוגענומען אַזוי ווי ער איז געווען אָנגעטאָן און אים ניט געלאָזט מיטנעמען דאָס מינדסטע מיט זיך... אַז מיר זענען אין פאַריז, קאָנען מיר נאָך האָפן, אַז עפּשער וועט פיערן געלינגען מיט געלט אים אויסצוקויפן פון דאָרט... אַז מיר זענען אין פאַריז... (עס דערהערט זיך אַ שטילער, דרייפאַכיקער קלאַפּ אין טיר) שאַ, מען קלאַפּט! ווער קאָן דאָס איצט זיין?

בערטאַ: (גייט עפענען) דאָס איז פיער. איך דערקען זיין קלאַפּן. (עפנט די טיר).

פיער: (קומט אַריין ווי פון וועג) גוטן אָוונט, בערט־שערי! (קושט איר האַנט) און וואָס מאַכט מאַמאַ?...

ראַכעלע: (פון ווייטן) אַ דאַנק, פיער! וואָס מאַכט מיין טאַטע? איר האָט אים צוגעשטעלט די שפּייז, די וואַרעמע קליידער?...

פּיער: (גייט צו. נעמט איר האַנט) אַלץ באַזאָרגט, מאַדאַם בראַון! (קושט איר האַנט) אַלץ איז אין אָרדנונג. זאָרגט זיך גאָרניט!...

ראַכעלע: (אומגעדולדיק) פּיער, טייערער פריינט מיינער, ווי זשע זעט ער אויס, דער פּאַפּאַ מיינער? וואָס מאַכט ער? האָט איר אים געזען?...

פּיער: ניין, מאַדאַם בראַון, געזען האָב איך אים ניט. איך אַליין, פאַרשטייט זיך, קאָן דאָך ניט צוקומען צו אים. אָבער דער מאַן, וועלכער גיט אים איבער די זאַכן — אַ פראַנצויזישער וועכטער — האָט מיך פאַרזיכערט, אַז אַלץ איז אין אָרדנונג און אַז אייער פּאָטער האָט אייך געהייסן איבער־געבן, איר זאָלט זיך גאָרניט זאָרגן וועגן אים; אַז ער איז דאָרט ניט אַליין, נאָר צוזאַמען מיט נאָך הונדערטער אַזעלכע ווי ער און אַז ער פילט זיך פריילעך, מונטער... ער האָט דערביי שטאַרק געבעטן אייך איבערצוגעבן, אַז איר זאָלט זען זיך גלייך באַוואָרענען, אַוועק פון הויז, קעדיי ניט אַריינצופאַלן אין די נאַצישע לאַפּעס...

ראַכעלע: (פּלאַצט אויס אין געוויין) אומגליקלעכער טאַטע מיינער! דאָס האָט ער געגעבן אַזאַ אָנצוהערעניש, אַז עס איז אים דאָרט ביטער און שלעכט. אומגליקלעכער אַלטער טאַטע מיינער!... (יאָמערט).

ליפּע: (לויפט צו) ראַכעלע, וואָס טוסטו? וואָס טוט זיך מיט דיר?...

בערטאַ: פאַרוואָס, מאַמאַ, זאָלסטו אַזוי אויסטייטשן? אַוואַדע איז דאָרט ניט קיין רעזאָרט־האָטעל! אָבער דער זיידע האָט זיכער געמיינט וואָס ער האָט געזאָגט, אַז מיר זאָלן זיך ראַטעווען און אַוועק פון פּאַריז...

פּיער: ריכטיק! ריכטיק ווי גאָלד! אַזוי האָט ער טאַקע געזאָגט!...

ראַכעלע: איר ווילט מיך באַרואיקן, גוטער פּיער?!...

פּיער: דאָס אויך, מאַדאַם בראַון. אָבער דער וועכטער האָט מיר אַזוי איבער־געגעבן. אייער פּאַפּאַ וואָלט זיכער ניט געוואָלט, אַז אויך איר זאָלט דאָרט זיין... ער ווייסט, אַז איר וועט אים מיט דעם גאָרניט העלפן...

ליפּע: רעד היינט, רעד מאָרגן, אַז ראַכעלע האָט איר אָפּגעמאַכטן געדאַנק...

בערטאַ: ווייסט, פּיער, מיר האָבן נאָר וואָס געהאַט אַ נייעם באַזוך פון דער געסטאַפּאָ. מען איז געקומען זוכן ביי אונדז דעם אָנקל אַנרין...

פּיער: אַזוי? (פויזע) אָ, יאָ, איך האָב טאַקע אַ בריוו פון אַנרין. ערשט איצט, ווען איך בין אַהיימגעקומען, האָב איך דעם בריוו אין הויז געפונען. היינט אינדערפרי אָנגעקומען...

ראַכעלע: פון מיין ברודער? פון דאָרף? וואָס זשע שרייבט ער, פּיער?...

פּיער: איך האָב דעם בריוו ניט געעפנט. ער איז דאָך אַוואַדע פאַר אייך...

ליפּע: האָב געדולד, ראַכעלע. מיר וועלן איבערליינען, וועלן מיר וויסן...

ראַכעלע: אַי, איך ווייס גאָרניט, פּיער טייערער, וואָס מיר וואָלטן דאָ גע־קאָנט טאָן אָן אייך, אָן אַזאַ גוטן פריינט ווי איר... ווי וואָלטן מיר עס איצט געקאָנט שטיין אין פאַרבינדונג מיט מיין ברודער, ווען איר וואָלט

ניט גענומען אַף זיך צו קריגן זיינע בריוו אַף אייער אַדרעס...

פּיער: ניין, איך וועל דערלאָזן, אַז ער זאָל שרייבן אַף אייער אַדרעס, קעדיי די נאַציס זאָלן קאָנען איבערנעמען די בריוו און זיך דערוויסן וואו ער און זיין פאַמיליע באַהאַלטן זיך אויס פון זיי...

ראַכעלע: איך ווייס ניט, פּיער טייערער, ווי, ווען און ווי אַזוי מיר וועלן אייך קאָנען אָפּדינען פאַר אייער פריינטלעכער געפעליקייט...

פּיער: אייער גוטפריינטשאַפט, מאַדאַם בראַון, וועט פאַר מיר זיין די בעסטע און אַנגענעמסטע באַלוינונג...

ליפּע: (גיט פּיערן די האַנט) אַזעלכע פריינט ווי איר, פּיער, איז דאָס סאַמע בעסטע וואָס אַ מענטש אין נויט קאָן זיך ווינטשן. איך דאַנק אייך!

בערטאַ: (גיט פּיערן די האַנט. קוקט מיט וואַרעמער ליבשאַפט אַף אים) מערסי, פּיער! גראַנ־מערסי! איך וועל עס דיר קיינמאָל ניט פאַרגעסן...

פּיער: רעד ניט וועגן דעם, בערט! (קושט מיט ליבשאַפט איר האַנט) דו ווייסט מיינע געפילן צו דיר און אַז איך בין גרייט מיין לעבן פאַר דיר צו געבן... (צו אַלעמען) איצט וועל איך אייך מוזן איבערגעבן אַ צווייטע נייעס. עמעס, ניט אַזאַ אַנגענעמע און פריילעכע, אָבער איר וואָלט זיך מאָרגן סיי ווי סיי אַליין דערוואוסט וועגן דעם...

ראַכעלע: (דערשראָקן) וואָס איז געשען, פּיער? וואָס איז געשען?...

פּיער: דאָס וואָס עס איז געווען צו דערוואַרטן פריער אָדער שפּעטער... די מאָרגנדיקע ציטונגען וועלן האָבן אַ מעלדונג פון דער נאַצי־קאָמאַנדע, אַז זיי האָבן באַשלאָסן זיך איצט אַ נעם טאָן צו די אידן וואָס זענען פראַנצויזישע בירגער, און אַז זיי וועלן אַרעסטירן יעדן פרעמד־גע־בוירענעם, ניט געקוקט ווי לאַנג ער געפינט זיך אין פראַנקרייך...

ליפּע: הייסט עס, אַז די הינט האָבן זיך ענדלעך אָפּגעריסן פון דער קייט?...

פּיער: אַזוי זעט עס אויס, מאָנסיור בראַון...

בערטאַ: מיינט דאָס אויך מיך, פּיער?...

פּיער: ווער ווייסט זיי, די נאַציס, און זייערע אויסטייטשונגען? בא זיי קאָנסטו אויך הייסן אַ פרעמדער איד, כאָטש דו ביסט געבוירן געוואָרן אין פּאַריז... אָבער ווי די זאַך זאָל ניט זיין, וואָלט איך, ווען איך בין אַף אייער פּלאַץ, מער קיין שאַנסן ניט גענומען און וואָלט נאָך היינט, ווי לאַנג עס איז נאָך צייט פאַראַן, אָפּגעצויגן פון דאַנען און זיך געראַטעוועט. (פּויזע) מיין ברודער וואָלט זיכער מיט פאַרגעניגן אויך אייך איינגעאָרדנט ביי אַ פּויער אין דעם ניט־אָקופּירטן טייל, ווי ער האָט איינגעאָרדנט אַנרין מיט זיין פאַמיליע... איך גלויב, אַז ווי שווער עס איז, קאָן מען זיך דאָרט נאָך אויסבאַהאַלטן פון די נאַציס און לעבן מיט דער האָפנונג, אַז ווען זיי וועלן קריגן זייער פאַרדינטע מאַפּאַלע, וועט מען זיך לעבעדיקע צוריקקערן צו די אייגענע וואוין־פּלעצער און אָנהויבן אַף דאָס ניי...

ליפּע: נו, הערסט כאַטש, ראַכעלע? וואָס זאָגסטו איצט?...

ראַכעלע: (היסטעריש) לאָזט מיך אָפּ! קאָל־זמאַן דער טאַטע געפינט זיך אינעם לאַגער, וועל איך ניט אַוועק פון דאַנען! דו הערסט? (שפּרינגט אויף מיט געוויין) פּייניקט מיך ניט! פּייניקט מיך ניט!... (לויפט אָפּ).

ליפּע: (לויפט איר נאָך) ראַכעלע, איך האָב דאָך גאָרניט געמיינט, באַרויִק זיך, ראַכעלע!...

פּיער: אַזאַ איבערגעבנקייט פון טאָכטער צו פאָטער, איז זעלטן צו זען...

בערטאַ: מאַמאַ האָט ביכלאַל אַ פּאַטאַלאָגישע איבערגעבנקייט צו יעדן וועמען זי האָט ליב. זי וועט בעשום אויפן ניט איינגיין אַף אַוועקצופאָרן...

פּיער: וואָס זשע וועט זיין מיט זיי? מיט דיר?... בערט, וואָס וועט זיין?...

בערטאַ: איך ווייס ניט, פּיער. איך קאָן אַפילע ניט טראַכטן. איך בין אינגאַנצן דערשיטערט. איך האָב עס דיר נאָך ניט געזאָגט, אָבער... ווען דער נאַצי־פּאַטראָל איז דאָ פריער געווען זוכן אָנקל אַנרין, האָט דער נאַצי־אָפיציר, מאַיאָר גילקע, געוואָרפן אַף אויג אַף מיר... איך בין אים שטאַרק געפעלן און ער האָט מיר געמאַכט אַ שענדלעכן פאָרשלאַג, אַז איך זאָל ווערן זיין פריינדין, זיין... (פאַרשטעלט זיך די אויגן) אַ, פּיער, ער האָט מיר געמאַכט דעם נידערטרעכטיקן פאָרשלאַג אין אויסבייט פאַר אונדזער אייגענער פרייהייט, פאַר דער באַפרייאונג פון זיידן און... וואָס טוט מען פּיער? ער וועט נאָך הייגט זיין צוריק נאָך מיין ענטפער...

פּיער: (קוקט איר אין די אויגן) מיינסט מיר צו זאָגן, אַז דו ווייסט ניט וואָס פאַר אַן ענטפער אים צו געבן?...

בערטאַ: ניין, פּיער. מיין ענטפער האָט ער שוין געקראָגן און וועט אים ווידער קריגן. אָבער... ער איז אַ נאַצי. דו ווייסט וואָס דאָס מיינט...

פּיער: דו מוזט אַוועק פון הויז, בערט! דו מוזט זען כאָטש זיך אַליין צו ראַטעווען!...

בערטאַ: (מיט ליבן פאַרוואורף) דערוואַרטסט דאָך ניט, פּיער, אַז איך זאָל מיין מוטער וּוינציקער ליב האָבן ווי זי — איר פאָטער...

פּיער: וואָס זשע וועט זיין, בערט? איך מיין... דו, איך... (פּויזע) עפּשער וואָלט געווען אַ פּלאַן, מיר זאָלן איצט רעדן אָפן מיט דיינע עלטערן, זיי דערקלערן אונדזער פעסטן באַשלוס כאַסענע צו האָבן און...

בערטאַ: איך זאָג דאָך דיר, פּיער, אַז איך ווייס ניט. איך ווייס גאָרניט...

פּיער: (פעסט) יאָ, איך גלויב, אַז איצט. דער פאַקט וואָס גילקע האָט געמאַכט אַזאַ שענדלעכן פאַרשלאָג, וועט עפּשער ביי דיין מאַמאַ אָפּשוואַכן די קעגנערשאַפט, אַז דו זאָלסט כאַסענע האָבן מיט מיר — אַ ניט־איד...

בערטאַ: אַ, פּיער, ווי איר קענט ניט דעם אידישן געדאַנקען־גאַנג...

ליפּע: (פירט אַריין ראַכעלען, זעצט זי צוריק אָפן דיוואָן) נו גוט, ראַכעלע, וועל איך שוין מער ניט רעדן וועגן דעם. איך קאָן באַשטיין צו זיין דאָרט

וואו דו ווערסט זיין און גיין אין לאַגער צוזאַמען מיט דיר...

ראָכעלע: איך דאַנק דיר, ליפּע, איך דאַנק דיר! אָ, ליפּע!... (טוליעט זיך צו אים).

פּיער: מאַדאַם בראַון, הערט וואָס איך האָב באַטראַכט. צוליב דער ניי־געשאַפענער לאַגע און אין אַנזיכט וואָס איר ווילט ניט אַוועק פון דאַנען, ווייל איר ווילט זיין זיכער אַז אייער פאָטער וועט ניט זיין פאַרלאָזן, — וואָלט איך וועלן פאָרשלאָגן, אַז איר און מאָנסיור בראַון זאָלן איבערגעבן בערטאַן די זאָרג פאַר אייער פאָטער און איר אַליין זאָלט גלייך אַוועקפאָרן פון פּאַריז אַף איבער דער צייט...

ליפּע: נו, און וואָס וועגן בערטאַן?

פּיער: זי, ווי אַ הי־געבוירענע, וועט מער־ווייניקער זיין באַשיצט ווען זי זאָל בלייבן אין פּאַריז און אויפּפּאַסן אַף אייער פאָטער...

ראָכעלע: וואָס מיינט איר, פּיער, זי זאָל דאָ בלייבן? וואו? מיט וועמען?...

פּיער: איך מיין, אַז בערט, נו... זאָל בלייבן מיט מיר... (מיטאַמאָל) אָ, צוליב וואָס רעדן פון דער זייט? איר ווייסט, מאַדאַם בראַון, מיינע געפילן צו בערטאַן... איר ווייסט ווי ליב מירביידע האָבן זיך און אַז...

ראָכעלע: אָ, דאָס?!...

פּיער: איך האָב, אייגנטלעך, ניט געוואָלט פאַרברענגען די פראַגע אין דער איצטיקער געדריקטער שטימונג. אָבער אַז עס האַנדלט זיך שוין איצט אין בערטאָס פּערזענלעכער זיכערקייט, טאָר איך עס לענגער שוין ניט אָפּלייגן. עס איז פאַר בערטאַן געפערלעך דאָ צו בלייבן...

ראָכעלע: (פאַרשטעלט די אויגן) אָ, פּיער, פאַרוואָס האָט איר עס איצט גע־דאַרפט פאַרברענגען? איר ווייסט, מיין באַציאונג צו אייך איז ווי צו אַן אייגענעם זון. און איך וויל אייך פאַרזיכערן, אַז וואָלט איר מיט אָט דעם פאָרשלאָג געקומען צו אונדז מיט עטלעכע יאָר צוריק, וואָלט איך — ווי שווער דאָס וואָלט ניט געווען פאַר מיין אייגענעם געוויסן און איבער־הויפּט צוליב מיין אַלטן רעליגיעזן פאָטער — נאָך עפּשער געקאָנט באַ־וואויגן ווערן צו געבן מיין צושטימונג און מיין בראָכע. דעמאָלט האָט זיך נאָך אונדז אידן געקאָנט אויסדאַכטן, אַז די מענטשלעכע געאולע איז שוין געקומען; אַז די מענטשן פון פאַרשידענע פעלקער און גלויבנס האָבן שוין פאַרוואָרפן זייערע אַלטע פאָראורטיילן און אָפּגעשאַפט די גע־קינצלטע באַריערן צווישן זיך... היינט, אָבער, זינט דעם פאַשיזם, נאַציזם, זינט...

פּיער: וועגן זיי רעדן מיר דאָ ניט. זיי זענען אויסגעשלאָסן פון דער מענטש־הייט, פון דער ציוויליזירטער געזעלשאַפט...

ראָכעלע: אָבער דערווייל באַהערשן זיי אַ וועלט...

פּיער: ניט אַף לאַנג, מאַדאַם בראַון, ניט אַף לאַנג! אינגיכן וועט די וועלט

צעשמעטערן די נאַצי־שפּין און די וועלט וועט ווידער פריי זיין !...

ראַכעלע: אָבער דערוויילע, היינט, קאָן איך באַ זיך ניט פּועלן, אַז מיין טאָכ־טער, מיין קינד, זאָל כּאַסענע האָבן מיט אַ ניט־אידן און ברענגען אויף דער וועלט ניט־אידישע קינדער, וואָס וועלן אונטער געוויסע אומשטענדן פּאַגראָמירן די קינדער פון מיין אידישן ברודער אַהרן און אַנדערע פון מיין פאָלק. איך קאָן עס ניט, פּיער, איך טאָר עס ניט...

פּיער: מיר האָבן זיך אָבער ליב, מאַדאַם בראַון. שטאַרק ליב !...

בערטאַ: אָ, מאַמאַ־שערי, דו רעדסט ווי אַן אַלטמאָדישע, פאַנאַטישע פרוי...

ראַכעלע: קאָן זיין. אָבער דער נאַציזם און זיינע ראַסן־טעאָריעס האָבן גאָר אַ גרויסע שולד אין מיין רעאַקציע. פּיער, איר ווייסט ניט אין וואָסער סוויווע איך בין געבוירן און דערצויגן געוואָרן. איר זעט ? (ווייזט אויפן פּאָטערס בילד) ווען אָט דער אַלטער וואָלט געוואָלט ברענגען אַ קליינעם קאָרבן אין זיין רעליגיעזן פּרינציפּ און אָפּגאָלן דאָס בערדל, וואָלט ער אַוודאי נאָך איצט געווען מיט אונדז דאָ. געזאָגט האָט ער אָבער, אַז די נאַציס קאָן מען אָפּנאַרן, אָבער ניט זיין גאָט און געוויסן...

פּיער: איך האָב דעם גרעסטן דערעך־ערעץ פאַר אים דערפאַר. אָבער וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט מיר ? מיט בערטאָן ?... און ווידער, עמעס, איך אַליין בין טאַקע געבוירן אַ ניט־איד, אָבער פּונקט אַזוי בין איך דאָך אויך אַ ניט־קריסט. מיין רעליגיע איז צו אַרבעטן פאַר אַ פרייער, גליקלעכער מענטשהייט. בערטאַ איז אויך ניט שטרענג־רעליגיעז. דאָס ביסל אידישע טראַדיציע וואָס זי פאַרמאָגט, וועט זי אומגעשטערט קאָנען אָפּהיטן זייענ־דיק מיין פרוי. איך וועל עס איר ניט שטערן... (שעמעוודיק אומבאַקוועם) נו, און וועגן די קינדער ? — בערטאַ וועט קאָנען דערציען אירע, אונדזערע קינדער, ווי זי וועט וועלן און פאַרשטיין. זי וועט זיי אַפילע קאָנען אויס־האָדעווען אַלס אידן...

ליפּע: איך מיין, ראַכעלע, אַז איצט, דאַווקע צו לעהאַכעס די נאַציס, וואָלטן מיר זיך ניט געדאַרפט שטעלן קעגן בערטאַס כּאַסענע האָבן מיט אַזאַ פיינעם יונגנמאַן ווי פּיער איז — קימאַט אַ איד...

ראַכעלע: דאַרפסט מיך ניט איבערצייגן וועגן פּיערן. אַלעוואַי וואָלט ער נאָר געווען אַ אידישער באָכער, ווי איך וואָלט אים איצט צוגעדריקט צו מיין האַרצן און וואָלט אים געבענטשט פאַר דער זכיע וואָס ער האָט ליב מיין, אונדזער טאָכטער. אָבער ליפּע, מיר זענען פאָרט אידן און ער...

בערטאַ: (זעצט זיך לעבן דער מוטער, נעמט זי אַרום) אָ מאַמאַ, מאַמאַ־שערי, זיי דאָך ניט אַזוי שטרענג. איצט, ווען עס איז אַ פרייד צו האָבן אַזאַ פאַר אַ פריינט, איז אויך אַ גליק צו האָבן אַזאַ פאַר אַ מאַן...

פּיער: מאַדאַם בראַון, אַז איר שטעלט זיך קעגן בערטאַס כּאַסענע האָבן מיט אָט דעם ניט־אידן, וועט ער ווידער בעטן און וואַרטן. אָבער דער נאַצי־

מאַיאָר גילקע, ער וועט ניט בעטן אייער דערלויבעניש. ער וועט נעמען בערטאַן קעגן אייער, קעגן איר ווילן...

ראַכעלע: (מיט פּיער) גילקע? דער נאַצי? ניט דערלעבן וועט ער דאָס, פּיער!

פּיער: דאָס ווייס איך. איך פאַרזיכער איך, אַז די מינוט וואָס ער וועט נאָר וואָגן לייגן זיין שמוציקע לאַפּע אַף איר, וועל איך אים...

ראַכעלע: איך וועל זי ליבערשט זען אַ טויטע, איידער גילקע זאָל זי האָבן. איך וואָלט אים מיט מיין אייגענער האַנט דערשטיקט...

בערטאַ: און גילקע האָט געזאָגט, אַז ער וועט נאָך היינט זיין דאָ. ער שפּילט נאָך די ראָלע פון אַן איידלמאַן, וויל איך אַליין זאָל איינשטימען...

ליפּע: דאָס הייסט נאַצישע כוצפּע!... אַזאַ שפּין!... און ווען ער זאָל אַפילע זיין דער לעצטער מאַן אַף דער וועלט!... (עס דערהערט זיך אַ קלאַפּ אין דער טיר) אויב דאָס איז אַמאָל ניט טאַקע ער אַליין. אַז מען רעדט וועגן טייוול — קומט ער געוויינטלעך... (צו פּיערן) פּיער, גייט אַריין אין אַנ־דערן צימער. אויב דאָס איז טאַקע ער, איז געזינטער, אַז ער זאָל אייך ניט טרעפן ביי אונדז דאָ...

פּיער: (נעמט גיין. טאַפּט זיך אין זייט־קעשענע) איך וועל אים ווי אַ הונט דערשיסן. איך וועל אים...

בערטאַ: (באַגלייט אים צו דער טיר) זיי ניט איבעראײַלט, פּיער. זיי ניט איבעראײַלט, איך בעט דיך. וועסט דערמיט ערגער מאַכן פאַר אַלעמען...

ליפּע: (גייט עפענען) ווער איז דאָרט?...

גילקע: דאָס בין איך, הער בראַון, מאַיאָר גילקע!...

ליפּע: (עפנט די טיר, לאָזט אים אַריין) איך האָף, הער מאַיאָר, אַז אייער איצטיקער באַזוך איז ניט קיין אָפיציעלער, אונדז צו פאַרנעמען אין לאַגער אַריין, ווי אונדזער אַלטן פאָטער...

גילקע: זייט באַרואיקט, הער בראַון. עס איז אַ ריין־פריידלעכער און פּריוואַט־לעכער באַזוך... אָט איז אַ באַשטעטיקונג! (דערלאַנגט בערטאַן אַ בוקעט בלומען) גוטן אָוונט, ליבעס פרוליין, מיינע קאָמפּלימענטן!... (פּויזע. שטייט ווי אַ פאַרלוירענער) נו, מיינע הערשאַפטן, וועט איר מיך איינלאַדן צו זיצן, אָדער מוז איך זיך זעלבסט איינלאַדן?...

ראַכעלע: איר קאָנט זיך צוזעצן, הער מאַיאָר. מיר זענען גאַסטפריינטלעך צו יעדן. אַלעוואַי וואָלטן אַנדערע אַזוי געווען צו אונדז...

גילקע: דאַנקע שיין, מאַדאַם בראַון, דאַנקע! (דערזעט ווי בערטאַ האָט אַוועקגעלייגט די בלומען אַפן טישל) אָ, פרויליין בראַון, די בלומען זענען אַן אויסדרוק פון מיין פאַרערונג פאַר אייך, דעם שענסטן וועזן אַף גאָטס ערד, און ניט צום אָוועקשמייסן...

ליפּע: וואָלט עפּשער געווען אַ פּלאַן, הער מאַיאָר, איר זאָלט אַוועקלייגן אין

אַ זייט די דיפּלאָמאַטיש־זיסע ווערטער און זאָגן אָפן וואָס אייער איצטיקער וויזיט מיינט?...

גילקע: גערעכט, הער בראַון. מיליטער־לייט אַטאַקירן אַ פּאָזיציע דירעקט. זיצט, הער בראַון, וועלן מיר רעדן...

ליפּע: (זעצט זיך לעבן ראַכעלען. רופט בערטאַן צו זיך) נו, הער מאַיאָר, מיר זענען גרייט צו הערן...

גילקע: איך בין געקומען הערן דעם ענטפער פון פרוליין בראַון וועגן מיין פאָרשלאָג וואָס איך האָב פריער איר געמאַכט, צו ווערן מיין פריינדין, מיין געליבטע, מיט איר אייגענעם גוטן ווילן, אָדער...

בערטאַ: אָדער וואָס, הער מאַיאָר?...

גילקע: איך וואָלט ניט וועלן עס טאָן דורך צוואַנג און גוואַלד. איך ווייס, אַז ביי די יודן האָבן די עלטערן דאָס וואָרט וועגן זייערע קינדערס לעבן, הייראַט און פּערזענלעכן גליק. איך געפין דעריבער פאַר נויטיק צו רעדן אין אייער געגנוואַרט און בעטן אייער פאַרגיטיקונג. איך וויל בלויז זאָגן, אַז זינט איך האָב דערזען אייער ליבנסווירדיקע טאָכטער, בין איך אומרואיק, בין איך פאַרליבט. יאָ, איך בין פאַרליבט אין איר... יאָ, איך ווייס, אַז איר האָט ניט קיין גוטע מיינונג וועגן מיר, ווייל די געלעגנהייט פון אונדזער באַקענען זיך איז ניט געווען אַזאַ אַנגענעמע פאַר אייך — ווען איך בין אַהערגעקומען דערפילן מיינע פליכטן. עס פאַרדריסט מיך, וואָס אונדזער באַגעגעניש איז ניט פאַרגעקומען באַ מער גינסטיקע, מער אַנגענעמע באַדינגונגען, ווי צום ביישפּיל, ביי אַ פאַרוויילונג, אַ באַל, אָדער אין דער אָפּערע... אָ, דאַן, מיינע הערשאַפטן, וואָלט איר מיך זיכער באַטראַכט אין אַ פיינערער ליכט... אָבער באַגרייפט, אַז דאָס איז ניט מיין שולד געווען, מאַדאַם. איך, אַלס אָפיציר, בין געצוואונגען דורכצופירן פאַראָרדנונגען, ניט געקוקט ווי אומאַנגענעם זיי זענען פאַר מיר פּערזענלעך...

ליפּע: זאָ? זאָגאַר שלאָגן דעם אַלטן מאַן ביים פאַרנעמען אים, איז אויך געווען אַ פאַראָרדנונג פון דער העכערער קאָמאַנדע, הער מאַיאָר?

גילקע: דאָס אַלץ בין איך יעצט גרייט צו פאַרבעסערן. איך בין גרייט פאַר מיין געליבטער אַלעס צו טאָן. איך וועל באַשיצן די גאַנצע פאַמיליע פון דעם אַלגעמיינעם יודישן צושטאַנד... איך וועל פרוליין בראַון באַשענקען מיט די פיינסטע קליידער, צירונג און פאַרוויילונגען. זי וועט זיין געערט און געאַכט פון יעדן, און יעדעס פרוליין אין פּאַריז וועט זיין אייפערזיכטיק אָף איר... איך וויל זי אָבער האָבן מיט אייער צושטימונג, מיט איר אייגענעם גוטן ווילן... איך וויל זי ליבן און פאַרגעטערן, אָבער איך וויל, אַז אויך זי זאָל מיך ליבן און פאַרהערלעכן...

בערטאַ: און איר גלויבט, הער מאַיאָר, אַז איך בין גרייט דערצו? אַז איך

וועל מיט זיך קויפן די זיכערקייט פון מיין פאַמיליע ? אַז מיין פאַמיליע וואָלט אָנגענומען אַזאַ קאָרבן פון מיר ?...

ראָכעלע: הער מאַיאָר, אידישע פרויען קויפן ניט זייער פרייהייט דורך פאַראַט צו זיך זעלבסט, דורך פאַראַט פון אייגענעם קערפּער...

ליפּע: אייך איז עפשער ניט באַוואוסט, אַז אַ אידישע טאָכטער, יעהודיס, האָט געקויפט איר פרייהייט און די פרייהייט פון גאַנצן פאָלק, דורך אַ גאַנץ אַנדערן וועג, הער מאַיאָר ?...

ראָכעלע: און ווידער, הער מאַיאָר, דאַרפט איר וויסן, אַז מיין טאָכטער איז שוין פאַרלאָבט צו אַ צווייטן מאַן. און ווען ניט דער קריג, וואָלט זי יעצט שוין געווען אַ פאַרהייראַטע פרוי...

גילקע: דאָס גייט מיך אַבסאָלוט ניט אָן. מיר פאַרנעמען לענדער וואָס געהערן צו אַנדערע, וועלן מיר זיך אָפּשטעלן פון צונעמען אַ פרוי, וועלכע געפעלט אונדז, וויל זי געהערט צו אַ צווייטן ?... יעדנפאַלס, גלויב איך, אַז איר דאַרפט זיין שטאָלץ וואָס איך, אַן אָפיציר פון גרויסן דויטשישן רייך, בין גרייט צו נעמען אייער טאָכטער פאַר מיין געליבטער...

ראָכעלע: (איראָניש) איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אַז איך דאַרף שטאָלץ זיין...

גילקע: שפּאַסט ניט, מאַדאַם. גילקע קאָן אויך זיין געפערלעך...

ליפּע: דאָס וויסן מיר, הער מאַיאָר !

ראָכעלע: מיר האָבן געהאַט די טרויעריקע דערפאַרונג...

גילקע: (שטעלט זיך אויף) הייסט עס, פרוילײן בראַון ?...

בערטאַ: איך האָב איין ענטפער: — ניין ! און ווען איר וואָלט ניט געווען דער הערשער און באַוועלטיקער, וואָלט איך אים אייך געגעבן פיל קלאָרער...

גילקע: נון, גוט, אויב איר ווילט בלייבן איינגעשפּאַרט — בלייבט עס. אָבער דאַן זאָלט איר מיך ניט האַלטן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די קאָנסעקווענצן... איך האָב אייך געגעבן די בעסטע געלעגנהייט... אַדיע, מאַדאַם בראַון ! גוטן טאָג, הער בראַון ! צום ווידערזען, ליבעס ווענז ! איך האָף, אַז איר וועט זיך דאָך באַרעכענען און צושיקן אַ גינסטיקן ענטפער, איידער עס וועט זיין צו שפּעט...

בערטאַ: מיין ענטפער וועט שטענדיק זיין דער זעלביקער !...

ראָכעלע: איר קאָנט אונדז אומברענגען, הער מאַיאָר, אָבער מיין טאָכטער וועט קיינמאָל ניט ווערן די געליבטע פון אַ נאַצי, קיינמאָל !...

גילקע: דאָס וועלן מיר נאָך זען, שמוציק יודיש געזינדל ! פוי !... (אָפּ).

ליפּע: נאַצישע כוצפּע, יעמאַך שמוי זאָלסטו ווערן !

ראָכעלע: אַ דונער זאָל אים דערשטיקן, דעם הונט !...

ביער: (לויפט אַריין פון צווייטן צימער) אַזאַ וואָרעם, אַזאַ שפּין ! ווי האָט

ער גאַר געוואָגט אַזוי צו רעדן ? איך וועל אים דערפּאַר !...

ליפּע: זייט ניט איבעראײַלט, פּיער ! באַזינט זיך ! עס וועט זיין ערגער !...

פּיער: איך וועל אים דערמאָרדן ! (נעמט אַרויס אַ רעוואָלווער פון קעשענע).

בערטאַ: (לויפט צו, נעמט אים אַרום, קושט אים) פּיער, ליבער מיינער, איך בעט דיך, טו דאָס ניט ! וועסט ברענגען אומגליק אַף זיך, אַף מיר, און אַף אונדז אַלעמען !... טו דאָס ניט !...

פּיער: איך בין אַ פראַנצויז, בערט ! איך קאָן ניט פאַרשווייגן אַזאַ באַהאַנדלונג פון מיינע פריינט, פון מיין ליבסטער !... (לאָזט זיך לויפן).

בערטאַ: אָ, פּיער, פּיער ! (וואַרפט זיך מיט געוויין אין דער מוטערס אָרעמס) אָ, מאַמאַ־שערי !...

ראָכעלע: (גלעט זי) וויין ניט, קינד מיינס, וויין ניט ! עמעצער דאַרף אָנלערנען דעם הונט ! (עס דערהערן זיך עטלעכע שאָסן) אוי, גאָטעניו, העלף אים, באַשיץ אים, בענטש זיינע טריט ! (וויינט אַף בערטאַן).

(עס דערהערט זיך אַ געפּייפעריי און געדיכטע רייד פון דרויסן).

שטימע: (ווי אָפּצואווענדן די שפּורן) אַהין איז ער געלאָפן !...

שטימע: ניין, איך האָב אים געזען לויפן אַהער, אין דער זייט !...

שטימע: ער איז געווען אַ הויכער מאַן !...

שטימע: ניין, אַ נידעריקער !...

שטימע: שווייגט, פראַנצויזישע הינט !...

פּיער: (לויפט אַריין) נו, מיט איין הינטישן סוינע ווינציקער ! איצט וועט איר שוין קאָנען רואיק זיין פאַר אַ שטיקל צייט. דער סאַמע געפערלעכסטער סוינע, וואָס האָט זיך פאַרלייגט אַף אייך, איז ניטאָ מער !...

ראָכעלע: (נעמט אַרום פּיערן) אָ, פּיער, גאָט זאָל דיך נאָר באַשיצן !...

בערטאַ: וואָס וועט איצטער זיין, פּיער ?...

פּיער: איצט מוז איך גיין אין מיין אונטערערדישן אָפּטייל און מעלדן. נאָר אײדער איך גיי, וויל איך נאָך קריגן מאַמאַס גוטהייסונג פאַר אונדזער כאַסענע. נו, מאַמאַ, וואָס קאָנט איר מיר זאָגן פאַר מיין אָוועקגיין ?...

ראָכעלע: וואָס קאָן איך דיר איצט זאָגן, זון מיינער ? דו ווייסט, פּיער, ווי ליב איך האָב דיך, ווי איך פאַרער דיך... איך זע, אַז מיסטאָמע וויל גאָט אַליין, אַז עס זאָל זיין אַזוי. נו, טאָ זאָל אייך זיין מיט גליק !...

פּיער: אָ, מאַמאַ־שערי ! (פאַלט צו איר, קושט זי) אַ דאַנק אייך, אַ דאַנק !... זייט רואיק, מאַמאַ, בערטאַ וועט זיין אין גוטע הענט. איר וועט איצט קאָנען רואיק אָוועקפאָרן אין דאָרף אַריין. מיר וועלן שוין דאָ אַלץ אַליין באַזאָרגן פאַרן זיידן. אַ־יאָ, בערטאַ ?.. (קושט זי).

ליפּע: (גיט פּיערן די האַנט) היט זיך פונדעסטוועגן, זון מיינער, היט זיך ניט אַריינצופאַלן אין דעם שפּינס געוועב אַריין !...

פּיער: זאָרגט זיך ניט פאַר מיר ! טראַכט וועגן אייער אייגענער זיכערקייט...

איר מוזט זיך אַרויסרייסן פון דאַנען... איך וועל פאַר אייך וועג שוין באַזאָרגן, אַז מען זאָל אייך היינט אַוועקפירן. איר פאַרנעמט דאָ דערוויילוואָס איר קאָנט נאָר, וויפל איר קאָנט באַרע געלט און בויטיקע קליידער. דאָס איבעריקע וועל איך שוין שפּעטער באַזאָרגן. יאָ, און זייט אויך גרייט צו מיין און בערטאָס כאַסענע. איך וועל אין עטלעכע שאָ זיין צוריק דאָ מיט עטלעכע פריינט און דאַן... (אָפּ).

ראַכעלע: (ווישט די אויגן) מיר וועלן גרייט זיין, פּיער. גיי געזונט!...

בערטאַ: אָ, אַ דאַנק, מאַמאַ־שערי! איך האָב דיך אַזוי ליב!... (קושט זי).

ראַכעלע: איך האָף, טאָכטער מיינע, אַז וועסט גליקלעך זיין. פּיער איז אַ וואוילער יונגערמאַן. וואָס אַנבאַלאַנגט מיר, פיל איך, אַז מיט אים, ווי אַן אייגענעם זון אין דער מישפּאָכע, איז עפּעס אַזוי גרינגער...

ליפּע: אַ טייערער באָכער, פּיער. אַף אים קאָן מען זיך פאַרלאָזן!... (עס דערהערן זיך שווערע טריט און שאַרפע שטימעס) שאַ, וואָס איז דאָס?...

שטימע: ער איז דאָ אַהער אַריינגעלאָפן! איך האָב אַליין געזען!...

שטימע: ביסט מעשוגע! איך האָב אים געזען לויפן אַהינצו!...

שטימע: האַלט גרייט דאָס געווער! מיר וועלן אַריינגיין אַ קוק טאָן!...

סאָלדאַט: (קומט אַריין מיט אַ צווייטן) העי, יודן, וואו איז דאָ דער מערדער, וואָס איז אַהער אַריינגעלאָפן?...

בערטאַ: וואָסער מערדער? וועגן וואָס רעדט איר? וואָס ווילט איר דאָ?...

ליפּע: איר מוזט מאַכן אַ טאָעס, הער סאָלדאַט!...

סאָלדאַט: שווייגן, יודן־שוויינען!... (קוקט אַריין אין די אַנדערע צימערן. זוכט און קומט באַלד צוריק) ניטאָ קיינער דאָרט...

צווייטער: ער איז אָבער פאָרט אַהער אַריינגעלאָפן, זאָגן זיי...

ראַכעלע: איך פאַרזיכער אייך, אַז קיינער איז אַהער ניט אַריינגעלאָפן!...

סאָלדאַט: אויב איר וועט ניט זאָגן וואו דער מערדער איז, וועלן מיר אייך פאַרנעמען, פאַרדאַמטע יודן־שוויינען!...

צווייטער: ריכטיק! קיין סענטימענטן פאַר די פאַרפלוכטע!...

סאָלדאַט: פאַרנעמט זיך, יודן! אין נאָמען פון דריטן רייך, אַרעסטיר איך אייך פאַרן מאָרד פון מאַיאָר גילקע!... געגאַנגען!... (טרייבן אַלעמען פון הויז אַזוי ווי זיי זענען) מאַרש, יודן־שוויינען! געגאַנגען!...

ראַכעלע: אוי, גאָט אין הימל, פאַרוואָס פייניקט מען אונדז אַזוי? (טוט זיך אַ וואַקל, ווי צום פאַלן. ליפּע און בערטאַ כאַפּן זי אונטער).

נאָך דעם פאַלן

[פאַנטאַסטישע שפּיל אין 2 בילער]

נאָך דעם פאַלן

(פאַנטאַסטישע שפּיל אין 2 בילדער)

אָנטיילנעמער אין דער שפּיל:

וואַסילי	אַן אַרבעטער
מילער	אַן אָפיציר, דערנאָך אַ דאָקטאָר
מיידל	אַ סאָלדאַט, דערנאָך אַ שפּיטאָל־שוועסטער
מאַן	אַ סאָלדאַט, דערנאָך אַ שפּיטאָל־וועכטער
וואַלעריאַ	אַן אַרבעטערן
לעניִן	אַ בילד, דערנאָך לעבעדיק
ערשטער באַוּוער צווייטער באַוּוער דריטער באַוּוער	באַזוכער אין שפּיטאָל

די סצענע שטעלט פאָר אַ טורמע־צעל. אַנטקעגן, הויך — אַ געגראַטעוועט פענצטערל, רעכטס — אַ טורמע־בעטל, אויף וועלכן עס ליגט וואַסילי, אָנגעטאָן אין פאַנטאַסטישע אַרעסטאַנטן־קליידער. עס איז טונקל, בלויז אַ שוואַכער ליכט־שטראַל ציט זיך אַרונטער פון דעם פענצטערל. וואַסילי האַלט זיך ביים קאָפּ, ווי פון אַ שמערצלעכן קאָפּ־ווייטיק, און קרעכצט אונטער.

נאָך דעם פאַלן

וואַסילי: (זעצט זיך געלאַסן אויף, קוקט זיך אַרום) וואָס טוט זיך דאָ?... וואו בין איך?... אַ טפּיסע?... יאָ, טאַקע אַ טפּיסע... ווי זשע קום איך אַהער?... האָב איך זיך דען מיט עפּעס פאַרזינדיקט?... לאָמיך זיך נאָר דערמאָנען... שטיי, שטיי, דאַכט זיך, געפאַלן... (טוט זיך אַ כאַפּ) געפאַלן?... די סאָוועטן־מאַכט... די סאָוועטן־מאַכט — געפאַלן?!... (פאַרטראַכט זיך) יאָ, טאַקע געפאַלן... איך דערמאָן זיך איצט. די כאַווײרים האָבן טאַקע געשריגן, איך האָב געהערט: געפאַלן... (כאַפּט זיך ווידער בײם קאָפּ) ווער זשע האָט עס מיר אַזאַ שטאַרקן זעץ געטאָן אין קאָפּ?... אָ, מיסטאָמע זײ, די טײוואָלים, ווען זײ האָבן מיך גענומען!... יאָ, איך געדענק, איך דערמאָן זיך: זײ האָבן געשריגן, נעמט אים! ער איז דער געפערלעכסטער!... (פּויזע) איך געדענק אָבער ניט ווי אַזוי איך בין אַהערגעקומען און ווען מען האָט מיך אַהערגעבראַכט... עפּעס מאָדנע: מײן קאָפּ זאָגט זיך אָפּ פון געדענקען. אָ, זײ האָבן מיך אַוואַדע געמוזט נישקאָשעדיק צעקלאַפּן. בעסטיעס!... געשלאָגן און מיך אַפילע ניט אָפּגעמונטערט. מיך אַפּאָנים גענומען אַ פאַרכאַלעשטן און אַרײנגעוואָרפן ווי אַ הונט אין דער טפּיסע אַרײן! (פּויזע) אָבער ווי אַזוי איז עס פאָרט מעגלעך? דאַכט זיך, אַז די סאָוועטן־מאַכט איז געווען אַזוי פעסט ווי יעדער אײזערנער באַלקן, וועלכן איך האָב געלײגט אַף דער נײער געבײדע פון דער עלעקטרישער סטאַנציע וואָס מיר האָבן געבויט... (קוקט זיך ווידער אַרום) און וואו איז עס איצט וואַלעריאַ?... מיסטאָמע אויך אין טפּיסע, אַוואַדע אין אַ באַזונדערער צעל, אַלײן און אײנזאַם אַזוי ווי איך... (עס דערהערט זיך אַ קלאַפּן. וואַסיליס פּאָנים ווערט אויפגעלויכטן) מען קלאַפּט זיך איבער!... איצט וועל איך זיך עפּשער קאָנען דערוויסן וואָס און ווי אַזוי אַלץ איז געשען!... (טוט אַ שפּרונג אויף פון בעט, לויפט צו דער וואַנט, הערט זיך אײַן אין געקלאַפּ, פּראָבירט אויך קלאַפּן, אָבער זעצט זיך באַלד צוריק אַן אַנטוישטער) עפּעס מאָדנע צײכנס אַזעלכע. גאַנץ אַנדערע ווי אַמאָל!... עס זעט אויס, אַז איך בלײב אָן שום פאַרבינדונג מיט די אַנדערע אַרעסטירטע כאַווײרים, אָפּגעריסן פון דער דרויסנדיקער וועלט!... הם, עס קאָן זײן, אַז קײנער פון מײנע פרײנט און כאַווײרים ווײסן אַפילע ניט וואו איך בין און וואָס איך טו... ווער

וואַלעריאַ מיך כאַטש קומען זען, אויב זי איז ניט אַרעסטירט?... און וועט מען זי גאַר צולאָזן צו מיר?... (שמייכלט) און דאַווקע האָב איך זיך געגרייט צו רעדן מיט איר... אָ, וויפל איך האָב איר צו זאָגן... ווען זי וואָלט כאָטש געוואוסט אַ צענטל פון מיין שטאַרקער ליבע צו איר; פון דעם וואָס איך טראַכט וועגן איר... (פון דרויסן הערט זיך אַ גע־קלאַנג ווי פון שליסלען. וואַסילי הערט זיך איין אין שרעק) מען גייט אַהער. מיסטאָמע מיך אויספרעגן. אַט איצט וועלן זיך אָנהויבן די פייניקונגען. און זיי קאָנען, די פאַשיסטן. אָבער רעדן — ניין! ניט ביי וואַסילין!... זאָלן זיי פייניקן. קיין וואָרט וועל איך פון מויל ניט ברענגען. איך בין שוין גענוג פאַרהאַרטעוועט געוואָרן ביי זיי אין די טפיסעס. איך געדענק נאָך דעם טאַאַם פון פאַר דער רעוואָלוציע, נאָך מיט יאָרן צוריק...

מילער: (קומט אַריין באַגלייט פון דער מיידל און דעם מאַן. אַלע דריי זענען אָנגעטאָן אין עפעס אַזעלכע פאַנטאַסטישע קליידער, האַלב מעדיציניש, האַלב מיליטעריש. רעדט איראָניש) און אַט איז אונדזער גאַסט! לאַנג געוואָרט אויף אים, אָבער דאָך אַריינגעקראָגן אים אין אונדזערע הענט אַריין! איצט וועלן מיר זיך דאַרפן אַ נעם טאָן צו אים, זען וואָס מען קאָן טאָן מיט אים!

וואַסילי: (קוקט שאַרף אויף מילערן) הממם, וואָס טוט זיך דאָ אַזעלכעס? עפעס גאַר אַ באַקאַנט פאַנים...

מילער: אַ־יאָ אַ באַקאַנט פאַנים? לאָמיך זען, זאָלסט טרעפן ווער איך בין!... (צו זיינע באַגלייטער) נו, גרייט אַלץ צו!

מיידל: אַלץ איז צוגעגרייט!...

מאַן: איר קאָנט זיך נעמען צו דער אַרבעט!...

מילער: (זעצט זיך צו אַ טישל, וואָס מען רוקט אים צו. ער צעלייגט פאַפירן, שרייבט און לייענט) הממ, וואַסילי פוגאַטשאָוו, 30 יאָר אַלט...

וואַסילי: אוי, מיין קאָפּ, מיין קאָפּ!... (קוקט שאַרף אויף מילערן) וואו האָב איך אים ערגעץ געזען?... (שטילער צו זיך) וואָס טוט זיך דאָ? דאַכט זיך, אַז דאָס איז דאָך גאַר דער אינזשינער פון דער עלעקטרישער סטאַנציע, מילער, דער דייטש... יאָ, אויף מיין וואָרט, דאָס איז טאַקע ער... איך האָב אָבער אַלעמאָל געהאַט אַ חשד אויף אים... הממם, איצט ווערט מיר שוין אַלץ קלאָר... געקומען אַהער צו אונדז אַרבעטן אַלס אַן אינזשינער, שטילערהייט סאַבאָטאַזשירט און דערביי צוגעגרייט צום אַרונטערוואַרפן די סאָוועטן־מאַכט... און דאָס האָט זיך נאָך באַליידיקט ווען מען האָט אים אַמאָל געמאַכט אַן אויסרייד, הייליקע אומשולד!...

מילער: (שטרענג) אַלזאָ, לאָמיך הערן פון דיר, ווי איז דיין נאָמען?

וואַסילי: (קוקט מיט עקל אויף אים און טוט אַ ברום) הייליקע אומשולד!...

מילער: (בייז) נו, איך האָב געפרעגט, ווי איז דיין נאָמען?...

וואַסילי: (גיפטיק) איר דאַרפט מיך ניט פרעגן מיין נאָמען. איר ווייסט אים גאַנץ גוט, הער אינזשינער!...

מילער: איך בין איצט ניט מער קיין אינזשינער. איך בין איצט, ווי דו זעסט, אַ זשאַנדאַרם־אָפיציר פון דער ווידער־באַפרייטער רוסלאַנד, — אַ ווייס־גוואַר־דיי־עץ... נו, ווי געפעלט דיר עפּעס מיין נייער טיטל?...

וואַסילי: עס פּאַסט אייך זייער גוט צו אייער מיעסן פּאַרצעף...

מילער: (דראָענדיק) ענטפער וואָס מען פרעגט דיך, קעלעוו איינער!...

וואַסילי: איך האָב ניט וואָס אייך צו ענטפערן!...

מילער: אַזוי? דאָס וועלן מיר באַלד זען. מיר וועלן דיך באַלד מאַכן רעדן... (צו זיינע געהילפן) אַ־נו־קאַ, כעוורע, טוט זיך אַ נעם צו אים, לייגט אים אַוועק!...

מאַן: (טרעט צו, לייגט אים אַוועק, נעמט אַרויס עפּעס אַזאַ שווערדל און נעמט דערמיט פידלען איבער וואַסיליס קאָפּ) נו, וועסט רעדן?...

מיידל: (טוט אויך עפּעס) רעדט און ווערט פּאַטער...

וואַסילי: (קרעכצט) לאָזט מיך! פּייניקט מיך ניט!... לאָזט מיך!...

מילער: האַ־האַ, אַפּלאַזן? דאָס רעכטע־גערדיכטע הייבט זיך ערשט אָן. מיר וועלן דיך בעמען אין די הענט אריין און מאַכן אַ לייט פון דיר!... היינט, ברודערל, ביסטו ביי אונדז אין די הענט. עס וועט שוין ניט גיין... היינט וועסטו שוין ענטפערן...

וואַסילי: איך האָב ניט וואָס צו ענטפערן. לאָזט מיך אָפּ!...

מילער: (טוט זיך אָן אַ מאַסקע, פּאַרעט זיך אַרום וואַסילין מיט אויסטערלישע אינסטרומענטן) מיר וועלן דאָ אַ שניט טאָן, דאָ אַרומנעמען און, דער איקער, גוט איינקרעמפּעווען... (צו אים) מיר וועלן דיר וויזן, וואָס מיר קענען. יאָ, מיר קאָנען אייך!... (צו דער מיידל) פאַרבינדט אים פעסט, שטייף, אַז ער זאָל זיך ניט קענען באַוועגן. די צעבראָכענע ביינער — אין בלאָקעס און שטריק, אַנדערש וועט אונדזער אַרבעט זיין אַרויס־געוואָרפן... (פויזע. צו וואַסילין) יאָ, מיר וועלן אייך אָפּצאָלן פאַר אַלעם: פאַר אונדזערע בושעס, פאַר אונדזערע פאַרנומענע פאַרמעגנס, פאַר אונדזער זיין אין גאָלעס ביי אייך. פאַר אַלעם!...

מיידל: (בינדנדיק אים) רעד, וועסטו פאַרשפּאָרן צו ליידן...

וואַסילי: איך וועל ניט רעדן. איך קאָן ניט רעדן...

מילער: קאָנסט יאָ! איך ווייס, שוין ניט אָף איין פאַרזאַמלונג דיך געהערט!

מאַן: (איראָניש) אַ קאָמיסאַר האָט זיך דיר געוואָלט זיין, כאַ־כאַ־כאַ...

מיידל: אַ גאַנצער העלד געווען דאָרט. דאָ קאָן ער זיך אָפילע ניט אַ ריר טאָן!

מאַן: דאָ איז ער אַ שטרויענער העלד...

וואַסילי: (קרעכצט. וויל זיך באַפרייען) מוטשעט מיך ניט. לאָזט אָפּ!

מילער: עס טוט ווי? ווי?... טאַקע גוט ווי?... איך ווייס עס. מיר קאָנען זיך אָבער ניט העלפן. אַזוי מוזן מיר!...

מיידל: דו קאָנסט זיך אָבער יאָ העלפן. (מיט כויזעק) דו קאָנסט אַפּעלירן צום אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט!...

וואַסילי: וועל איך זיך טאַקע ווענדן. זיי וועלן ניט שוויגן...

מילער: יאָ, דו קאָנסט זיך טאַקע ווענדן. אָבער זאָגן מוז איך דיר, אַז עס וועט זיין אומזיסט, אַרויסגעוואָרפן.

מיידל: נוצלאָזע אַרבעט...

מאַן: איינגאַנצן בעכינעם...

מילער: יאָ, בעכינעם. ווייל נאָכדעם ווי מיר האָבן צעשמעטערט אייער צענטער אָט דאָ, אין מאָסקווע, האָבן מיר אויך אַ טעל געמאַכט פון אַלע באַלשעוויקעס איבער דער גאַנצער וועלט!...

מאַן: מיר דאָ האָבן בלויז געדאַרפט געבן דעם סיגנאַל און עס איז אָוועק.

מיידל: מיר האָבן געוואוסט וואָס מיר האָבן צו טאָן. מיר האָבן געהאַט ווער עס זאָל אונדז העלפן, אומעטום, אין אַלע לענדער!...

מילער: אונדז האָט מען געהאָלפן, ניט ווי אייך, האָלעדריגעס!... אַפילע אייערע אייגענע אַרבעטער פון די אַנדערע לענדער האָבן אייך ניט געוואָלט העלפן...

מיידל: יעדנפאַלס, ניט די פירער (הערט אויף בינדן).

מאַן: די פירער זיכער ניט (הערט אויף שניידן).

מיידל: אַ וועלט האָט זיך אייך פאַרגלוסט איבערצומאַכן...

מילער: און ווילסטו כאָטש וויסן ווי אַזוי מיר האָבן אייך באַזיגט, ווי אַזוי מיר האָבן אייך פאַרניכטעט?...

וואַסילי: (צו זיך) פאַרניכטעט?! (צו מילערן) אונדז קאָן מען ניט פאַרניכטן! מיר זענען די וועלט. מיר זענען דער יוישער פון דער וועלט. מיר זענען דאָס שיינע, דער כאַלעם פון דער וועלט! און אַזוי לאַנג ווי עס וועט נאָר זיין אַ וועלט, וועט זיין אַ דראַנג צו יוישער, צו שיינקייט, צו פרייהייט!...

מילער: דערוויילע, אָבער, האָבן מיר אייך באַזיגט. און ווייסטו ווי אַזוי מיר האָבן דאָס דערגרייכט? ווייל מיר האָבן געהאַט שטיצע פון אומעטום...

מאַן: יאָ, פון אַלע לענדער, פון אַלע קלאַסן...

מיידל: ספּעציעל פון יענע, וואו איר האָט קיין אָנהאַלט ניט געהאַט...

מילער: און ניט נאָר פון אונדזערע קלאַסן, נאָר אַפילע פון אייערע...

מיידל: דערהויפּט טאַקע פון אייערע...

מאַן: אַ סאַך מער פון דער אינטעליגענץ, פון אייערע פירער...

מילער: מיר האָבן געוואוסט ווי אַזוי זיי צו קויפן...

מאַן: מיר האָבן זיי אַף בעלער גערופן...

מיידל: מאַטאַנעס געשענקט...

מילער: כע־כע־כע, מיר האָבן זיי צוגעזאָגט, אַז ווען מיר וועלן געווינען און צוריק איינשטעלן די אַלטע אָרדנונג, וועלכע איר האָט אָפּגעשאַפט — וועלן מיר זיי פאַר גרויסע לייט מאַכן...

מיידל: און זיי האָבן געגלויבט.

מאַן: אידיאָטן !...

מיידל: פאַרעטער זענען בעמיילע אידיאָטן, פון וועלכן צאַד זיי זאָלן ניט זיין !

מאַן: איצט, אָבער, וועלן מיר זיי אַ לערן טאָן !

מיידל: מיר וועלן זיי געבן פולווער צו שמעקן !...

מילער: יאָ, מיר וועלן זיך צו זיי אַ נעם טאָן. נאָכדעם ווי מיר וועלן נאָר מיט אייך פאַרטיק ווערן !...

וואַסילי: מיט אונדז וועט איר קיינמאָל ניט פאַרטיק ווערן ! אונדזער קאַמף וועט ווייטער אָנגיין, כאָטש אין אַ גאַנץ אַנדערער פאָרם. (פאַרבייסט מיט די ליפּן) מיר האָבן דאָס פאַרויסגעזאָגט. מיר האָבן דאָס פאַרויסגעזען. און וואָלטן אָט יענע פאַרעטער כאָטש דאָ איצט געשטאַנען און געהערט וואָס איר רעדט וועגן זיי...

מילער: נו וואָס ? עס וואָלט זיי שוין גאָרניט געווען געהאָלפן !

מאַן: שוין צו שפּעט צוריקצוכאַפּן.

מיידל: עס איז שוין פאַרפאַלן !...

מילער: און איצט לאָם איך אייך שוין פאַר איין וועג זאָגן פאַרוואָס איר האָט פאַרשפּילט : ווייל איר האָט געוואָלט צו אָרנטלעך זיין ; ניט געוואָלט פאַרקוקן קיין אָולע אַפילע ביי אַן אייגענעם...

מאַן: פאַרן קלענצטן אָפּווייך, דעם מינדסטן פאַרברעכן — געשאָסן !...

מיידל: אַזויאַרום, ברודערל, קויפט מען זיך קיין פריינט ניט !...

מילער: (ווייזט אַן אַף זיך) אַפילע אייגענע, געטריייע, אַנטלויפן...

וואַסילי: (וויל זיך וואַרפן אַף מילערן) שווייג, פאַרעטער ! (פאַלט צוריק שוואַך) וואָס איז געשען מיט מיר ? וואָס שווינדלט מיר אַזוי אין קאָפּ, אין די אויגן ?... וואָס טוט זיך מיט מיר ?...

(עס דערהערט זיך אַ געדיכטער פויקן־געקלאַפּ. אַן אומרעגלמעסיק שפּילן פון עפּעס מאָדנע אינסטרומענטן. עס דערזעט זיך אַ גיכער, שווינד־לענדיקער געדריי פון פייערדיקע רעדער, וואָס בליצט אויף און ווערט טונקל, ביז עס פאַרדרייט אַלץ און אַלעמען אין פינצטערניש. אין אַ מאָמענט ווערט די סצענע פאַרוואַנדלט אין אַ שפּיטאָל־צימער. וואַסילי ליגט אַף אַ בעטל מיט אַ באַנדאַזשירטן קאָפּ. מילער איז דער דאָקטאָר, ווי נאָך אַן אָפּעראַציע. דער מאַן און דאָס מיידל — געהילף און קראַנקן־שוועסטער — מיט מעדיצינישע אינסטרומענטן. אין דער פענצטער־עפענונג, אַנשטאָט די גראַטעס, זעט זיך אַ גרויס בילד פון לענינען, מיט

אויסגעשטרעקטער האַנט. עטלעכע מענער און פרויען, מיט בוקעטן בלומען אין די הענט, שטייען אין זייט, קוקנדיק מיט נייגעריקער דער־וואַרטונג אַפן דאָקטאָר).

מילער: (קוקט אין וואַסיליס אויגן אַריין) **ער קומט צו זיך! ער קומט צו זיך!**

וואַסילי: (מורמלט עפעס אומפאַרשטענדלעכס) **אום־הום...**

מיידל: **זייט רואיק, כּאַווירים!... איך בעט אייך, רואיק...**

וואַסילי: **לופט... גיט מיר לופט!...**

ערשטער: **ער רעדט. ער רעדט...**

צווייטער: **ער קומט צו זיך! ער קומט צו זיך!...**

וואַסילי: **לופט!... גיט מיר לופט!...**

דריטער: **דער כלאָראָפאָרם שטיקט אים אָפּאַנים...**

וואַלעריאַ: (ווישט די טרערן) **אַ קליניקייט, דורכצומאַכן אַזאַ פאַל און דער־נאָך ערשט אַזאַ שווערע אָפּעראַציע...**

וואַסילי: **איך ווער דערשטיקט! גיט מיר לופט, איך בעט אייך!...**

וואַלעריאַ: (צום דאָקטאָר) **נו, ווי זעט עס אויס, כּאַווער דאָקטאָר?...**

מילער: **מיר מעגן זיך באַגריסן.** (נעמט אַרונטער די באַנדאַזש־מאַסקע פון מויל) **אַ שווערע און ריזיקאַלישע אָפּעראַציע געווען...**

אַלע: (קוקן זיך איבער) **אַ ריזיקאַלישע...**

ערשטער: **אַ קלייניקייט, אַזאַ פאַל...**

צווייטער: **ווי לאַנג, כּאַווער דאָקטאָר, דאַרף נעמען ביז ער וועט זיך קאָנען צוריק שטעלן אַף די פיס?...**

מילער: **שווער צו זאָגן, כּאַווירים. שווער צו זאָגן. עס ווענדט זיך אין אים. ווי ער וועט דאָס באַקעמפן... איצט דאַרף מען אַ קוק טאָן וואָס זיין פולס זאָגט...**

מיידל: **דער פולס ווערט שטאַרקער...**

מילער: (קוקט ווידער אין וואַסיליס אויגן אַריין) **איין זאַך איז קלאָר: ער האָט איבערגעכיטרעוועט דעם מאַלעך־האַמאָוועס. ער וועט בלייבן לעבן. פון געפאַר, יעדנפאַלס, איז ער שוין אַרויס...**

וואַלעריאַ: **ער וועט שוין אָוואַדע ניט זיין דער זעלביקער ווי געווען...** (וויינט).

מילער: **מען וועט אים דאַרפן גוט צוזען. אָוועקשיקן אין אַ סאַנאַטאָריום...**

וואַסילי: (קומט צו זיך. קוקט זיך אַרום) **וואָס טוט זיך דאָ? וואו בין איך?...**

מיידל: **שרעק זיך ניט, כּאַווער וואַסילי, ביסט אין שפּיטאָל...**

וואַסילי: **אין שפּיטאָל? וואָס איז דען? וואָס איז געשען?...**

מיידל: (באַרואיקנדיק) **שרעק זיך ניט. ביסט נאָכן פאַלן...**

וואַסילי: (מיט שרעק) **די סאָוועטן־מאַכט איז טאָקע געפאַלן?...**

וואַלעריאַ: (פרעגט שטום ביים דאָקטאָר, צי זי מעג צוגיין צו וואַסילין.

מילער ווייזט איר מיט איין פינגער, אַז בלויז אַף איין מינוט. זי לויפט צו צו וואַסילין, נעמט אים אָן ביי אַ האַנט, גלעט אים) אַ, וואַסילי, וואָס פאַלט דיר איין?... די סאָוועטן־מאַכט איז גאַנץ. די סאָוועטן־מאַכט איז ניט געפאַלן... דאָס ביסטו, שטייענדיק ביי דער אַרבעט אין דער הויך אַף דער נייער עלעקטרישער סטאַנציע, אַרונטערגעפאַלן...

וואַסילי: (צעעפנט ברייט די אויגן) וואַלעריאַ, טייערע, וואָס מיינסטו? דאָס בין איך גאָר געפאַלן?...

וואַלעריאַ: יאָ, אַ שווערער אייזערנער באַלקן איז דיר אין קאָפּ געפאַלן און דיך פון די פיס אַרונטערגעקלאַפּט...

וואַסילי: (שמייכלט פאַרשעמט) און איך האָב גאָר געמיינט... איך בין עס גאָר געפאַלן?... נו, הערט אַ זאַך, און איך האָב גאָר געמיינט, אַז... (ער קוקט אומגלויבלעך אַפּן דאָקטאָר) איר, דער דאָקטאָר, איז גאָר עפּעס אַ זשאַנדאַרם־אָפיציר, (קוקט אַף דעם מאַן און מיידל) און איר — זיינע סאָלדאַטן.. און אַ, ווי איר האָט דאָס מיך געפּייניקט!... ווי איר האָט דאָס מיך געפּייניקט!... (שמייכלט) נו, וואָס אַ מענטשן קאָן זיך אויסדאַכטן!...

מילער: יאָ, ווען דער אונטערבאַוואוסטזיין נעמט איבער, און דערצו נאָך אונטער דעם איינפלוס פון כלאָראָפאָרם, קאָן ער באַשאַפן די פאַנטאַסטיש־סטע מיראַזשן... און אַז עפּעס אַזעלכעס קומט פאָר אין אייער מויעך, האָב איך פאַרשטאַנען פון אייערע מורמלערייען בעאייס דער אָפּעראַציע...

וואַסילי: וואָס זשע, כאַווער דאָקטאָר, בין איך עפּעס געפערלעך? איר דאַרפט זיך ניט פילן געקווענקלט. איך רעכן, אַז אויב איך האָב געקאָנט איבערלעבן דעם מיראַזש, וועל איך שוין אַלץ קאָנען איבערלעבן...

מילער: זייט רואיק, כאַווער. דאָס איז איצט דאָס סאַמע וויכטיקסטע, דאָס סאַמע נויטיקסטע. דאָס איבעריקע לאָזט איבער צו אונדז, אייערע פריינט... (צו די זייטיקע) מערקט איך, כאַווירים, ווי דער אונטערבאַוואוסטזיין אַרבעט. אַ מענטש, אַ רעוואָלוציאָנער, פאַלט אַרונטער פון אַ געביידע און דאָס וואָרט „געפאַלן", וואָס האָט זיך פיקסירט אין זיין מאַרך אין מאָמענט איידער ער האָט פאַרלוירן דעם באַוואוסטזיין, ווערט ביי אים פאַרוואַנדלט אין אַ שרעק, אין אַ מוירע, אַז דאָס סאַמע טייערסטע ביי אים, די סאָוועטן־מאַכט, איז דער אָביעקט פון דעם „געפאַלן". יאָ, אַזאַ מיראַזש קאָן זען בלויז אַ גרויסער רעוואָלוציאָנער...

וואַלעריאַ: כאַווער וואַסילי איז שטענדיק געווען איבערגעגעבן דער גרויסער זאַך. ער איז אַלעמאָל דער געטרייער רעוואָלוציאָנער. (דרייסט) און איך שעם זיך ניט צו זאָגן, כאַווירים, אַז אָט די איבערגעבנקייט זיינע האָט ביי מיר אַרויסגערופן פאַרערונג און ליבשאַפט. און איצט, נאָכן אומגליק, האָט עס אים נאָך גרעסער און ליבער געמאַכט אין מיינע אויגן. און אַזוי גיך ווי ער וועט נאָר געזונט ווערן...

מילער: מיט אַביסעלע געדולד און אויפפּאַסונג, וועט מען לאַנג ניט דאַרפן וואַרטן. פאַרשטייט זיך, אַז ער אַליין וועט דאַרפן צוהעלפן...

ערשטער: (צו וואַלעריאַן) זאָגט עס אים, וואַלעריאַ. זאָגט עס אים איצט... דאָס וועט אים זיכער צוגעבן מוט און שטאַרקייט צו קעמפן...

מילער: ניט איצט. מען דאַרף ניט. עס וועט זיין צופיל אויפרעגונג...

וואַלעריאַ: (גייט פונדעסטוועגן צו, טוט אים אַ קוש) שטאַרק זיך, וואַסילי, איך וויל דיך, איך דאַרף דיך האָבן...

וואַסילי: אָ, וואַלעריאַ, טייערע, איך... איך האָב דיר אַזויפיל צו זאָגן...

וואַלעריאַ: ניט איצט, וואַסילי. ניט איצט. איצט זיי רואיק. דאָס איז דאָס סאַמע נויטיקסטע. דאָס איבעריקע וועלן מיר שוין שפּעטער זען. וועסט האָבן צייט דערצו, מיר ביידע וועלן האָבן צייט דערצו... איצט וועסטו דאַרפן שלאָפן, זיך אויסרוען, זען צוריק צו די קויכעס קומען...

מילער: כאַווערטע וואַלעריאַ איז גערעכט. איצט... (צו די אַרומיקע) איצט טאָר מען אים צופיל ניט אויפרעגן. קומט, לאָמיר אים לאָזן אַליין... עס איז שוין שפּעט. דער קרעמעל־זייגער וועט באַלד אויסקלינגען די צוועלפטע שאָ... לאָמיר אים לאָזן רוען!...

(די כאַווירים צעשטעלן בלומען אַף וואַסיליס טישל און גייען אַרויס אַף די שפּיץ פינגער. די שוועסטער מאַכט קלענער דאָס ליכט. טונקל).

וואַסילי: גאָט מיינער! וואָסערע פּיינפולע זעאונגען איך האָב עס געהאַט!...

(פונווייטן הערט זיך דער געקלאַנג פון קרעמעל־זייגער, וואָס שפּילט אויס די ערשטע עטלעכע טענער פונעם „אינטערנאַציאָנאַל". אין דער צייט זעט זיך ווי לענינס בילד ווערט באַלויכטן. די פיגור ווערט לעבעדיק, באַוועגט זיך. באַלד גייט די פיגור אַרונטער פונעם בילד. איין האַנט לענינס ווייזט אָן אין דער ווייט. די צווייטע לייגט ער אויף וואַסיליס אַקסלען. אַ ווייל איז שטיל).

לענין: שטאַרק זיך, וואַסילי! געדענק, אונדזער אַרבעט איז נאָך ניט פאַר־ענדיקט! די רעוואָלוציע דאַרף דיך נאָך האָבן!...

וואַסילי: (פאַלט מיד צום קישן) איך וועל זיך שטאַרקן, כאַווער לענין! איך וועל, איך וועל!...

צווייטער אָפּטייל

דעקלאַמאַציעס

„גאַלאַטעא" (באַלאַדע)
אין אַ ווינטער־נאַכט (באַלאַדע)
אין געריכט־הויז (ליד)

פאַבלען:
דעם האָנס אייצע
די צוויי שפּיגלען
די קאַץ און דער טכויר
דער אייזל און דער פוקס
די קאַטשקע און דער שוואַלב
דער וואָס טרינקט זיך
דאָס פערד און דאָס הינטל
אַ פליג — אַ העלפאַנט

„גאַלאַטע״

(באַלאַדע)

1

פון אַ שמאָל, פאַרוואָרפן געסל,
באַ דער גרויסער, לאַנגער טראַם־גאַס,
אין דער געגנט אף גאַלאַטע,
אין דער שטאָט קאָנסטאַנטינאָפּאָל,
אפן מיזרעך־עק אייראָפּע,
לעבן ברעג פון באָספאָר־אויסגוס;
באַ דעם האַפן, וואו פיל שיפן
קומען יעדן טאָג צופאָרן
פון דער וועלטס פיר אַלע עקן,
פול מיט סכוירעס, סאָכרים, מענטשן,
און מאַטראָזן — פעסטע יונגען —
אָט פון דאָרט וויל איך דערציילן...

2

באַ דעם שמאָל, פאַרוואָרפן געסל,
אף דער גרויסער, לאַנגער טראַם־גאַס,
אין דער געגנט אף גאַלאַטע,
אין דער שטאָט קאָנסטאַנטינאָפּאָל, —
האָבן מענטשן אויפגעבויעט
הויכע און געדיכטע הייזער;
און אין זיי פיל גרויסע קלייטן,
שטאַרק־באַלויכטע רעסטאָראַנען,
וואו עס זיצן פיר קלעזמאָרים
און זיי שפּילן מאַרשן, לידלעך;
וואו באַ טירן שטייען מיידלעך
אַף אַריינצורופן קוינים,
דאָרט אַ גלעזל ביר צו טרינקען
און אַביסל אָפּצורוען...

3

באַ דעם שמאָל, פאַרוואָרפן געסל,
אף דער גרויסער, לאַנגער טראַם־גאַס,
אין דער געגנט אף גאַלאַטע,
אין דער שטאָט קאָנסטאַנטינאָפּאָל,
קאָכט און זידט ווי אין אַ קעסל:
גאַנצע טעג מוזיקן שפּילן
ווילדע מישמאַשן פון טענער;
טאָמיד גייען דאָרט אין גאַסן
פוסט־און־פּאַסטע גאַסן־יונגען:
טערקן, גרעקן און מאַטראָזן;
כאַכנעס מיידלעך — ווייס־געפּודערט,
רויט־געפאַרבטע באַקן, ליפּן,
קורצע קליידלעך, בלויע זאָקן,
מאַמזער־אויגן, פייער־וואונקען,
רונדע היפטן, פלאַכע שמייכלען,
אין די מיילער — ציגאַרעטלעך...

4

אף דעם שמאָל, פאַרוואָרפן געסל,
אין דער געגנט אף גאַלאַטע,
זענען אַלע פענצטער, טירן,
גאָר געדיכטע איינס באַ צווייטע;
צוגעקאָוועטע מיט גראַטעס,
פונקט אַזוי ווי אין אַ טפיסע...
יעדע טיר האָט זיך אַ שילדל,
וואו מיט ווייס אף רויט געשריבן:
„מאַדאַם ראָזע״, „מאַדאַם זשעניע״,
און פאַרשידענע נאָך נעמען...

ס׳איז געמאַכט, מען זאָל דערקענען
ווער געווען אַמאָל איז דאָרטן,
און געדענקען יענעם טאָג־אײַן־טאָג־אויס,
וואָס געשאַפט האָט „מאַדאַם ראָזע״;
ווי זי האָט מיט אירס אַ שמייכל,
פאַר אַ לירע נאָר איינגאַנצן,
יעדן צוגעגרייט זיין ווילן:
מיידלעך דאַרע, מיידלעך יונגע,
אַ סאָלידע — אַ „גראַנד־דאַמע״,
אָדער גאָר אַ „מאַמעס טאָכטער״,
צי אַ מאַנס אַ ווייב (ניט לאַנג נאָך
איז פון כאַסענע... סאַד סוידעס)...
און דאָס רויטע שילדל לייכט זיך:
ווינקט און רופט: צו „מאַדאַם ראָזע!״...

5

אויף דעם שמאָל, פאַרוואָרפן געסל,
אין דער געגנט אַף גאַלאַטע,
הינטער די מיט שילדלעך טירן,
הינטער די מיט גראַטעס פענצטער,
זיצן טאָג ווי נאַכט דאָרט מיידלעך,
יונגע, אַלטע, ווייס־פאַרשמירטע,
רויט־באַפאַרבטע ליפּן, באַקן;
שווער איז דאָרט זיי צו דערקענען
וויפל יאָרן יעדע האָט שוין.
אַלע האָבן ווי איין פּאַנים...
איינע זיצט זיך דאָרט, ווי לילים,
מיט צעלאָזטע האָר די בלאָנדע,
אין די פּערל־ציין — ס׳ציגאַרל,
לאָזט אַרויס דעם רויך געדריידלט...
און אַ צווייטע זיצט האַלב־נאַקעט,
ברומט זיך אונטער נאָז אַ לידל:
פון אַ ליבע אַ פאַרשפּילטע —
צוגעפּאַסט צו אַ מעלאָדיע...
און אָט זיצט ביים צווייטן פענצטער
נאָך אַ קינד — אַ יונגע מיידל,
גלאַט־פאַרקעמט, מיט לאַנגע צעפּלעך,
אין אַ פאָרם — אַ גימנאַזיסטקע...
יעדע שמייכלט, ווינקט מיט אויגן;
רופט אַריין פון גאַס די מענער...
זיי דערקענען שוין צו וועמען
וואָסער שפּראַך זיי זאָלן רעדן...
צו אַ רוסישן: — „גאָלובטשיק״!
צו אַ טערק: — „עי, סאַן עפענדי״!
צו אַ גרעק: — „קיריע אַריסטאַ״!
אַ גרוזינער: — „שען באַטאָנאַ״!
צו אַן ענגלענדער: — „יו, דאַרלינג״!
אַ פראַנצויז: — „האַללאָ, מאָנסיור״!...
ס׳איז אַ מישמאַש דאָרט פון קוילעס;
איינע שרייט דער צווייטער איבער...
און אַז ס׳שטעלט זיך ווער אַוועק דאָרט
אַף דעם געסל דאָס באַטראַכטן, —
ווייזט זיך אין אַ טיר אַ „גראַבע״ —
ס׳איז געוויס אַ „מאַדאַם ראָזע״, —
און זי בעט: ניט שטערן „לייזן״;
ס׳איז דאָך אירע אַ פּאַרנאָסע...

6

אויף דעם שמאָל, פאַרוואָרפן געסל,
אין דער געגנט אַף גאַלאַטע,
הינטער די מיט גראַטעס פענצטער,
צווישן אַלערליי דאָרט מיידלעך,
איז אויך דאָ אַ אידיש מיידל,
וועגן וועלכער כ׳וויל דערציילן:
(כאַווע האָט זי ווען געהייסן.
איצטער רופט זי זיך שוין עווא).
און אויך זי, אַזוי ווי אַלע,
מוז זיך פּוצן און זיך פאַרבן,
און פאַרשמירן האָר די ווייסע, —
קעדיי אין אַוונט, זיך האַלב־נאַקעט
באַ דעם פענצטער צוצוזעצן;
צו פאַרבייגייער מאַטראָזן
ווינקען וואָרפן, בעטן, רופן...
שוין אַזוי זעקס לאַנגע יאָרן...

האָט קימאַט שוין ווי פאַרגעסן
ווי זי איז אַהערגעקומען;
אייביק נאָר דאָס זעלבע לעבן,
שטענדיק אַלץ די זעלבע צאָרעס...

7

קומט אַמאָל אַ צייט אין אוונט,
אַף דעם שמאָל פאַרוואָרפן געסל,
אין דער געגנט אַף גאַלאַטע,
נאָענט פון די גראַטע־פענצטער,
דאָרט וואו כאַווע זיצט זיך טאָמיד, —
שטעלט אַוועק זיך אַ שאַרמאַנקע,
שיין באַפּוצט מיט פאַלשע בלומען...
אַף אַ טישל איז דאָס קעסטל;
אַ געזונטער טערק, אין מיצל,
דרייט דאָס רעדל, שפּילט אַ וואַלצל;
שפּילט אויס טרויעריק, געלאַסן...
און פון ערגעץ, פון אַ פענצטער,
פאַלט אַ פּיאַסטער אין פּאַפּירל —
פאַר דעם שפּילער אַ בעדאַנק...
כאַווע וואַרפט אויך איר מאַטבייע;
בעט דעם טערק, ער זאָל נאָך שפּילן;
ווייל ווי לאַנג עס שפּילט דער קאַסטן,
ווערט איר גרינגער אַפן האַרצן...
זי דערמאַנט זיך אין איר יוגנט,
זי דערמאַנט זיך אירע ליבע,
אין איר טאַטן, מאַמען, ברידער,
אין איר אַלטער היים, דער זיסער...
זי דערמאַנט זיך אין רומעניע,
אין איר שטעטל — לעבן יאַסי;
אירע כאַווערטעס, באַקענטע...
און דערנאָך — אַ ציטער טוט זי —
זי דערמאַנט זיך, ווי אין שטעטל
איז אַמאָל אַראָפּגעקומען
פון דער שטאָט, פון יאַסי גופא,
דער געפּוצטער עלע שערער...
שיינע אויגן... אַ בלאָנדינער...

ווי ער האָט זי ליב באַקומען;
און מיט איר שפּאַצירט צוזאַמען;
אייביק ליבן זי, — געשוואוירן...
ווי זי האָט אים אָנגעטרויעט
פון איר טייערסטן פאַרמעגן...
דאַן האָט ער געקושט, געבעטן,
זי זאָל מיטפאָרן קיין אויסלאַנד, —
דאָרט אַ כופּע שטעלן, לעבן...
אויסגעמאָלט אַ שיינע צוקונפט...
און זי האָט די שטוב פאַרלאָזן;
מיט דעם טאַטן ניט געזעגנט;
ניט אַ קוש געטאָן דער מאַמען, —
איז מיט אים אין וועלט אַנטלאָפן...

8

די שאַרמאַנקע שפּילט איר לידל,
און פאַר כאַווען שווימט אַן בילדער:
אַף אַ שיף איז זי געזעסן —
אַף אַ שיף — אַ גרויסע, ריזיק!...
און דערזען האָט זי: איר עלע
האָט געקושט זיך מיט אַ צווייטער —
אויך אַ מיידל פון איר שטעטל,
(אויך מיסטאָם אַן אָפּגענאַרטע)...
אַף צומאָרגנס נאָך פיל ערגערס
זי דערזען האָט פון דעם „מערדער“...
ס'האָט אַ שאָס, ווי פון האַרמאַטן,
איר אַ ריס געטאָן אין מויעך,
פון אַרומגעכאַפּטן שווידער:
„הייסט עס, כ'בין ביי אים ניט איינע?“
דאַן האָט זי באַשטימט: אַנטלויפן!
און צוריק צו טאַטע־מאַמע!...

9

און אַט ווייטער זי דערמאַנט זיך:
ווי אין שטאָט זי איז געקומען,
אין דעם גרויס־קאָנסטאַנטינאָפּאָל,
אין דער געגנט אַף גאַלאַטע...

גרויס די שטאָט איז, אַזש אַ מוירע!...
אַף די גאַסן שפּאַנען מיידלעך...
פּרעמדע שפּראַכן... גריכיש, טערקיש,
מאָדנע צורעס, אומבאַקאַנטע...
און זי בלאָנדזשעט... ס'איז שוין אָוונט;
האָט קיין אָרט ניט וואו צו שלאָפן...
און אין טאַש — קיין געלט, אַ גראָשן;
און דער הונגער שטיקט און נודיעט...
און די פּיס — אָט נאָר צו פאַלן...
פּלוצלונג צוויי באַקענטע ווערטער!
„דאכט זיך אידיש?" יאָ, ס'איז טאַקע
שוועסטער צוויי, זיי רעדן אידיש...
כאַווע שטעלט זיי אָפּ מיט מוירע
און דערציילט איר צופאַל, טרויער;
און זי בעט אַן אָרט צום שלאָפן,
און זי בעט זיך ברויט צום עסן...

10

ס'שפּילט נאָך ווייטער די שאַרמאַנקע,
נאָר איר לידל ווערט מער טרויעריק;
ס'כאַלעמט ווייטער אַלץ נאָך כאַווע,
נאָר דער כאַלעם ווערט מער פינצטער...
און די מיידלעך זאָגן כאַווען
פון אַ מומען, פון אַ קרויווע,
וואָס אַליין איז פון רומעניע;
ז'איז אַ גוטע — באַרעמהאַרציק,
(און ווער שמועסט צו רומענער!)...
און זיי פירן זי אין געסל...
ס'איז שוין טונקל דאָן געוועזן,
נאָר אין פענצטער, אין באַלויכטע,
האָט זי גלייך דערזען, האַלב־נאַקעט
פרויען, מיט די הוילע בריסטן...
— וואָס איז דאָס? און אַף איר פראַגע
האָבן זיי איר אָפּגעענטפערט:
— ס'זענען ווייבער פון מאַטראָזן;
זענען פון די ווילדע געגנט,
וואו די מענטשן גייען נאַקעט;
ווייסן דאָרט ניט פון קיין בושע...
און זיי פירן זי אין שטיבל
צו אַן אייגענער, אַ קרויווע,
וואו מען האָט זי אויפגענומען:
צוקער, האָניק, זיסע טייגלעך,
און דערנאָך . . . . . .
. . . .

11

— „שפּיל, שאַרמאַנקע, נאָך אַ לידל!"
שפּיל נאָך ווייטער! נעם אַ פיאַסטער!
דריי דאָס הענטל — גיכער, פעסטער!
זאָלן אַלע סטרונעס פּלאַצן!
לאָמיך ווייטער זען מיין כאַלעם!" —
שרייט אַרויס פאַרצווייפלט כאַווע...
נאָר פאַרשטומט איז די שאַרמאַנקע,
לאַנג אַוועק שוין ווייט פון געסל...
ס'הערט זיך מער שוין ניט דאָס שפּילן.
ס'הערט זיך נאָר אַ ווילדער רופן:
„עי, יו מיסטער!" „העי, עפענדי!"
„קום אַריין, גאָלובטשיק, רוסקי!"...
און אַף כאַוועס האַלדז — אַ גראָבע
האַנט, אַ פעטע, האָט געלייגט זיך...

12

אַף דעם שמאָל, פאַרוואָרפן געסל,
אין דער געגנט אַף גאַלאַטע,
הינטער די מיט גראַטעס פענצטער,
הינטער שילדל: „מאַדאַם ראָזע",
שפּילט דאָרט גראָב אַ פיאַנע וואַלצן.
טענער פירן אַ מאַכלויקע —
אַ געשלעג — ווי אַ מילכאָמע...
און עס דרייען זיך דאָרט פּאָרלעך,
טאַנצן ווילד־אַרומגענומען...
שטאַרק־באַרוישטע שיקער־קושן,
קאָמפּלימענטן פון מאַטראָזן —
האַלב־געזידלט, האַלב־געבעטן...

כאַוועז שלעפּט ווער הינטער ווענטל,
אין אַ צימער, צו פאַרוויילן...
שלעפּט זי זיך מיט שוואַכע קויכעס,
אים די טאַיווע דאָרט צו שטילן, —
און דעם פולן טייסטער, ראָזעס,
פאַר איר „עסן" — פולער מאַכן...
ביז זי פאַלט שוין אויסגעמאַטערט
אף איר בעטל. זי מוז רוען,
גרייט זיין מאָרגן, אַרום אָוונט,
זיך באַם פענצטער ווידער זעצן...

13

אף דעם שמאָל, פאַרוואָרפן געסל,
אין דער געגנט אף גאַלאַטע,
הינטער די מיט גראַטעס פענצטער,
איז היינט רואיק. ניט ווי שטענדיק.
ס'זיצן איינזאַם אין אַ פענצטער
בלויז אַ פּאָר געפאַרבטע מיידלעך...
ס'ראָוו איז פרי אין שטאָט געגאַנגען;
כ'איז יאָמקיפּער. מ'איז דאָך אידן.
(ס'ציטערט דאָך אַ פיש אין וואַסער)...
און דעריבער, צו קאָל־נידרע,
האָט היינט ראָזע אָפּגעלאָזן
אַלע מיידלעך — אידיש־קינדער,
אַ גוט יאָר זיך אויסצובעטן,
אין דער שול, וואָס איז אף „פּעראַ",
וואו עס דאַוונט היינט אַ כאַזן
פון אָדעס, מיט זיינע זינגער...
דאָרט אַוועק איז אויכעט כאַווע —
כ'ביטער האַרץ זיך אויסצוגיסן...

14

אין דער שול, וואָס איז אף „פּעראַ",
איז געפּאַקט פון פרויען, מענער —
קעפּ אף קעפּ!... מען איז געגאַנגען
גאָט דעם גוטן דאָרט אָפּנאַרן:
מיט אָ טפילע, מיט אָ צוזאָג,
בעסער זיך פון איצטער פירן.
אַבי נאָר דאָס גוטע קוויטל
אויסצובעטן און באַקומען...
ס'איז נאָך שטיל דערוויילע דאָרטן.
נאָר אין פּאָליש, באַ די „טעלער",
וואו עס זיצן „ראָזעס" מענער,
שיט זיך געלטער: פּיאַסטערס, לירעס;
פאַר דעם כאַזן, טאַלמוד־טוירע,
פאַר דעם שאַמעס, אָרעם־קאַלעס,
און פאַר לאָמדים, פּאַלעסטינע...
„ראָזעס", „סאָניעס", וואַרפן געלטער,
מיט דער ברייטער האַנט—נעדאָוועס;
פון פאַרדינסטן „אים" אַ כיילעק;
ווילן „אים" איצט איבערקויפן
מיט אַ טשואווע, טפילע, צדאָקע...
אָט גיט ווער אַ קלאַפּ אין שטענדער,
ס'ווערט אַרום אַ טויטע שטיקע...
פּונקט ווי לעכט עס צאַנקען אָטעמס,
ווי די פלעמלעך צאַפּלען הערצער...
צו די שטענדערס ציט דער אוילעם,
צום באַלעמער גייט דער כאַזן...
ס'הייבט זיך אָן די טפילע־זאַקע
ביי אַ ציטערדיקער שטילקייט...
נאָר פון ווייבער־שול, פון אויבן,
פון באַלקאָן, פון עזראַס־נאָשים, —
הערט זיך צייטנווייז אַ כליפּען,
וועלכע רייסט די שטילקייט איבער...
כ'קומט אַרויס, אין טאַלעס־קיטל,
אַן אָנגעפרעסן־זאַטער פּאָנים,
און מיט שוואַכער ציטער־שטימע —
אייסגעמישט מיט גנייווע־בליקן —
זאָגט ער אָפּגעציילט, געפּערלט,
יעדער וואָרט: „אַל דאַאָס האַמאָקוים",
און דערצו: „אַל דאַאָס האַקאָהאָל";
„ער" דערלויבט, עס זאָלן בעטן —
גלייך אין שול, מיט אַלע מענטשן —
אייך די גרעסטע באַל־אַווירעס...

15

איז צעגאַנגען זיך דער כאַזן
מיט געזאַנג. און זיינע זינגער
העלפן צו. און דער קאָל־נידרע
קומט אַרויס געטאַקט, געשליפן...
מענער סמאַטשקען מיט די ליפּן:
— „ס'איז אַ וואונדער־שיינע קיילע"...
און אין ווייבער־שול — אַ יאָמער,
קאָנען גאָר צו זיך ניט קומען:
מ'איז דאָך ווייבער, האָט מען צאָרעס...
כאַווע שטייט און הערט דעם כאַזן,
ווי ער דריידלט, טרילערט ווערטער...
און זיין שטימע — אַ באַקאַנטע;
האָט אין ערגעץ שוין געהערט זי...
פּלוצים — אַ געשריי ווערט: וואָסער!
ס'איז געפאַלן ווער כאַלאָשעס!...
דאָס איז כאַווע!... וואָס געשען איז?
ס'איז דער כאַזן כאַוועס טאַטע.
זי האָט אים דערקענט אין זינגען...
ס'ווערט איר קאָפּ מיט בליי פאַרגאָסן,
אין די אויגן — אַ געשווינדל...
אַ געשריי אויף קאָל געגעבן:
— „טאַטע, מאַמע, ברידער מיינע!"
און ניט מער צו זיך געקומען,
דאָרט אין שול שוין אָפּגעשטאָרבן...

16

אויף דעם שמאָל, פאַרוואָרפן געסל,
אין דער געגנט אויף גאַלאַטע,
ציט זיך איינזאַם אַ לעוואַיע...
אין אַ קאַסטן פון זעקס ברעטער
ליגט דאָרט כאַווע, רוט דאָרט כאַווע...
ס'גייט ניט נאָך קיין שום באַגלייטער;
טרערן בלויז אַ פּאָר, פון מיידלעך
(און דאָס נאָר פון הינטער פענצטער)...
ווער, בעעמעס, זאָל דאָרט ווײנען? —
ס'איז אַ „מיידל" נאָר געשטאָרבן...
„מאַדאַם ראָזע" זאָרגט זיך ווינציק:
ליידיק וועט ניט בלייבן ס'בעטל;
ס'זענען דאָ נאָך צען פּאָר איינע...
ס'זענען בלויז אַ שאָד די לירעס,
וואָס עס קאָסטן די טאַכריכים...
נאָר נישקאָשע, מיידלעך, גיכער!
ס'איז שוין אָוונט! גייט צום פענצטער!
מ'דאַרף די לירעס זען פאַרדינען!...

17

אויף דעם שמאָל, פאַרוואָרפן געסל,
באַ דער גרויסער, לאַנגער טראַם־גאַס,
אין דער געגנט אויף גאַלאַטע,
אין דער שטאָט קאָנסטאַנטינאָפּאָל,
אין דעם מיזרעך־עק אייראָפּע,
לעבן ברעג פון באָספאָר־אויסגוס;
הינטער די מיט שילדלעך טירן,
הינטער די מיט גראַטעס פענצטער,
זיצן טאָג ווי נאַכט דאָרט מיידלעך...
און אַז ס'קומט אַ צייט אין אָוונט,
שטעלט אָוועק זיך אַ שאַרמאַנקע, —
שיין באַפּוצט, און שפּילט אַ לידל;
וועקט באַ מיידלעך די כאַלוימעס
פון דער זיסער, ליבער יוגנט...
. . . .

18

שפּיל, שאַרמאַנקע, נאָך אַ לידל!
נעם די פענעס, גראָשנס, פּיאַסטערס!
זאָלן אַלע סטרונעס פּלאַצן!...
זאָג, וואָס טוט זיך הינטער פענצטער,
אויף די שמאָלע אונטערגעסלעך,
פון די גרויסע שטעט, די פרומע,
אין די רייך־מאָדערנע לענדער,
אין די דאָרטיקע גאַלאַטעס!...

* * *

אין אַ ווינטער נאַכט

(באַלאַדע)

אַ פראָסט האָט צעלייגט זיך אינדרויסן, עס שיט זיך אַ שניי,
און אַלץ איז אין דרימל פאַרטייעט אין ווייסן געדריי.
ס'איז שפּעט שוין אינדרויסן, עס קיניגט אַ פורכטיקע נאַכט,
די לאָדן אף פענצטער זיי זענען פאַרשפּאַרט און פאַרמאַכט...
פון וייטן יאָגט אָן זיך אַ שליטן מיט גלעקל־געקלאַנג, —
עס פורשקען די פערד מיט די פּיסקעס אין האַסטיקן גאַנג;
אַ הונט האָט אין אומרו צעלאָזט זיך אין לאַנגן געוואָי,
וואָס גיסט אָן אַ פּאַכעד אין האַרצן — אַ מוירע אַזוי...
דאָן זיצן אין שטוב מיר, די קינדער. דער אויוון איז הייס;
ווער ס'זיצט אף אַ בענקל און ווער באַ דער מאַמען אף שויס...
מיר קוקן דער מאַמען גאַנץ טיף אין די אויגן אַריין,
וואו ס'שפּיגלט זיך אין זיי פון פייער אַ רויטלעכע שיין...
ס'איז שטיל און ס'איז רואיק אין שטוב דאָ. עס גרילצט בלויז אַ גריל, —
באַהאַלטן וואו ערגעץ אין וואַנט, צווישן אויוון און דיל...
דער זייגער אף וואַנט קלאַפּט צעצויגן אין סיידער טיק־טאַק!
קאַרטאָפל אין פייער זיך בראָטן; זיי קנאַקן געשמאַק...
מיר וואַרטן ביז קומען דער טאַטע צוריק ווערט פון וועג
און ברענגען פאַר אונדז מיט זיך שיינע מאַטאַנעס אין זעק...
געוואַרט שוין אַ שאָ און שוין צוויי, ניט מען זעט, ניט מען הערט, —
צי איז ניט, כאַלילע, דעם טאַטן אַן אומגליק באַשערט?...

די מאַמע, זי ציטערט און גיט יעדע ווייל זיך אַ ריר;
אַ בליק מיט דערוואַרטונג זי וואַרפט אַלץ קעסיידער צום טיר;
נאָר אַלץ איז ווי פריער. מען הערט ניט. אַלץ כאַלעמט פאַרטראַכט.
און פונקט ווי געכאַלעמט וואָלט גאָר נאָר די פורכטיקע נאַכט...
און אויך ווי די נאַכט איז די מאַמע פאַרכאַלעמט אַליין
און קוקט מיט די טרויריקע אויגן אין פייער אַריין...
נאָר פּלוצלונג אַ ציטער אָט גיט זי און טוט זיך אַ גלייך:
— כ'וועל, קינדער, אַ מאַיסע, אַ שיינע דערציילן דאָ איך; —

* * *

„געשען איז די מאַיסע שוין גאָר פון אַ לאַנג־לאַנגער צייט,
אין ערגעץ אַ שטעטל, אַ העק, אַ פאַרוואָרפנס און ווייט.
געוועזן איז אַ איד דאָרט, אַ פרומער — סאַקאַנעס, און אַלט,
אַ גרייז־גרויע באָרד, און אַ פּאָנים — מיט שכינע באַשטראַלט;
אַ גרויסער באַל־צדאָקע געוועזן ער, אַן גאַיווע, אַן גייץ;
געהאַנדלט האָט ער באַ די פריצים די וועלדער און ווייץ...
האָט ער ביי אַ פאַרעץ זיך איינמאָל פאַרזעסן ביז שפּעט,
פון וועגן אַ וואַלד האָט ער דאָרט זיך פאַרשמועסט, פאַררעדט...
גערעדט שוין אַ שאַ, און אַ צווייטע, באַם גלעזעלע טיי, —
אינדרויסן איז פראַסטיק — עס שיט זיך געדיכט אַלץ אַ שניי...
איז וואָרט ער ביז שטילער וועט ווערן אינדרויסן די קעלט;
ביז שניי און ביז ווינט וועט כאָטש ווערן אַביסל געשטעלט...
נאָר ווי צו לעהאַכעס: דער שניי אַלץ זיך שיט און זיך שיט,
דער ווינט האַלט אין פייפן און זינגט זיך קעסיידער זיין ליד;
ביז וואַנען ס'איז שפּעט שוין געוואָרן — די צוועלפטע שאָ
אין נאַכט. אין דער היים איז אַ ווייב דאָך אַן איינזאַמע דאָ...
האָט ער זיך דערמאַנט אין זיין ווייב, און עס אַרט אים, פאַרדריסט,
וואָס ר'איז דאָ געזעסן אַ צייט און געוואָרט אַלץ אומזיסט...
נו, מיילע, פאַרפאַלן! — טוט ער מיט די הענט זיך אַ קלאַפּ;
זיין פוטערן פעלצל און שטעקן גיט ער באַלד אַ כאַפּ;
געזעגנט זיך גיכער און זאָגט צו אַן אַנדערש מאָל זיין,
און לאָזט זיך אין וועג אַריין, פריילעך, גאַנץ איינער־אַליין...

„ניט ווייט איז פון פאַרעץ, פון דערפל — צום שטעטל דער וועג,
נאָר אַלץ איז פאַרשאָטן — קיין סימען, קיין צייכן פון שטעג...
אַרויס פונעם הויף נאָר — אַרום איז אַלץ וויס שוין, העל־בלאָ, —
נאָר ער האָט קיין מוירע: דאָרט זענען קיין כאַיעס ניטאָ...
און ער קען דעם וועג גוט — ניט איינמאָל געשפּאַנט אַף אים שוין;
ער קען יעדעס שטיינדעלע, צווייגעלע, יעטוועדער בוים...
אַ כוץ דעם — ביטאָכן האָט ער דאָך צו גאָט דאָרט אַרויף,
און נעמט זיך גאַנץ האַסטיק צו שפּאַנען אַוועק פונעם הויף...
וואָס ווייטער אַלץ גייט ער און טרעט ער מיט זיכערע טריט, —
אים אַרט ניט אַפילע וואָס ער ווערט פון שניי וויס באַשיט...
נאָר גיכער אַלץ שפּרייזט ער, ער פילט אונטער זיך ניט דעם וועג,
ער נעענטערט צום שטעטל און ווייטערט פון הויף אַלץ אַוועק...
דער שניי שיט אַלץ שטאַרקער. דער ווינט פייפט און דרייט זיך אין ראָד;
ער טאַנצט און ער זינגט אַף די טעלעגראַף־סלופּעס און דראָט...

„אַט איז שוין דאָס שטעטל! עס זעט זיך אין ווייסן געהילט!
אַלץ שלאָפט דאָרט שוין רואיק, בלויז ערגעץ אַ הונט האָט געבילט...
אַט איז ס'בייס־האַקוואַרעס — דאָס אויך שוין געגאַנגען פאַרביי.
אַט איז שוין די שול־גאַס, וואו ער דאַרף זיך טאָן אַ פאַרדריי...
שוין זעט זיך פון ווייטן זיין הייזל אין שנייאיקן רוים,
נאָך עטלעכע טריט בלויז — באַלד איז ער צוריק אין זיין היים...
נאָר גאָט! וואָס איז ליכטיק? ווער איז דאָס אַצינדערט אין שול? —
ס'באַפאַלט אים אַ פּאַכעד, ער ווערט שיר פון קלערן פאַרדולט;
ער צאַפּלט אין אַנגסטן, פאַרשטייט ניט, וואָס קאָן עס דאָ זיין?
די לעכט וואָס באַטייטן אין שול דאָרט, די העל־ווייסע שיין?...
פּאַוואָליע שפּאַנט ער צו צום פענצטער, דער אַלטיטשקער איד,
עס ציטערן אַזש זיינע גלידער, עס צאַפּלען די טריט...
אין שול איינעווייניק, באַטאַלעסטע אידן ער זעט —
און קאָן ניט באַגרייפן וואָס טוען זיי דאָרט אַזוי שפּעט...
וואָס זאָל עס גאָר מיינען דאָס דאַוונען, דאָס טרויער־געזאַנג?...
און פּלוצלונג פאַלט אים איין אין מויעך אַ שווערער געדאַנק:
צי זאָל דאָס ניט זיין גאָר די כעוורע, ניט גוטע, אַמאָל?...
יאָ, כ'לעבן, ער זעט דאָך ניט דאָרט קיין באַקענטן צומאָל...
ער בלייבט שטיין פאַרגליווערט באַם פענצטער, ניט־לעבן—ניט־טויט,
און דאָ אַט דערהערט ער, מען רופט אים צו טוירע: „יאַמויד!"...
זיין נאָמען געהערט האָט ער בוילעט אויסרופן פון „זיי", —
האָט ער זיך, פאַרשטייט זיך, דערשראָקן, געטאָן אַ געשריי...
נו־נו, האָבן „כעוורע" אים ווידער גערופן אַמאָל,
און ער שטייט פאַרשטייפט און ער ווייסט ניט וואָס טוען ער זאָל...
איז אַט ווי ער שטייט און ער קלערט דאָרט אַ ווייל, אַ מינוט, —
דערהערט ער ווי ווידער מען רופט אים — אַזש ס'קילט אים זיין בלוט...
נעמט אים שוין פאַרדריסן וואָס ער האָט געפּאַטערט די צייט,
און לאָזט זיך גיך לויפן צום רעוול, וואָס וואוינט דאָ ניט ווייט...

* * *

„אַזוי ווי געטראָגן אָף פליגל, אין גרויסן געאייל, —
ז'געלאָפן דער אַלטער, געדויערט האָט אים בלויז אָן איינציקע ווייל.
געקומען צום רעבן — איז יענער אין בעט שוין געוועז,
נאָר דאָך האָט דער ראָוו אים געהייסן דערציילן וואָס ס'איז אים געשעזן...
דערציילט ער, דער אַלטער, דעם רעבן, די מאַיסע אָף גיך,
און פרעגט אים אָן אייצע ווי פון אָט דער צאָרע צו ראַטעווען זיך...
(דער ראָוו האָט אַ שעם פון אַ איד מיט אַ גאָר קלוגן קאָפּ),
כאַפּט ער דאָס כאַלאַטל, די שטעק־שיך און קריכט פון געלעגער אַראָפּ;

ער גלעט זיך דאָס בערדל און דרייט זיך אַהער און אַהין —
ער מישט אויף אַ סייפער און נעמט אין גאַייל אין אים זוכן אַ דין...
געזוכט און געזוכט, נאָר געפונען האָט ער ניט קיין האָר,
צי ווייל ר׳האָט פאַרגעסן וואו זוכן, צי ס׳איז ניט געוועזן דאָרט גאָר; —
דאַן קלערט ער אַ ווײַלע און זאָגט — אַזש עס קריצן די ציין:
„רעב איד, אַז מען רופט צו דער טוירע, קאָנט איר גאָרניט העלפן, נאָר גיין!...“
ער אײַצעט דעם אַלטן מיטנעמען דעם טאַלעס מיט זיך,
זיך גוט אײַנצוהילן אין אים, און אַרײַן אין דער שול זאָל ער גיך;
ניט קוקן אף קיינעם, נאָר צוגיין געלאָסן צום טיש,
אָפּזאָגן די בראָכעס, אַ קוש טאָן די טוירע מיט פינגער אַ וויש, —
און דאַן הינטערווײַלעכץ אַרויסגיין פון שול זאָל ער שטיל,
נאָר זען אַלץ ביז דרויסן צו האַלטן דעם קאָפּ אינעם טאַלעס פאַרהילט...

„דער איד האָט די אײַצע פון רעבן מיט פּאַכעד געהערט, —
געלאָפן איז ער צו דער שול, ניט געפילט אונטער זיך אַזש די ערד;
געטאָן אַקוראַט ווי דער רעבע געהייסן אים האָט:
געזאָגט „שמאַ־איסראָעל“ דריי מאָל מיט קאַוואָנע, אוי העלף מיר מיין גאָט!
אַרויף צו דעם שולכאָן, געזאָגט דאָרט די בראָכעס מיט שרעק,
און גלייך זיך גענומען אָפּרוקן פון שולכאָן צוריק שוין אַוועק...
נאָר ווען ר׳איז געווען שוין קימאַט ביי דער טיר באַלד צוריק, —
האָט שטאַרק אים פאַרוואָלט זיך צו וואַרפן כאָטש עטוואָס אַן אײַנציקן בליק, —
געעפנט דעם טאַלעס האָט ער אף אַ שפּעלטעלע־קליין, —
און ס׳איז אף זיין פּאָנים געפאַלן אַ פּאָסיקל בלענדיקע שיין:
געזען האָט ער אין דעם ווי „כעוורע“ זיי טאַנצן פאַרשייט, —
האָט ס׳האַרץ אים פאַרכאַלעשט, איז גלייך אפן אָרט אומגעפאַלן און — טויט...

* * *

„פאַרטאָג, ווען דער שאַמעס פון שול איז צו שאַכרעס געקומען צוגיין,
האָט ער דאָרט דעם אַלטן, אַ טויטן אין טאַלעס, גלייך ליגן דערזען:
געמאַכט אַ געוואַלד און גאַנץ שטעטל ז׳געקומען צולויפן אף גיך, —
געבליבן פאַרגאַפט איז דער אוילעם, ניט אויפגעהערט וואונדערן זיך, —
ביז ראָוו האָט דערציילט פאַרן אוילעם וואָס דאָרט איז געשען יענע נאַכט,
און „כעוורע־קאַדישע“ — דעם קאַדעש צו קיווער־איסראָעל געבראַכט...
און ווייל ס׳האָט דער אַלטער קיין יורעש, קיין זון ניט געלאָזן נאָך זיך,
האָט שאַמעס דעריבער אַליין שוין דעם קאַדיש געזאָגט אין דער גיך...
דער אוילעם, פאַראָוולט יעטוועדער, אַהיים איז געגאַנגען גאָר שטיל,
פאַרדראָסיק געטשמאָקעט די ליפּן, געזיפצט מיט ראַכמאָנעס־געפיל...
נאָר ס׳וויב זיינס, די אַלטע, האָט אַלץ בעשום אויפן ניט גלויבן געוואָלט,

אַז מ׳האָט דאָס איר אַלטן געבראַכט צו דער קוואורע — ווי איז עס געמאָלט ?...
און ווי עס דערציילן נאָך היינט די גאַנץ־אַלטע, גאָטספאָרכטיקע לייט,
וואָס קומען פון יענע מעקוימעס צו אונדז דאָ אַהער פון דער ווייט, —
זיצט זי נאָך אַד־האַיעם, די אַלטע — איר פּאָנים ווי פאַרמעט פאַרגעלט,
זיצט איינע אַליין אין איר כיידער פאַרשלאָסן, פאַרשפּאַרט פון דער וועלט,
און קוקט אַלץ אין פענצטער, הערט איין זיך צום מינדסטן באַוועג,
אַז עפשר קומט פאָרט אָן איר אַלטער פון יענעם ביינאַכטיקן וועג...
זי רעדט ניט צו קיינעם. איר מויל איז פאַרשלאָסן — נאָר מאַמעש ווי שטום.
בלויז צייטנווייז טוט זי אַ שריי אויס אַ פלוך מיט אַ פיינלעכן ברום, —
מיט טאַינעס צום רעבן פאַרוואָס ער האָט דאָס ניט באַצייטנס פאַרווענדט,
אַז וויסן זאָל יעדער, זיך היטן פון פאַר דער צייט ווערן פאַרלענדט...
דער ראָוו האָט דעריבער צעשיקט אַ „קויל־קוירע״ גלייך איבער דער וועלט,
און וואו נאָר אַ אישעוו האָט מען די אַזהאָרע אַהין צוגעשטעלט...
איצט ווייסט מען אין אַלע קעהילעס ביי אידן פון נאָענט און ווייט,
אין באָטע־מעדראָשים ביינאַכט קומען דאַוונען די „פינצטערע״ לייט...
איז ווי נאָר זון זעצט זיך, באַקוקט מען די ציציס, מען שפּרייט זיי אַרויס,
און מ׳היט זיך ניט צוגיין, כאָלילע, נאָך כצאָס צו אַ הייליקן הויז...״

* * *

געענדיקט די מאַמע די מאַיסע, און ווידער געוואָרן איז שטיל.
בלויז ערגעץ ביים אויוון, ווי פריער, האָט אַלץ נאָך געגרילצעט דער גריל.
מיר האָבן געקוקט אויף דער מאַמען גאַנץ טיף אין די אויגן אַריין, —
דערשראָקענע טרערן ביי אונדז זענען פאַרטיק געווען צום געוויין...
דער זייגער אויף וואַנט האָט געקלאַפּט אַלץ פאַטרויערט אין סיידער טיק־טאַק!
קאַרטאָפל אין פייער זיך האָבן געבראָטן, געקנאַקט און געקנאַקט...
מיר האָבן געוואַרט אַלץ דער טאַטע זאָל קומען צוריק שוין פון וועג
און ברענגען פאַר אונדז אָט די שיינע דערוואַרטע מאַטאָנעס אין זעק...
געוואַרט שוין אַ שאָ און אַ צווייטע, נאָר אַלץ ניט מען זעט, ניט מען הערט, —
צי איז ניט, כאָלילע, דעם טאַטן אַן אומגליק געוועזן באַשערט ?...

* * *

אין געריכט-הויז

(דואָ־דעקלאַמאַציע)

— זאָג, וואָס איז דיין נאָמען? נאָר זאָג מיר געלאַסן:
ווי אַלט, און וואו האָסטו דיין הויז?...
— איך האָב ניט קיין נאָמען פאַר איך וואָס זאָל פּאַסן;
איך נעכטיק וואו ס׳מאַכט זיך מיר בלויז...

— דו ווילסט מיר ניט זאָגן? — וועט גוט זיין אַזוי אויך.
טאָ זאָג כאָטש, דיין אַרבעט וואָס איז?...
— אָ, איך בין אַ הענדלער, איך האַנדל מיט קויעך;
כ׳פאַרקויף מיין הענט און די פיס...

— וואָס הייסט דו פאַרקויפסט? און ווער צווינגט דיך פאַרקויפן?
און וועמען פאַרקויפסטו, מיר זאָג!...
— מיין בויט צווינגט מיך טאָן דאָס, און יענע וואָס זויפן
און לעבן הולטאַיאיש אַ טאָג...

— פאַר אַרבעט באַצאָלט מען! טאָ ווי קומט עס, ברודער,
וואָס דו האָסט געגאַנוועט אַ ברויט?
— פון אייער געצאָלעכץ האָלט קוים זיך דער רודער,
וואָס טיילט אָפּ דאָס לעבן פון טויט...

— טאָ זיי זשע איצט וויסן, אַז ביסט אַ פאַרברעכער
און האָסט איבערטראָטן ס׳געזעץ!...
— ס׳איז שווער אויסצומיידן געזעצלעכע לעכער,
אַרומגיין פאַרוואָרפענעם נעץ!...

— געניייווע איז זינד, און איך מוז דיך באַשטראָפן;
כ׳פאַרשיק דיך, און וויס דעם באַטייט!...
— די שטראָף וועט נאָך קומען, דאָס וויסן מיר, האָפן:
זי קומט שוין, ניט ווייט איז די צייט!...

* * *

דעם האָנס אייצע (פּאַבל)

אין אַ דראָטן שטייגל,
אַף אַ מאַרק,
געהאַלטן האָט מען פייגל
צום פאַרקויפן.
און אַנגעשיט אַ הויפן,
ווי אַ באַרג,
קערנער פאַר די אויפעס.
נאָר אַף אַזויפיל ווייט,
אין זייט,
אַז ס׳וואָלט שוין קיין שום מויפעס
ניט געמאַכט מען זאָל צו זיי דערלאַנגען.
איז אָט דערנאָך
צו וואָס עס איז דערגאַנגען:
מיט זשום און קאָך
און הינערשע קוואָקעריי,
האָבן אויפעס צו די דראָטן
פאַרויס זיך געריסן.
נאָר כאַפּן דאָרט אַ ביסן
אין ענגשאַפט, שטופּעריי,
איז זיי קיינעם ניט געראָטן.

רופט זיך אָפּ אַ קלוגער האָן:
„וואָס נוצט אייך שטיקן זיך אויבן־אָן —
און קריגן קוים אַ קאָרן
זיך צו דערקוויקן?
אַמער, (נעמט עס נאָר אין זינען):
איר וואָלט זיכער ניט פאַרלאָרן
(אַוואָדע נאָך געוואונען) —
די שטייג אינגאַנצן איבערפּיקן!"

דעם האָנס סייכל ווען מענטשן וואָלטן געהאַט,
וואָלטן זיי זיכער געוועזן זאַט...

* * *

די צוויי שפּיגלען (פֿאַבל)

אַן אַלטער שפּיגל האָט אין אַ טאָינע
צו אַ צווייטן
שפּיגל זיך באַקלאָגט:
„קאָלעגע מײנער,
וואָס קאָן דאָס באַדייטן?" —
האָט ער צו אים געזאָגט. —
„אָט בין איך דאָך אַ שפּיגל שוין פֿון קאָמאָ יאָרן,
און כ׳קאָן אַלץ ניט פֿאַרשטיין
דעם מיין,
וואָס אַזוינס עס איז געוואָרן
פֿון די הײַנטיקע לײַט.
צי פֿאַסטן זיי טאַנייסים,
צי פֿאַלן זיי סטאָם פֿון פּאָנים?
נו, אַ צײַט!...
ס׳איז מאַמעש אַ געוואַלד, —
גרויס און קליין, אַפּאָנים
יונג און אַלט,
קוקן אויס ווי מייסים...
די זעלביקע מענטשן, מיר שײַנט,
האָבן אַמאָל, ניט ווי הײַנט,
אויסגעזען פֿיל שענער..."

דערויף האָט יענער
געענטפֿערט מיט אַ לאַך:
„וואָס דאַרפֿסטו זיך דאָ גריבלען?
אַז ס׳איז אַ קלאָרע זאַך;
און אויב דו זאָלסט באַטראַכטן נאָר געדולדיק,
וואָלסטו גלייך דערזען,
אַז באַשולדיקסט גאָר אומזיסט,
בעאייס דו אַליין ביסט שולדיק...
די מענטשן זענען ווי געווען,
בלויז דײַן אַלטער בליק זעט נאָר איבלען...

און כאַטש דו אַליין,
האָסט וועגן זיך אַ מיין
אַ וואַזשנעם און אַ גרויסן,
וואָלסטו שוין לאַנג אין מיסט
געדאַרפט זיך וואַלגערן אין דרויסן...״

די קאַץ און דער טכויר (פאַבל)

אַ קאַץ, האַלב־ברוין, האַלב־געל,
האָט — קוקנדיק אַף דער פעל
פון אַ טכויר —
זיך באַקלאָגט
און שטיל אים געזאָגט
אַפן אויער:
„וואָס איז די מאַיסע, וואָס דיין הויט
ווערט אַזוי געשאַצט, קימאַט אַפן לויט?
צי איז זי אַף אַן עמעס בעסער גאָר ווי מיינע?
וועלכע איז, אַן צווייפל, אויך אַ פיינע
און ניט גאָר;
מען זאָל כאַטש אַכטן אַף אַ האָר...״

אַ פוקס, וועלכער איז געשטאַנען דערלעבן,
האָט זיך אַריינגעמישט דערינען:
„וואָס דאַרפסטו האָבן קינע?
איך שווער, אַז ווען דו זאָלסט נאָר געבן
דיין פעלעכל דעם טכויר,
ער זאָל דעם מיוון דאָס דערלאַנגען, —
וואָלט עס זיכער, ווי אַ מויער,
אויך פאַר גוטער סכוירע דורכגעגאַנגען...״

ווען אומבאַקאַנטע שרייבער־פאָעטן
וואָלטן נאָר אַוועקשטעלן
באַקאַנטע נעמען אַף זייערע לידער,
וואָלטן זיי אַן רעקלאַמעס, אַן געבעטן,
און אַן דערווידער —
אויך אַלעמען גלייך געפעלן...

* * *

דער אייזל און דער פֿוקס (פֿאַבל)

מיט אַ מאַסע שווערע פּעק,
גער ‎לאָדן אויפֿן רוקן, —
האָט אַן אייזל, אַ זאַקן —
מיד און באַשווייסט —
זיך געשלעפּט אויף אַ באַרגיקן וועג.
און כאָטש ער האָט זיך געפּלייסט
צו פֿאַרשטיקן זיין פֿאַרדראָס,
האָט זיין באַלעבאָס,
(קעדיי אים אָפּצושרעקן)
אַ סטראַשידלע — אַ שטעקן
צו אים אויפֿן זאָטל אָנגעהאָנגען.
דער אייזל — דערשלאָגן,
צעשראָקן און טריב —
האָט דאָס אָנגענומען פֿאַר ליב.
און האָט,
אין דער סטראַשידלע, ווי אין אַ גאָט
גלויבן אָנגעפֿאַנגען...
און דעריבער געדולדיק,
ווי ער אַליין וואָלט זיך געווען דאָ שולדיק,
די מאַסע ווייטער געטראָגן...
דערביי האָט ער יעדע וויל,
אין שרעק, אין געאייל,
די אויגן געטאָן אַ הויב
צום סטראַשידלע־גאָט,
און אים געשיקט אַ לויב
מיט אַ דאַנק,
פֿאַר דעם גנאָד
און געשאַנק,
וואָס ער האָט אים אַזוי שטאַרק באַגליקט,
און אַ באַלעבאָס,
וואָס
גיט אים עסן שטרוי כאָטש צוגעשיקט...

האָט זיך געמאַכט
און געטראָפֿן,
אַז אַ קלוג פּוקסל (אַ קליינס נאָך אַפּילע),
וואָס איז פֿאַרבייגעלאָפֿן, —
האָט דערהערט דעם אייזלס טפּילע,
און אים אויסגעלאַכט:
„נו, אַדראַבע, זאָג,
אַף וואָסער קלאָג
האָלטסטו אין איין שרעקן זיך און לויבן
אַ גאָט, וואָס איז ניט געשטויגן?
זעסטו דען ניט, דו נאַר,
אַז דיין האָר
נוצט אויס דיין פֿינצטערן גלויבן?...
דו פֿאָלג מיך, טו בעסער אַ הויב דיין קאָפּ,
גיב אַ טרייסל מיטן גאַנצן געביין,
און וואַרף ביידע מאַסעס פֿון דיין רוקן אַראָפּ!...
דאַן וועסטו דערזען מיט די אייגענע אויגן,
ווי מיעס און געמיין
מען האָט דיך אויסגעלאַכט;
ווי מען האָט
אַ טשוטשעלע — פֿאַר אַ גאָט
איבער דיר בעקיוון אויסגעטראַכט,
קעדיי דיך צו שרעקן און פֿאַרשפּילן,
אַז דו זאָלסט ניט פֿילן
די שווערע מאַסעס, וואָס דו דאַרפֿסט טראָגן,
און די בייטשן, מיט וועלכע מען האָלט דיך אין איין שלאָגן!...“

באַ די דאָזיקע רייד,
האָט דער פּוקסל דאָס טשוטשעלע געטאָן אַ כאַפּ,
עס האָסטיק געטאָן אַ קלאַפּ
אין אַ שטיין,
און צעשמעטערטערהייט
אַוועקגעשמיסן אין דער בלאָטע אַריין...

און דער וואונדער איז געשען:
דער אייזל האָט גאָר אַ נייע וועלט דערזען...

* * *

די קאַטשקע און דער שוואַלב (פאַבל)

אַ גראָבע, פעטע קאַטשקע,
(אַזאַ, וואָס רייכע סראָרעס
פּאַשען פאַר קאַפּאָרעס),
איז בעהאַדרייגע זיך געזעסן
אין אַ בלאָטע־פּאַטשקע,
שטאַרק פאַרטיפט אין עסן.
מיטאַמאָל האָט זי זיך שטאַרק צעקראַקערט
אַף אַ יונגן שוואַלב,
וואָס איז איבער אירע אויגן
גראָד פאַרבייגעפלויגן:
„אוי, דו נאַריש קאַלב!״ —
האָט זי געזאָגט; —
„וואָס ביסטו אַזוי פאַריאָגט,
נאָר ווי אין היץ צעפלאַקערט?...
וואָס האָסטו דאָרטן, אַף די בערגער?...
צי איז דען דאָ, באַ מיר אין בלאָטע,
טאַקע ערגער?...
אָט, איך עס מיר צו דער זאַט,
איך ווייס ניט פון קיין כלאָפּאָטעס,
און כ׳האָב קיין מוירע ניט פאַר שפּאַרבער...״

„דו וואָלסט עפּשער רעכט געהאַט״, —
האָט דער שוואַלב געענטפערט האַרבער. —
„ווען איך וואָלט, האָב ניט קיין פּאַרדראָס,
ווי דו, געלעבט אַפן כעסעד פון אַ באַלעבאָס,
אָדער ווען איך וואָלט, ווי יעדער אָף,
בלויז צוליב דער שפּייז
געפלויגן אַהין אַרויף...
אָבער איך פלי דאַך ווייל איך זע און ווייס,
וואָס עס טוט זיך העכער, אויבן...
און דו מעגסט מיר גלויבן,
אַז ס׳וואָלט קיין זאַך מיך ניט אָפּגעשטעלט
פון געניסן די פרייע וועלט...

און ווען דו אַליין וואָלסט קענען
כאָטש איינמאָל זיך אויפהייבן,
און בלויז איין קוק נאָר געבן
וואָס עס טוט זיך העכער פון דיין בלאַטע, —
וואָלסטו זיך געווען פאַרשעמען;
און וואָלסט דיין גאַנצע מאַטע,
וואָס באַשטייט פון אַ פרעסיק לעבן —
אויך באַלד אויפגעגעבן...״

דער וואָס טרינקט זיך (פאַבל)

אַ מענטש האָט זיך אַמאָל געבאָדן
אין אַ טייך.
און צי ווייל עס איז געווען באַשערט אַ שאָדן,
אָדער ווייל ער איז געווען אומגעלומפערט־דיק,
און שווימען ניט געקענט, —
האָט ער אַפגעלאָזט די הענט,
און גלייך —
מאַמעש אין איין אויגן־בליק —
זיך אָנגעהויבן טרינקען
און געהאַלטן שוין באַם זינקען...
האָט ער גענומען רופן, שרייען, בעטן,
אָבער צו זיין שלימאַזל גרויסן,
איז קיינער ניט געווען אינדרויסן,
וואָס זאָל אים קומען רעטן...
און ווען געזען ער האָט,
אַז עס האַלט שוין שמאָל,
האָט ער זיך גראַד
אין דער מינוט דערמאַנט,
ווי מיט אַ צייט צוריק, אַמאָל,
האָט עמעצער דערציילט,
אַז: „ווען מען טרינקט זיך — מיט דער האַנט
כאַפּט מען זיך אָן אין אַ שטרוי״.
און ווי ער טראַכט אַזוי,

איז פונקט פאַרביי אַ פעסטער בוים...
אָבער ער האָט ניט געאיילט
אָנצוכאַפּן זיך אין דעם.
ער האָט אַלץ איינגעשפּאַרט
געקוקט און געוואַרט,
אַז אַ שטרוי זאָל אונטערקומען...
און ווי דאָס ניט פאַרדריסט —
עס איז געווען אומזיסט:
ער איז נעבעך אומגעקומען...

וואָס וויל איך דאָ אויספירן?
עס טרעפן אָפט אַזעלכע
מענטשן־טיפּן,
וועלכע —
צוליב פאַלשע פּרינציפּן —
וועלן די לעבנס גרינג פאַרלירן...

דאָס פערד און דאָס הינטל (פאַבל)

אַ פּאַשעט פערד,
וועלכן דער צופאַל האָט באַשערט
צו טראָגן אויף זיך אַ גענעראַל,
וואָס איז געקומען צוריק
אַ זיגער פון קריג,
און איז איבעראַל
געוואָרן אויפגענומען
פון אַ יובלדיקן אוילעם
מיט הוראַ־געשרייען
און בוקעטן בלומען, —
האָט ביי אַט דעם פערדישן גוילעם
דער קאָפּ זיך פלוצים גענומען פאַרדרייען, —
און ער האָט געמיינט
אַז ער איז דאָס דער גאַנצער העלד
פון דער יובלדיקער וועלט . . .

און ווי דער שטייגער איז דאָ געוועגדט, —
האָט ער גלייך וואַשנע פֿאַרהויבן דעם ווידל,
פֿאַרריסן גאַיוועדיק דעם קאָפּ,
און קיינעם פֿון זיינע פֿריערדיקע פֿריינט
מיקלוימערשט מער ניט דערקענט . . .
דערביי האָט ער כוצפּעדיק, אומאיידל
זיך צעלאָזט אין גאַלאָפּ
און זיך באַרימען אָנגעפֿאַנגען,
אַז נאָר ער איינער איז דאָ וויכטיק און גרויס,
און אַז אַפֿילו דער גענעראַל אינעם זאָטל
רייט פֿאַר זיין, דעם פֿערדס, קאָוועד וועגן בלויז . . .

אַ קליין הינטל, וואָס איז גראָד אָנגעגאַנגען
האָט דאָס דערהערט און געמאַכט אים באַטל:
„האַוו־האַוו, באַרימער דו, געמיינער,
ווי דו ביסט נעבעך דום,
דו פּוסטער פֿערד!
וואָלסטו דען ווען עס איז געזען אַ בלום,
ווען דער גענעראַל, דער רייטער דיינער,
זאָל ניט זיין אַזוי געערט?! . . ."

פֿאַראַן, כ׳לעבן, אַזעלכע מענטשן־פֿערד,
בעהיימעס בעצורעס אָדאָם,
וואָס אויב ביי עפּעס גרויס פֿאַרנומען זיין איז זיי באַשערט, —
באַטראַכטן זיי זיך גלייך פֿאַר דעם „רויטן פֿאָדעם" . . .

אַ פֿליג — אַ העלפֿאַנט (פֿאַבל)

אַ פּיצינקע, גיריקע פֿליג
האָט זיך געהאַט פֿאַרקלערט
איבער דעם, וואָס געוויסע פֿליגן
איז באַשערט
באַ מענטשן כיין צו קריגן,
און האָבן דאָס גרויסע גליק —
דורך זיי אַ העלפֿאַנט ווערן...

וויל עס האָט זיך איר איינמאָל געמאַכט צו הערן,
ווי איין מענטש האָט צו אַ צווייטן
אין אַ שמועס געהאַט געזאָגט,
„אָ, דו מאַכסט פון אַ פליג אַ העלפאַנט!״...
די פליג — אין האָפנונג זיך צו בייטן —
האָט יענעם מענטשן נאָכגעיאָגט,
און קעדיי מיט אים צו פאַרהאַנדלען,
גענומען קריכן אַף זיין האַנט,
אַף זיין פּאָנים, אַף זיין שטערן,
און ניט געוואָלט אָפּטרעטן.
זי האָט קימאַט מיט טרערן
דעם מענטשן אַלץ געבעטן,
אין אַ העלפאַנט ער זאָל זי פאַרוואַנדלען...
זי איז אַזוי לאַנג צוגעשטאַנען,
ביז וואַנען
דער מענטש — אַפּאַנים צוליב איר זשומען —
האָט זי בייז אין זיין האַנט אַריינגענומען
און אַ פליגל ביי איר אָפּגעריסן...
די פליג וויל מאַכן אַ געוואַלד:
עס נעמט איר שוין פאַרדריסן...
נאָר זי האָט אַלץ געטראַכט,
אַז מיסטאָמע ווערט אַ העלפאַנט אַזוי געמאַכט,
און אַז אויב גאָט וועט איר נאָר באַשערן,
וועט זי מיסטאָמע באַלד,
אַליין די גרויסע כאַיע ווערן...
דער צווייטער פליגל שוין באַם מענטש אין האַנט,
און זי, די פליג, צו איר שאַנד,
האַלט נאָך אַלץ אין איין בעטן, זשומען,
און וואַרט, אַז דער גרויסער נעס זאָל קומען.
ביז . . .
(ניט פאַר קיין פליג געדאַכט!)
דער מענטש, דער ריז,
האָט איר איינגאַנצן דעם טויט געמאַכט...

* * *

דריטער אָפּטייל

מאָנאָלאָגן

וועו איך זאָל זיין אַ קייסער
מיין וואַקאַציע
„עקסידענטס"
אויס סעילסמאַן
טיפּיסטקעס
„פּראַיוועט פּראָפּעטע"
איך האָב פיינט מוזיק
עמעסע ליבע
אידישע כוצפּע
די מעזינקע אויסגעגעבן

ווען איך זאָל זיין אַ קייסער

(מאָנאָלאָג)

ווען איך זאָל זיין אַ קייסער! אוי, ווען איך זאָל זיין אַ קייסער איבער וועלכער עס איז מעדינע, צי אַפילע בלויז אַ פּרעזידענט פון עפּעס אַ לאַנד, ווייסט איר וואָס איך וואָלט געטאָן?

די ערשטע זאַך וואָלט איך אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מען טאָר ניט לאַכן! אָבער טאַקע לאַכלוטן ניט לאַכן!...

יאָ־יאָ, לאַכט ניט. אַזאַ געזעץ וואָלט איך אַרויסגעגעבן, ווי איר זעט מיך אַ לעבעדיקן! און ניט נאָר ניט לאַכן, נאָר אַפילע שמייכלען — אויך ניט. איך וואָלט דאָס איינגעטיילט אין פאַרשידענע גראַדאַציעס, און באַשטימט פאַרשידענע שטראָפן פאַר יעדער גראַדאַציע. פאַר אַ פאַרצירעווע טאָן די ליפּן, לעמאָשל, וואָס וואָלט געקענט אויסגעטייטשט ווערן ווי אַ שמייכל, וואָלט איך באַשטראָפט מיט, נו, פון אַ כוידעש ביז זעקס כאַדאָשים טפּיסע. פאַר אַ ברייטן און אָפענעם שמייכל, באַ וועלכן עס זעען זיך אַרויס די ציין, — פון אַ יאָר ביז פינף. פאַר אַ דין געלעכטערל, אויב מען זעט אַרויס דעם גומען, — פון פינף ביז פינף און צוואַנציק יאָר. פאַר אַ הילכיקן געלעכטער, וואו מען זעט שוין אַרויס די מאַנדלען, — אייביקע קאַטאָרגע און עפּשער דעם „עלעקטריק־טשער"...

האַקלאַל: באַ מיר אין לאַנד וואָלט מען ניט געטאָרט לאַכן!...

ווען איך זאָל זיין אַ קייסער, וואָלט איך אויך פאַרבאָטן צו זיין פריינטלעך און גוט צו מענטשן. פאַר גוטסקייט און פיינקייט וואָלט איך גאָר פאַסן געריסן. קאַטאָרגע, סיביר, אַלאַסקע, טייוולס־אינדזל, און וואָס ניט, וואָלט אָסער געווען צו פיל שטראָף פאַר אַזאַ אָפּגעלעבטער, אַלטמאָדישער סענטימענטאַלקייט!...

און נאָך און נאָך אַזעלכע סאָרטן געזעצן וואָלט איך אַרויסגעגעבן אין מיין לאַנד, אויב איך וואָלט נאָר געווען אַ קייסער!...

ווען מען זאָל באַ מיר אין לאַנד, לעמאָשל, פּאַקן עמעצן ביים זאָגן אַ גוט־מאָרגן צו אַ מענטש אַף דער גאַס, — וואָלט איך אים געהייסן געבן פינף שמיץ אַפן הוילן לייב. פאַר לייען אייגעם אַ פינפערל אין נויט, — פינף מאָל פינף שמיץ. פאַר גיין צו אַ פריינט מעוואַקער־כוילע זיין, אָדער סטאַם אַ פריינטלעכן באַזוך, — וואָלט שוין געווען, כאַי, דאָס הייסט, אַכצן שמיץ, אַז מען זאָל עס גוט געדענקען און זיך פירן ווי מאָדערנע מענטשן דאַרפן זיך פירן...

איך וואָלט איינגעפירט אין מיין מעדינע, אַז יעדער איינער זאָל לעבן פאַר

זיך אַליין, פאַר דעם אייגענעם וואוילזיין בלויז. איך וואָלט פאַרבאָטן די אַלע מינים געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, וואָס ראַק זיי זאָרגן פאַרן קלאַל. איך וואָלט דערמוטיקט קאָרטן־שפּיל, פּאָליטישע דעבאַטעס אַף די גאַסן־ראָגן צווישן זיך, אָדער אַזוי אַ געפּלאַפּל ביי אַ גלעזל קאַווע אין קאַפייען... דערמיט וואָלט איך, פאַרשטייט זיך, דערגרייכט צוויי זאַכן מיטאַמאָל. אי מען וואָלט זיך פאַרוויילט, אי מען וואָלט פאַרשפּאַרט גיין צו פאַרזאַמלונגען. און אויב איינער וואָלט דאַווקע געוואָלט גיין צו אַ פאַרזאַמלונג, זאָל ער גיין אַהין שוין נאָכן דוכענען.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָלט איך שוין געזען, אַז עס זאָל איינגעפירט ווערן אַ געזעץ, אַז קיין שום פאַרזאַמלונג זאָל זיך ניט טאָרן אָנהייבן פריער פון עלף אַזייגער ביינאַכט. און אויב עמעצער וואָלט געקומען פריער, וואָלט איך געמאַכט, אַז מען זאָל אַזאַ איינעם שיקן אין אַ מעשוגאָאים־הויז אריין אַף אַן אונטערזוכונג.

איך וואָלט געפאָדערט, אַז אַלע מיינע אונטערטאַנען, אָדער בירגער, אויב זיי ווילן שוין יאָ דאַווקע גיין צו אַ מיטינג, זאָלן זיי מוזן מיטברענגען מיט זיך עפּעס אַ באַשטעטיקונג, אַז זיי זענען פריער געווען אין אַ „מואווי", אָדער דע־באַטירט אַף אַ גאַסן־ראָג, צי גאָר אַריינגעכאַפּט אַ קערטל. ביים אַריינגאַנג צום מיטינג וואָלט יעדער איינער געמוזט מיטברענגען מיט זיך, אָדער אַ שטיקל פון אַ בילעט, אַ פּראָגראַם, אָדער אַ קאָרט, צי גאָר אַ „טשיפּ", צו באַווייזן, אַז ער פאַלגט אויס די געזעצן פון לאַנד און ער מעג דעריבער אַריינגיין צום מיטינג.

דערנאָך וואָלט איך זיך אַ נעם געטאָן צו דער קולטור. דאָס, זעט איר, וואָלט איך אויסגעראָטן ביזן וואָרצל. איך וואָלט פאַרבאָטן צו לייענען ביכער און פאַר אויוועך זיין דערוויף וואָלט איך באַשטראָפט מיט געלט־שטראָפן. אַף דעם, אַף ביכער לייענען, וואָלט איך אויך איינגעשטעלט גראַדאַציעס. לעמ־אַשל: פאַר לייענען „דזשאָוקס", אָדער שונד־ביכלעך, וואָלט מען נאָך באַ מיר ווי עס איז געקאָנט אָפּקומען מיט אַ פאַרוואורף. אָבער פאַר לייענען אַ ליטע־ראַרישן בוך, פאַר דעם, זעט איר, וואָלט מען, דעם ערשטן מאָל, באַשטראָפט געוואָרן מיט אַ פינפערל. דעם צווייטן מאָל — אַ פינף און צוואַנציקער. דעם דריטן מאָל, אַ, פאַרן דריטן מאָל, — האָב איך נאָך קיין שטראָף ניט צוגעטראַכט דערווייל...

ספּעציעל וואָלט איך געריסן פאַסן פון יענע, וואָס וואָלטן געקויפט און געלייענט ביכער פון יענע שרייבער, וואָס האָבן ניט דעם שטעמפּל פון באַ־רימטע קריטיקער. ווארים אויב מען קאָן ניט זיין אַ נאַש־בראַט און שיקן אַ קאַסטן שנאַפּס דעם קריטיקער צו זיין געבוירנטאָג, דאַרף מען קיין שרייבער ניט זיין, און אַזעלכע ביכער טאָר מען ניט לייענען...

און קעדיי אָפּצוהיטן, אַז די וואָס האָבן פאַרט האַנאַע פון לייענען אַ בוך פון אַזאַ שרייבער, וואָלט איך באַשטימט אויפפּאַסער, וואָס זאָלן אַכטונג געבן,

אַז מען זאָל עס ניט טאָן ביגנייווע. איך וואָלט אַרויסגעשיקט איבערן לאַנד ספּעציעלע שעלוכים, וואָס זאָלן האַלטן לעקציעס און צו־נישט מאַכן אָט אַזעלכע שרייבער אין די אויגן פונעם פאָלק... איך וואָלט באַשטימט ספּעציעלע סקוואַדס, וואָס זאָלן שטיין בײַ די טירן פון אָרגאַניזאַציעס, קלובן, צענטערס און דאָס־גלייכן, זיי זאָלן אויפפּאַסן, אַז קיין פּערזענלעכער פריינט, אָדער אָנהענגער פון די נעמלעכע שרייבערס, זאָל ניט פּרוּוון אַריינשמוגלען די קאָנטראַבאַנדע און פאַרקויפן עטלעכע עקזעמפּליאַרן פון זייערע פריינדס ביכער...

האַקלאַל און מיט איין וואָרט: איך וואָלט באַפוילן און מיט אַן אייזערנער האַנט דורכגעפירט גזרות בײַ מיר אין לאַנד, צו פאַרבאָטן אַלע יענע זאַכן, וואָס זענען שיין, פיין, איידל, דערהויבן, באַלערנדיק, אינטעליגענט, אָדער זאַכן, וואָס קאָנען אַפילו בלויז אויסגעטייטשט ווערן ווי אַזעלכע...

אָ, איך זע, אַז איר וואונדערט זיך; אַז איר הויבט מיט די אַקסלען... איר טראַכט אַוודע בײַ זיך, וואָס אַזעלכעס איז עס מיטאַמאָל געשען מיט אָט דעם מענטשן? פאַרוואָס איז ער, דאָס הייסט — איך, גאָר מיטאַמאָל געוואָרן עפּעס אַזאַ ביטערער רעאַקציאָנער און פינצטערלינג? איך — דער פּראָגרעסיווער, ליבעראַלער, טיף־פאַרשטייענדיקער, קולטורעלער און ברייט־האַרציקער מענטש?

זאָג איך אייך, אַז איר דאַרפט זיך ניט וואונדערן, כאָטש איר האָט דערצו די פולע רעכט. אָבער קעדיי איר זאָלט זיך ניט דאַרפן לאַנג און אומזיסט וואונדערן, וועל איך אייך גלייך דאָ אויסזאָגן דעם פאַרוואָס און פאַרווען...

עס איז דאָך אַ פעסטגעשטעלטער עמעס, מיינע פריינט, אַז אף אונדזער זינדיקער ערד זענען די מענטשן ניט אַזוי ווי עס דאַרף צו זיין. מענטשן טוען טאָמיד בלויז יענע זאַכן, וואָס מען טאָר ניט. עס מאַניעט זיי דאַווקע צו טאָן אַזעלכע טאַטן, וואָס זענען פאַרבאָטן פון געזעץ. אָט, נעמט, אַשטייגער, „פּראָ־היבישאָן". אַז עס איז געווען אַ געזעץ ניט צו טרינקען, האָט מען דאַווקע יאָ געטרונקען. ניין, ניט געטרונקען, נאָר טאַקע געזשליאָקעט! עמערסווייז מאַמעש האָט מען דאַן אַריינגעגאָסן אין זיך. און ניט נאָר פּראָפעסיאָנעלע שיקורים, נאָר אַפילו לייטישע מענטשן: באַלעבאַטישע זינדלעך, צנואישע טעכטערלעך, קאַלע־מיידלעך, יונגע ווייבלעך, אַלטע שוויגערס און כיינעוודיקע שאָכנטעס.. יאָ, אַלע, אַלע האָבן מיטאַמאָל דערפילט אַ דראַנג צום ביטערן טראָפן און געגאָסן אין זיך אַריין דעם סאַמיקן „מונשיין", קעדיי שפּעטער זיך צו קאָנען באַרימען פאַר זייערע קינדער, אַז זיי האָבן געבראָכן דאָס געזעץ...

הײַנט ווען איך זאָל זיין אַ קייסער און זאָל אַרויסגעבן גזרות קעגן די פריער־דערמאָנטע זאַכן, וועלן דאָך מענטשן זיכער זוכן צו טאָן פּונקט דאָס פאַרקערטע און זיי וועלן, אף צו לעהאַכעס מיר, דעם קייסער זייערן, דאַווקע יאָ טאָן וואָס מען טאָר ניט... קענט איר זיך דען ניט, פריינט מיינע, פאַרשטעלן ווי די וועלט וואָלט עס דעמאָלט אויסגעזען?...

איך, זעט איר, קאָן עס זיך יאָ פאַרשטעלן...

איך זאָג אייך: אַ גאַנץ־אײדן וואָלט דאָך דעמאָלט די וועלט געווען! מאַמעש אַן עמעסער גאַנץ־אײדן, ווי איר זעט מיך אַ קייסער, מיין איך אַ לעבעדיקן!... עס וואָלט דאָך געווען פּאַשעט אַ מעכאַיע צו לעבן אַף דער וועלט!...

עס וואָלט דאָך געווען אַ פרייד און פאַרגעניגן צו זען ווי מענטשן גאַנוועגען זיך שטילערהייט אַריין אין ביבליאָטעקן, שוואַרצן זיך דורך פאַרביי דער ריי פון אויפזועערס און אויפפּאַסערס, נעמען אַ בוך צו זיך הינטערן רעקל אַרונטער און כאַפּן זיך גיך אַהיים, וואו זיי פאַרשליסן זיך אונטער שלאָס און ריגל, קעדיי צו קאָנען בעניגמעסדיק איבערלייענען דאָס בוך און דערפון האָבן די גרויסע גייסטיקע האַנאָע וואָס מען האָט פון אַ בוך...

מענטשן וואָלטן געוואָרן פריינטלעך איינער צום אַנדערן און אַלס פויעל־יויצע דערפון, טאָקע אויך פריילעך. וואָרים פריינטשאַפט שאַפט פרייד, כאַווערישקייט שאַפט פאַרגעניגן. און אַז עס וואָלט געווען פרייד און פאַר־געניגן, וואָלט מען געלאַכט און האַנאָע געהאַט פון דעם אייגענעם לעבן...

קאָנט איר זיך פאַרשטעלן, טייערע פריינט, ווי אַזאַ וועלט, מיט אַזעלכע געזעצן וועט אַמאָל אויסזען? אויב יאָ, — וועט איר שטיצן מיין קאַנדידאַטור פאַר קייסער, אָדער פּרעזידענט, קעדיי איך זאָל קענען אַרויסגעבן אָט די אַלע אויסגערעכנטע געזעצן און דורך דעם שאַפן אַ שיינע וועלט!...

שאַ, ווייסט איר גאָר וואָס? איך הייב אָן צו טראַכטן, אַז די געזעצן פון סדאָם און אַמוירע זענען אויך בעקיוון געווען אַזעלכע זינדיקע, קעדיי די דאָרטיקע איינוואוינער זאָלן טאָן צו לעהאַכעס און זיי ברעכן, וואָס דאָס וואָלט דעמאָלט געמיינט — אַ רעכטפאַרטיקע, אָרנטלעכע מעדינע...

אָבער אויב אַזוי, קאָן זיך דאָך שטעלן די קאָשע: פאַרוואָס זשע האָבן די סדאָם־וועאַמוירעניקעס זיך יאָ געהאַלטן באַ די געזעצן און זיי ניט געבראָכן? איז דערויף פאַראַן דער טערעץ: דערפאַר טאָקע זענען זיי דאָך אומגעקומען... וואָרים עס איז דאָך אַ באַוואוסטער קלאַל, אַז אַזוי איז שוין דער גוירל פון אַלע געזעץ־אָפּהיטנדיקע בירגער איבער דער גאַנצער וועלט...

מיר, אָבער, זענען דאָך ניט קיין סדאָם־וועאַמוירעניקעס. מיר זענען דאָך עפּעס אַמעריקאַנער מיט פרייהייט פון געוויסן. וועלן מיר דעריבער זיכער ברעכן די אַרויסגעגעבענע געזעצן און עס וועט דערפאַר זיין אַ גרויסער דער־פּאָלג... איך זאָג אייך בענעמאָנעס, אַז פונעם בלויזן געדאַנק וועגן דער צו־קונפטיקער וועלט אונטער אַזעלכע געזעצן, קומט מיר שוין צו אַ שטיק געזונט. די וועלט וועט דאָך דעמאָלט לעבן און לאַכן, אָ, און נאָך ווי לאַכן!...

האַקלאַל: אוי, ווען איך זאָל נאָר קאָנען זיין אַ קייסער!...

* * *

מיין וואַקאַציע

(מאָנאָלאָג)

האָקלאָל, עס איז שוין דאָס דריטע יאָר וואָס איך בין אַרבעטלאָז; קאָן קיין דזשאָב ניט קריגן, ניט ביי מיין פאַך און ניט ביי וואָס עס איז אַנדערש. איבער די דריי יאָר האָב איך זיך גענוג אַנגעליטן און געפייגערט אַ פּופּצן מאָל אַ טאָג פון הונגער. איך בין געוועזן אָפּגעשוואַכט און קיין קויכעס ניט געהאַט אף די פיס צו שטיין.

טרעפט מיך אַגומלטן אַ באַקאַנטער דאָקטאָר אף דער גאַס און, דערזעענדיק מיך, האָט ער — אנשטאָט ענטפערן מיר מיט אַ גוט־יאָר אף מיין גוט־מאָרגן — אַ זאָג געטאָן, אַז איך בין מאָדנע אָפּגעבלאַסט, אַז איך האָב זיך אָפּאַנים איבער־געאַרבעט, און אַז אויב איך וועל גלייך ניט אַרויספאָרן אף אַ צוויי וואָכן וואַקאַציע, מעג איך זיך גלייך געזעגענען מיטן לעבן...

עס איז טאַקע גאַנץ לייכט צו זאָגן, אָבער גיי פאָר אף וואַקאַציע, אַז איך האָב אַפילע ניט אף אַ פּאַשעטן מיטיק אָפּצועסן, אָדער אַפילע בלויז אף אַ פּאַשעט טעפּעלע קאַווע... מיין גאַנצער געדאַנק איז געווען פאַרנומען מיט איינס:

„וואו נעמט מען אף אַן אָנבייסן?"

איך האָב זיך ניט געקענט קיין אייצע געבן. אומעטום, וואו מען האָט נאָר געקענט באַקומען אַ האַלוואַע, האָב איך שוין קיין צוטריט ניט געהאַט. קיין גווירישע באַקאַנטשאַפטן האָב איך קיינמאָל ניט פאַרמאָגט, און דאָס ביסל „רייכע" מענטשן, וואָס איך האָב יאָ אַמאָל געקענט, זענען, ניט פאַר אונדז געדאַכט, אין די לעצטע דריי יאָר — פּונקט ווי איך — געוואָרן מיטגלידער אין די אַרבעטלאָזע קאָנסילס און האָבן זיך געפונען — ווער אין אַזאַ לאַגע ווי איך, און ווער נאָך אַביסל ערגער...

האָקלאָל, עס איז געווען ביטער און זויער. איך האָב דורכגעפּרואווט אַלע מעגלעכע און אוממעגלעכע מיטלען, אָבער צום אָפּעסן איז עס ניט געקומען.

אַז איך האָב דערזען עס האַלט שלעכט, בין איך אַוועק אין נאָענטסטן פּאָליס־סטעישאָן, צוגעגאַנגען צום קעפּטן און אים געמאָלדן, אַז איך האָב נאָר־וואָס דורכגעפירט אַ „האָלד־אַפּ". איך האָב אים אַפילע באַוויזן מיין אַלטע, שוואַרצע פּאָונטן־פּען, וואָס איך — ווי איך האָב אים דערקלערט — האָב באַנוצט אנשטאָט אַ רעוואָלווער. איך האָב אָנגעגעבן דעם פּלאַץ און די צייט, און ער האָט מיך גלייך אַרעסטירט. מיט אַ צוויי שאָ שפּעטער האָב איך באַ־קומען צום עסן. עמעס, דאָס איז באַשטאַנען פון בלויז אַביסל שוואַרצע יושקע

מיט אַ פּיצל דאַר ברויט. דערפאַר, האָב איך געהאָפט, אַז שפּעטער, ביים מיטיק, וועל איך באַקומען מער און וועל זיך שוין אָנעסן צו דער זאַט...

ווי גרויס איז אָבער געווען מיין פאַרצווייפלונג און אַנטוישונג, אַז פּונקט אַ פערטל שאָ פאַרן אויסטיילן דאָס מיטיק, האָט מען מיך אַריינגערופן אין אָפיס פון פאָליס־סטעישאָן און מען האָט מיר דערקלערט, אַז איך מעג גיין. דער קעפּטן האָט גלייכגילטיק געזאָגט:

— סאָרי, יאָנג מען, מיר האָבן ניט באַקומען קיין שום קלאָגעס, און אונדזערע דעטעקטיווס האָבן דאָרט, אפן אָנגעגעבענעם פּלאַץ, ניט געפונען קיין שום באַווייזן, אַז עס זאָל דאָרט אפילע האָבן פאַרגעקומען אַ האָלד־אַפּ...

האָב איך זיך שוין גענומען בעטן:

— הער קעפּטן, — האָב איך געזאָגט, — פאַרהאַלט מיך ביז מאָרגן. עפּשער וועט מאָרגן פאַרקומען ערגעץ אַ גנייווע, אַ גזיילע, אַ מאָרד, אָדער אַ האָלד־אַפּ, איך מוז דאָך עפּעס אָפּעסן...

דער קעפּטן האָט אָבער ניט געוואָלט הערן און זיך געבייזערט:

— וואָס מיינט איר, מיר זענען דאָ אַ סאַלוויישאָן־אַרמיי? מירן דאָ גיין קאָרמענען אומשולדיקע און אָרנטלעכע מענטשן?...

ער האָט אַ וואונק געטאָן צו צוויי געזונטע ווערזילעס, זיי האָבן מיך גענומען אונטער די אָרעמס און גאַנץ איידל, מיט עטלעכע פיינע סטוסאַקעס אין די זייטן, מיך אַרויסגעוואָרפן.

איך האָב זיך אַרומגעדרייט און ווידער געטראַכט פון אַ פּלאַן, און סאָף־קאָל־סאָף בין איך אַוועק צום פּראָקוראָר און אים געבעטן, אַז ער זאָל מיך אַרעסטירן, ווייל איך האָב נאָר־וואָס דערמאָרדעט אַ מענטשן. ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט געלעכטער:

— גייט שוין גייט, מאַכט זיך ניט נאַריש. מיט אַזאַ גוואורע קאָן מען אפילע קיין פלוי ניט דערהאַרגענען...

בין איך אַרויס מיטן עמעס. כ׳האָב אים דערציילט, אַז איך וויל מען זאָל מיך פאַרשיקן אין טפיסע, ווייל איך בין הונגעריק.

— דאָס קאָן איך ניט! — האָט דער פּראָקוראָר זיך אָפּגעוואָרפן. — ווען האָט איר דאָס דערהאַרגעט אַזעלכעס? די טפיסעס האָבן מיר פאַר עמעסע גאַזלאָנים, ניט פאַר אָרנטלעכע בעהיימעס, וואָס הונגערן און שווייגן. אַז מען וויל אַריין אין טפיסע מוז מען, אָדער דערהאַרגענען עמעצן, אָדער לעכאָל האַפאַכעס סטרייקן, אַרומגיין מיט אַ פּיקעט־סיין לעבן דעם פּלאַץ פון סטרייק. אַזוי סטאַם אַרעסטירן קאָן איך ניט.

איך האָב ווידער גענומען בעטן, אַז ער זאָל ראַכמאָנעס האָבן, אָבער ער האָט זיך שוין אָף אַן עמעס אָנגעצונדן און געשריגן:

— הערט, אויב איר גייט ניט, וועל איך זיין געצוואונגען אייך צו לאָזן אַרעסטירן פאַר באַליידיקן דעם דיסטריקט אַטורני!...

איך האָב אױפֿגעלױכטן, געגומען נאָכאַמאָל איבערכאַזערן מײַן פֿאַרלאַנג און אים אַפֿילו אָנגערופֿן „שמעגעגע“, אַלץ מיט דער האָפֿנונג, אַז ער װעט מיך טאַקע אַרעסטירן. אָבער ער האָט ניט געהאַלטן װאָרט. אַנשטאָט מיך צו אַרעסטירן, האָט ער גאָר געהײסן מיך אַרױסװאַרפֿן.

בין איך אַרױסגעגאַנגען און דעם פּראָקוראָרס װערטער זענען מיר אַרײַן אין נאָז. איך בין אַװעק, געקראָגן ערגעץ אַ שטיקל קאַרטאָן, אױפֿגעשריבן מיט גרױסע אױסיעס דאָס װאָרט „סטרײַק“, און איך האָב זיך אַװעקגעשטעלט לעבן עפּעס אַ שאַפּ, װאָס איז שױן עטלעכע כאָדאָשים, צוליבן קריזיס, געװען פֿאַרשפּאַרט. פֿאַרבײַגײַער האָבן מיך אָנגעקוקט און געשאָקלט מיט די קעפּ. אַ פּאָליסמאַן איז צוגעקומען, מיך אָנגעקוקט און איך האָב גערעכנט, אַז שױן, איך בין שױן אַ געהאַלפֿענער. צום סאָף האָט ער מיר דערלאַנגט עטלעכע גוטע בוכטשעס און מיך פֿאַרטריבן, שרײַענדיק:

— מעשוגאָאים זענען זײ, די רױטע. אַ פֿאַבריק, װאָס שטײט פֿאַרמאַכט, פּיקעטן זײ אױך!...

איך בין אַרומגעגאַנגען אָן אַנטױשטער און שױן מער ניט געװאוסט װאָס צו טאָן. מיטאַמאָל איז מײַן אױג געפֿאַלן אױף אַ צײַטונג, װאָס האָט זיך געװאַלגערט אױפֿן טראָטואַר. גרױסע װערטער האָבן געשריגן צו מיר:

„דער געקידנעפּטער מיליאָנער מ. האָט באַצאָלט 40,000 דאָלאַר אױסלײז־געלט און איז שױן איצט באַפֿרײַט. די קידנעפּער האָט מען ניט געכאַפּט...“

מיר איז אײַנגעפֿאַלן אַ גליקלעכער געדאַנק: אַט די קידנעפּ־ביזנעס װעלן מיך ראַטעװען, — האָב איך געטראַכט. אָבער שרעקט זיך ניט. איך האָב ניט געטראַכט װעגן קידנעפּן עמעצן. דאָס האָב איך ניט געקאָנט טאָן, װײַל איך האָב ניט קײן גענוג פּאָליצײַ־פֿאַרבינדונגען און פּראָטעקשאָן. און בײַ די איצטיקע צײַטן, װען מען האָט אָנגעהױבן געבן טױט־שטראָף צו קידנעפּער, װעלכע זענען ניט פֿון דער קליקע און צעטײלן זיך ניט מיט די אױסלײז־געלטער, איז עס אַ צו גרױס געפֿאַר צו ריזיקירן. אָבער אַלײן געקידנעפּט צו װערן — דערצו, זעט איר, ניט מען דאַרף פּאָליצײַ־פּראָטעקשאָן און קײן געפֿאַר צו קריגן טױט־שטראָף שטײט אױך ניט פֿאַר...

האַקלאַל, איך האָב זיך געלאָזט קידנעפּן.

איר װאונדערט זיך, זע איך, װי אַזױ מען האָט מיך, אַזאַ גרױסן קאַבצן, געקידנעפּט? אַט טאַקע װעגן דעם װיל איך דאָך איך דאָ דערצײלן...

אײנער פֿון מײַנע באַקענטע, אױך אַ קאַבצן װי איך, האָט מיר צוגעהאָלפֿן אין דעם. ער איז אַװעק אין פּאָליס־סטעישאָן, זיך געזען מיט זײַנס אַ באַקענטן דעטעקטיװ, װעלכער האָט אים אַמאָל אַרעסטירט אין אַ סטרײַק, אױף אַ פּיקעט־לײַן, און ער האָט אים בעסאָד־סױדעס דערצײלט, אַז איך, װי איר קוקט מיך אָן, האָב לעצטנס געמאַכט אױצרעס געלט אױף װאָל־סטריט, אַז איך האַלט דאָס געלט אין הױז, װײַל איך געטרױ עס ניט קײן באַנק, אױס מוירע, אַז מען זאָל

מיר ניט אָנזעצן; און דערפֿאַר, וואָס איך ציטער אַפּאַנים, אַז מען זאָל מיך ניט קידנעפּן פֿאַר אויסלייז־געלט, טראָג איך אינמיסטן אַן אָפּגעטראָגן רעקל און צעדרייטע שיך, קעדיי ניט צו וואַרפֿן קיין כשאַד אױף זיך. ער האָט דעם דע־טעקטיוו געזאָגט, אַז עס וואָלט געווען אַ יוישער צו האַלטן אַן אויג אויף מיר...

וואָס זשע דאַרף איך דאָ לאַנג ברייען? אין עטלעכע טעג אַרום, — ווי אַזוי דאָס איז געשען, ווי אַזוי עס איז אויסגערונען פֿונעם דעטעקטיוו, ווייס איך ניט, — אָבער אױפֿן דריטן טאָג, גייענדיק אַהיים פֿון אַ מיטינג אין אַרבעטלאָזן קאָנסיל, זענען מיך באַפֿאַלן דריי יאַטן מיט עמעסע רעוואָלווערן און האָבן מיך אַ פֿרעג געטאָן:

— זענט איר דאָס מיסטער אַזעלכער און אַזעלכער?

— יאָ, — האָב איך געענטפֿערט. — איך בין עס אַזעלכער און אַזעלכער...

— טאָ קומט זשע, זייט מויכל מיט אונדז און מאַכט ניט קיין גוואַלדן! — האָבן זיי, אויסשטעלנדיק די רעוואָלווערן מיר אין פּאָנים אַריין, אויסגערופֿן אײַנדערשטיל.

איך האָב זיי געפֿאָלגט, אַרײַנגעגאַנגען אין אַ גרויסן אויטאָמאָביל, זיך געלאָזט פֿאַרבינדן די אויגן, און אין האַרצן האָב איך זיך געטראַכט:

„אָ, עס גייט אַ גאַנג!...״

שפּעטער, בעאַיס מען האָט מיר אויפֿגעבונדן די אויגן, האָב איך דערזען, אַז איך געפֿין זיך עפּעס אין אַ צימערל. דורך די פֿענצטער האָב איך געזען, אַז איך בין ערגעץ אויף אַ פֿאַרם. צו מײַנע אויערן האָבן זיך דערטראָגן קריי־רייען פֿון הענער, כריוקען פֿון כאַזיירים, מואוקען פֿון אָקסן און קי, און דאָס קוואַקען פֿון זשאַבעס...

און נאָך איידער איך האָב זיך אומגעקוקט, איז אַרײַנגעקומען אַ מאַן, מיט אַ שוואַרץ טיכל איבער די אויגן, און מיר באַפֿוילן אָנצושרײַבן אַ בריוו צו מײַן ווײַב, אַז זי זאָל זען גלייך אײַנפּאַקן 100 טויזנט דאָלאַר, אויב זי וויל מיך נאָך זען אַ לעבעדיקן.

אַ סקרוך איז מיר אַזש אַריבער איבערן לײַב. איך האָב מוירע געקראָגן, אַז וואָס וועט זײַן אויב מײַן ווײַב וועט ניט באַוויזן צונויפֿצוקראַצן אַזויפֿיל געלט, וועלן זיי מיך עפּשער פֿון קאַאָס דערהאַרגענען... איך האָב זיך אָבער דערמאַנט, אַז איך האָב דאָס אויך באַזאָרגט. דערווײַל האָב איך געמאַכט אַ גאָר וואָזשנעם אָנשטעל און שטאָלץ געענטפֿערט:

— איך וועל פֿריער ניט שרײַבן קיין וואָרט, ביז איך וועל ניט האָבן מײַן מיטיק!...

וואָס דאַרפֿט איר מער, אין אַ צען מינוטן אַרום איז אױפֿן קליינעם טיש אין מײַן צימערל געשטאַנען אַ טאַץ מיט עסנוואַרג, אַז ווער מיר גוטס גינט!... בראָנפֿן און ווײַן, בוליאָן און זופּ, געפּרעגלטע פֿיש און געבאַקענע פֿלייש, פֿרוכטן און דעזערטן, און וואָס ניט?... יענער האָט מיך אָבער דערבײַ גע־

וואַרנט, אַז דאָס וועט גיין אַף מיין אייגענעם כעזשבן, און געפאָדערט, אַז אַנ־שטאָט 100 טויזנט, זאָל איך שרייבן דעם בריוו אַף 110 טויזנט. 10 טויזנט, הייסט עס, פאַרן עסן. אָבער וואָס האָט עס מיך געאַרט? איך האָב אָנגעשריבן אַזוי ווי ער האָט געהייסן.

אינדערפרי האָב איך ווידער באַקומען אַזאַ פרישטיק. מיטיקצייט—ווידער אַזוי, און אַף וועטשערע — ווידעראַמאָל אַזוי. איך האָב פּאַשעט געלעבט אַ כאַזערשן טאָג...

דערווייל זענען פאַרביי עטלעכע טעג, און קיין ענטפער פון מיין ווייב האָבן זיי נאָך אַלץ ניט דערהאַלטן. זיי האָבן מיך אַפילע געפרעגט, צי מיין ווייב און פאַמיליע אַרט טאַקע ניט אויב זיי וועלן מיך שוין מער ניט זען קיין לעבע־דיקן?... איך האָב זיי געענטפערט, אַז זיי זאָלן האָבן געדולד, און אַז זי, מיין ווייב, הייסט עס, מוז זיך מיסטאָמע היטן פאַר דער פּאָליציי, און אַז זי זוכט אַוואַדע אַרנטלעכע פאַרמיטלער, און ביז דאַן...

— אַז עס אַרט מיך ניט, — האָב איך געזאָגט, — וואָס אַרט עס אייך?

אַזוי, פריינט מיינע, איז אַנגעגאַנגען אַ צייט פון גאַנצע דריי וואָכן. שפּעטער, אַזוי ווי איך האָב געהאַט אָפּגעמאַכט מיט מיין פריינט פון אַרבעטלאָזן קאָנסיל, איז ער אַוועק צום דעטעקטיוו, און אים דערציילט, אַז אַזוי ווי ער האָט געזען אין צייטונג, אַז מען האָט מיך געקידנעפּט, האָט ער זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט און אויסגעפונען, אַז די קידנעפּער האָבן נעבעך געמאַכט דעם זעלבן טאָעס וואָס ער אַליין, דאָס הייסט, אַז ניט איך בין עס דער וואָס האָט געמאַכט די גרויסע געלטער אַף וואָל־סטריט, נאָר איינער מיט דעם זעלביקן נאָמען, און אַז איך בין אַ מענטש וואָס פאַרמאָגט ניט אַ לעבעדיקן סענט ביי דער נעשאָמע...

האַקלאַל: דעם אייגענעם אָוונט האָבן כעווערע מיך אַרויפגעזעצט אַף אַן אויטאָמאָביל, שוין אַ קלענערן ווי דעמאָלט, מיך צוגעפירט צו דער גרענעץ פון שטאָט, מיר דערלאַנגט אַ בוכצע, פאַרוואָס איך האָב זיי ניט אויסגעזאָגט, אַז איך בין גאָר דער קאַבצן, און אַז זיי מאַכן אַ טאָעס, און געבנדיק מיר אַ ניקל אַף קאַרפעיר אַהיימצופאָרן, האָבן זיי בייז צוגעוואָרפן:

— אויסוואורף! אָפּגעפרעסן אונדז די ביינער פאַר גאָרניט!...

אָט אַזוי, פריינט מיינע, האָב איך האַיאָר געהאַט אַן אומזיסטיקע וואַקאַציע פון העכער דריי וואָכן און זיך אָנגעגעסן אַזוי צו דער זאַט, אַז איך האָב איצט גענוג קויעך אויסצוהאַלטן אַ קריזיס פון כאָטש נאָך אַ יאָר צייט... די איינ־ציקע זאָרג מיינע איז מיין פרוי. עס זעט אויס, אַז דעם קומענדיקן סעזאָן וועל איך דאַרפן זען, אַז מען זאָל זי קידנעפּן. אַף איר איז דאָך אויך אַ ראַכמאָנעס, און זי מעג דאָך אויך כאָטש איינמאָל אין אַ שמיטע אָפּעסן צו דער זאַט. ווי דענקט איר, האַ?...

* * *

„עקסידענטס“

(מאָנאָלאָג פון אַ פרוי)

קענן דעם וואָס מען זאָגט: „עקסידענטס“. אַז ניט גוט זאָל אים דאָרט ווערן, ווער עס האָט דאָס גאָר אויסגעטראַכט!...

עמעס, עס זענען פאַראַן „עקסידענטס“, ביי וועלכע מענטשן מאַכן זיך אַ פיינע מאַטבייע, און פאַראַן „עקסידענטס“, וואָס עס לוינט זיך אַפילע ניט די טירכע. דער איקער איז, אַפאָנים, דאָס ביסעלע מאַזל. יאָ־יאָ, וואונדערט זיך ניט. אויך צו „עקסידענטס“ דאַרף מען האָבן מאַזל. און איר ווייסט דאָך ווי מען זאָגט: „אָן מאַזל זאָל מען גאָרניט געבוירן ווערן!...“

איך ווייס פון מענטשן, וועלכע מאַכן זיך אַ פיין לעבן פון „עקסידענטס“. וואָס דאַרפט איר מער? איך האָב אַ באַקאַנטע, קויפט זי זיך יעדעס יאָר אַ נייע גאַרדעראָבע און אַלע פאָר יאָר אַ גוטן פוטער־מאַנטל אַלס צולאָג, אַלץ נאָר פון אירע „עקסידענטס“...

און וואָסערע מינים „עקסידענטס“ האָט זי דאָס ניט איבערגעהאַט?! עס איז פּאָשעט צו באַוואונדערן. איז עס ניט אַן אויסגליטשן זיך אין פאָרנדיקן טראַמוויי, פאַרקלעמט זי זיך אַ פינגער אין „עלעוועיטאָר“ פון אַ „דעפּאַרטמענט־סטאָר“. איז עס ניט אַ פאַל איבער אַ קאַרפּעט אין דער לאָבי פון אַ גרויסן האָטעל, — איז עס אַ קנאַק פון אַ שטיינדל, וואָס פאַלט אַרונטער פון ערגעץ אַ דאַך, גראָד אין דער רעגע ווען זי איז דאָרט פאַרבייגעגאַנגען...

וואָס דאַרפט איר מער? אַנומלטן איז זי מיט איר מאַן אַרונטערגעגאַנגען פון אַ טראָטואַר אפן וועג צו אַ טראַמוויי־אָפּשטעל. האָט גראָד געדאַרפט פּאַסירן, אַז אַ גרויסע קאַר, וואָס איז געשטאַנען „געפּאַרקט“ביים טראָטואַר, האָט זיך געדאַרפט אַרויסכאַפּן און דער שאָפער האָט גענומען מאַנעווירן דעם אויטאָמאָביל אף צוריק און, מאָלט אייך, עס האָט זי עפּשער קוים אָנגערירט. אַ סימען, זי אַליין האָט עס ווי ניט באַמערקט און איז אַוועק צום טראַמוויי־אָפּשטעל. אָבער, שטייענדיק שוין אין דער „זיכערקייט־זאָנע“ האָט זי זיך מיטאַמאָל אַ כאַפּ געטאָן וואָס זי האָט דאָ אַרויסגעלאָזט אַזאַ גאָלדענע געלעגנהייט פון איר האַנט. האָט זי זיך אויסגעדרייט, צוריקגעשפּאַנט צום טראָטואַר, צום פּלאַץ וואו די קאָר האָט נאָך אַלץ מאַנעווירט אַהין און צוריק, אין אַ פאַרזוך זיך אַרויסצוכאַפּן פונעם ענגן, געקלעמטן פּלאַץ, און האָט זיך אַ לייג אַוועק געטאָן אף דער ערד מיט קרעכצן און געשרייען, אַז מען האָט געקאָנט מיינען, מען האָט זי דאָרט מאַמעש געמיימעסט. ווייכהאַרציקע פאַרבייגייער

האָבן זיך אָפּגעשטעלט און גענומען שרייען אויפן שאָפער. יענער איז אַ דער־שראָקענער אַרויס פון דער קאַר, האָט אויפגעהויבן די דאַמע, זי באַרואיקט, זיך אַנטשולדיקט און גענומען איר נאָמען און אַדרעס מיט דער פאַרזיכערונג, אַז אַלץ וועט זיין אין אָרדנונג, ווייל די קאַר איז „אינשורט״. אף צומאָרגנס איז טאַקע אַן אַגענט פון דער קאָמפּאַניע געקומען צו מיין באַקאַנטער און... נאָך עטלעכע מינוט דינגען זיך, איר דערלאַנגט אַ טשעק פון 200 דאָלאַר, נעמענדיק בלויז אַן אונטערשריפט ביי איר, אַז זי האָט ניט מער קיין פּרעטענזיעס צו דער קאָמפּאַניע און אַז די „קעיס״ איז געשלאָסן...

אַזאַ מאַזל האָט זי שוין, מיין באַקאַנטע, מיט „עקסידענטס״, וואָס קומען צו איר פּונקט ווען זי דאַרף די פּאָר דאָלאַר...

איך אַליין האָב אָבער קיינמאָל ניט געטראַכט וועגן קיין „עקסידענטס״. עס איז מיר אפן זין ניט געקומען אַפילו אין צייט פון קריזיס...

ווען דער קריזיס האָט זיך אָנגעהויבן, בין איך, פאַרשטייט זיך, אויך ניט געווען קיין מעיוכעסעס. אויך איך בין אַרויסגעפאַלן פון דער קאַלייע, און — ווי אַלע אַנדערע אַרבעטלאָזע — גענומען אַרומוואַנדערן איבער די גאַסן זוכנ־דיק אַרבעט, און געטראַכט וועגן זעלבסטמאָרד. וואָרים דאָס ביסעלע רעליף, משטיינס־געזאָגט, וואָס איך האָב געקראָגן, האָט געסטייעט קוים אף איין צאָן. טאָג און נאַכט — הונגעריק און אָפּגעשוואַכט. פון אַ שוך, אָדער אַ קליידל, איז געווען אָפּגערעדט. אַ קליידל בין איך געגאַנגען אַנגעטאָן נאָך פון די גוטע פּלעפּער־יאָרן — אַ קורצינקעס אַזאַ, איבער די קניען, און אַן אויסגעריבנס. קיין וואַרעמען מאַנטל האָב איך אויך ניט געהאַט, בין איך געוואָרן שטאַרק פאַרצווייפלט. ביין, ניט פאַרצווייפלט, נאָר טאַקע מאַמעש פאַרדרייפלט...

יאָ־יאָ, איך האָב גענומען טראַכטן וועגן נעמען און אַליין מאַכן אַ סאָף פון מיין ביטערן לעבן. די צאָרע איז אָבער געווען, וואָס איך האָב נאָך אַפילו דעמאָלט שטאַרק ליב געהאַט צו לעבן און געהאָפט, עפּשער וועט מאָרגן פאַרט בעסער ווערן. עס קאָן דאָך אַזוי אייביק ניט אָנהאַלטן...

און ערשט דעמאָלט האָב איך צום ערשטן מאָל אַ טראַכט געטאָן וועגן אַן „עקסידענט״. איך האָב זיך גענומען מיט מיר אַליין אויסטאַינען:

„פאַרוואָס דאַרף איך עס אָנקומען צו זעלבסטמאָרד אַלס לייזונג פון מיין עקאָנאָמישער פּראָבלעם? פאַרוואָס זאָל איך ניט קאָנען האָבן עפּעס אַזאַ פיינעם „עקסידענט״ ווי מיין באַקאַנטע און זיך מאַכן עטלעכע קאָשערע דאָלאַר, קעדיי זיך צו ראַטעווען?... נישקאָשע, די קאָמפּאַניעס האָבן גענוג זיך אָנגע־פאַשעט פון אונדזער בלוט...״

עס איז אָבער גאַנץ לייכט צו רעדן אַבסטראַקט וועגן „עקסידענטס״. אָבער פּראַקטיש איז עס שוין ניט אַזוי לייכט. וואָרים וואָסער שטייגער „עקסידענט״, לעמאָשל, קאָן איך זיך אויסקלייבן, וואָס זאָל זיין ניט צו געפערלעך, און פון דער אַנדערער זייט, עס זאָל זיך ניט אויסלאָזן, ווי מען זאָגט, „פאַרשטונקענע

פיש געגעסן און פון שטאָט אַרויסגעטריבן געוואָרן״ ?...

האַקלאַל, איך האָב געטראַכט אַהין, געטראַכט אַהער, און בין געקומען צום אויספיר, אַז דער בעסטער, פּראַקטישסטער און זיכערסטער „עקסידענט״ איז מיט אַן אויטאָמאָביל. דאָס הייסט, ניט אַזאַ, וואָס זאָל כאָלילע איבערפאָרן און דערהאַרגענען, נאָר... איך ווייס... פאָרן אַלס פּאַסאַזשיר מיט עמעצן אין זיין אויטאָמאָביל און ער זאָל אַרויפפאָרן אַף אַ בוים אַרויף, אָדער אַרונטערפאָרן אין אַ גרוב אַריין, עס זאָל זיין: מער צעטרייסלט, ווי צעשעדיקט...

דערביי האָב איך זיך טאַקע דערמאָנט, אַז איך האָב ערגעץ אַ באַקאַנטן, וועלכער האָט מיר שוין עטלעכע מאָל פאַרגעלייגט זיך אַביסל דורכפאָרן מיט אים און אַפילע איינמאָל, ווען איך האָב אָנגענומען זיין אָנבאָט, האָט ער פאַר־לייגט אַן אָרעם אַרום מיר און איך האָב מאַמעש אויפגעציטערט ער זאָל כאָלילע ניט אַרויפפאָרן אַף אַ בוים אַרויף...

האָב איך אים אויפגעזוכט, געמאַכט אַ כיינדל צו אים, געגעבן אַ שמייכעלע — ווי געוויינטלעך אַ פרוי טוט ווען זי וויל עפּעס גרייכן און... אין פינף מינוט אַרום בין איך שוין געזעסן אין זיין פאָרדל לעבן אים... אָפּגעמאַכט האָב איך ביי זיך, אַז דאָסמאָל וועל איך שוין גאָרניט זאָגן ווען ער וועט ווידער פאַרלייגן זיין אָרעם אַרום מיר, נאָר פאַרקערט: איך וועל זיך נאָך נעענטער צוטוליען צו אים, רעדן ווי אַ פאַרליבטע וועגן דער שיינער נאַטור, וועגן דער פּראַכטיקער לאַנדשאַפט אַרום און... וואַרטן ביז ער וועט אַרויף אַף אַ בוים...

שטעלט זיך אָבער פאָר מיין אַנטוישונג, אַז ניט נאָר האָט ער ניט געלייגט זיין האַנט אַף מיר, נאָר ווען איך האָב אָנגעהויבן פּאַעטיזירן וועגן דער נאַטור, האָט ער מיך געבעטן שווייגן, ווייל... ווייל, האָט ער געזאָגט, אויב ער וואָלט כאָלילע געהאַט אַן „עקסידענט״ וואָלט ער געווען אויסגעשפּילט, מאַכמעס ער האָט ניט קיין „אינשורענס״ אַף דער קאַר...

האָב איך, פאַרשטייט זיך, גלייך זיך אָפּגערוקט פון אים און אים געהייסן צוריקפאָרן, ווייל איך האָב פּלוצים געקראָגן אַ שטאַרקן קאָפּ־וויטיק...

פון אים בין איך אַוועק צו דער סאָבוויי. געטראַכט האָב איך, אַז די סאָבוויי האָט דאָך שוין זיכער יאָ „אינשורענס״ און איך דאַרף בלויז טאָן אַ שפּרונג אַרונטער פון דער פּלאַטפאָרמע. איך האָב זיך שוין אַפילע געהאַט אויסגעמאָלט אין מיין געדאַנק, ווי אַף צומאָרגנס נאָכן „עקסידענט״ וועט זייערס אַ פאַר־טרעטער אַוואַדע קומען צו מיר און צו מיר אַ זאָג טאָן:

— וועל, לעידי, וועט איר „סעטלען״ מיט אונדז פאַר 5,000 דאָלאַר ?...

פון דעם בלויזן אויסזיכט האָב איך אַזש גענומען אונטערשמייכלען. אָבער מיטאַמאָל איז מיך באַפאַלן אַ פּאַכעד. „און וואָס״, — האָב איך זיך געטראַכט, — „אויב איך וועל כאָלילע פאַלן גלייך אונטער די רעדער, און דער מאָטאָרמאַן וועט ניט באַוויזן אָפּצושטעלן דעם צוג אין צייט ?״

איר קאָנט דאָך מיך ניט פאַרדענקען פאַר אַזאַ טראַכטן. ניט אַזוי ?... דעם

עמעס געזאָגט, האָב איך שוין אַזויפֿיל ניט מורע געהאַט פֿאַרן טויט, ווי פֿאַר דעם, אַז איך זאָל כאָלילע ניט אַרויסקומען אַ צעקריפּלטע קאַליקע פֿון דעם „עקסידענט״. זעט איר, האָב איך זיך געטראַכט, ווען גאָט שיקט מיר צו עפּעס אַ לייכטן „עקסידענט״, עפּעס אַזעלכעס, וואָס אי דער וואָלף — דאָס מיינט איך — זאָל זיין זאַט, און די ציג — דאָס מיינט מיינע ביינער — זאָלן זיין גאַנץ. אָט, אַשטייגער, אַז איך זאָל זיך אויסגליטשן אויף אַ קאַרפּעט אין עפּעס אַ רייכן האָטעל־לאָבי, אָדער זיך צעקלעמען אַ פֿינגער אין דער טיר פֿון אַ גרויסן דע־פּאַרטמענט־סטאָר, צי גאָר אַפֿילע אַזאַ „עקסידענט״ ווי עס האָט אַנומלטן גע־טראָפֿן מיט מיין שוועגערן, אַז אַ שטיק סילינג זאָל אַרונטערפֿאַלן אויפֿן קאָפּ...

איז אָבער די צאָרע, וואָס איך האָב ניט קיין געשעפֿטן אין קיין רייכע האָטעלן, און גיי לעצטנס גאָר זעלטן אין דעפּאַרטמענט־סטאָרס. וואָרים גלאַט אַזוי זיך אַריינגיין און גראָד זאָל מיך טרעפֿן אַן „עקסידענט״, וועט דאָך גלייך פֿאַלן אַ כשאַד אויף מיר... וואָס שייך דעם „סילינג״, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז דאָס טויג אויך ניט. וואָרים וואָס טו איך אויב ער פֿאַלט מיר גלייך אויפֿן קאָפּ און מאַכט מיך פֿאַר אַן אידיאָטקע, ווי עס האָט געטראָפֿן טאַקע מיט מיין שוועגערן? זי, מיין שוועגערן, הייסט עס, האָט געכאַפּט אַזאַ כמאַל פֿונעם אַרונטערגעפֿאַלענעם שטיק „סילינג״, אַז זי האָט „געסעטלט״ מיט דער איני־שורענס־קאָמפּאַניע פֿאַר לויזיקע 25 דאָלאַר. נו, איז זי ניט קיין אידיאָטקע?...

האַקלאַל, עס האָט אויסגעזען שלעכט און איך האָב שוין אויפֿגעגעבן אַלע מיינע האָפֿנונגען אויף אַן „עקסידענט״. אָבער אַפּאָנים, אַז עס איז פֿאָרט באַשערט אַן „עקסידענט״, קומט ער צו דיר אין שטוב אַריין אומדערוואַרט...

אַנומלטן קום איך שפּעט אין אָוונט אַהיים פֿון אַ מיטינג אין אַרבעטלאָזן קאָנסיל. אַ מידע, אַ טויט־הונגעריקע, גיי איך צו צום פֿרידזשערעיטאָר אַ קוק טאָן, צי האָט זיך אַמאָל דאָרט ניט פֿאַרוואַלגערט עפּעס אַ ביס צו טאָן... ערשט איך טו אַן עפֿן דאָס טירל, ווי עס טוט מיר אַזאַ שלאָג אין פּאָנים אַריין עפּעס אַזאַ מאָדנע שווער־זויערער איפּעש — נאָר דערשטיקט צו ווערן... אַמאָניע און גאַז — נאָר צום אַוועקכאַלעשן...

ווער איך טכילעס שטאַרק אין קאַאַס, וואָס איך וועל זיך שוין מוזן לייגן שלאָפֿן מיט אַ ליידיקן מאָגן און וואָס איך מוז אַזוי שפּעט זיך שלעפּן אַזש קיין ברוקלין צו מיין שוועגערן אויף איבערצונעכטיקן, מאַכמעס אין הויז איז געווען אוממעגלעך אויסצוהאַלטן פֿונעם אַמאָניע־געשטאַנק. באַלד אָבער טו איך זיך אַ כאַפּ: וואָס שטיי איך אַזוי ווי אַ גלאָמפּ? וואָס שווייג איך? דאָס איז דאָך טאַקע אַ ריכטיקער „עקסידענט״, אַ קאָשערער, אַפֿילע אָן אַ פּעגימע...

מאַך איך קוידעם־קאָל אַ גוואַלד, קעדיי די שכיינים זאָלן זיך אָנלויפֿן און איך זאָל האָבן אידעס. אויף צומאָרגנס האָב איך געלאָזט וויסן דעם לענדלאָרד, זיך אָנגעבייזערט אויף אים איבער מיין גרויסן שאָדן און... וואָס דאַרפֿט איר מער? אויפֿן פֿערטן טאָג איז געקומען אַ פֿאַרטרעטער פֿון דער אינשורענס־

קאָמפּאַניע צו מיר, האָט אַ שמעק געטאָן, אַריינגעקוקט אין פרידזשידעיר אַריין, געפרעגט וואָס און ווי אַזוי, וויפיל שאָדן איך האָב געהאַט און טוט אַ זאָג:

— וועל, לעידי, וועט איר „סעטלען" פאַר אַ 25־ער קעש?...

האָב איך זיך, באַטירלעך, אויסגעלאַכט פון אים: וואָס? בלויז אַ 25־ער? וואָס בין איך, אַן אידיאָטקע, צי וואָס?

— איר האָט דאָך, אָבער, — זאָגט ער, — קיין פערטל דערפון ניט העזעק געהאַט! אַט, רעכנט אינמיסטן אַליין אויס, וועט איר זען!...

קוק איך אים אָן מיט אַ שמייכל און טראַכט ביי זיך:

„ביסט עפשער טאַקע אַ גרויסער כאַכעם, מיסטער, אָבער אויב דו ווילסט אַ רעכענונג, וועל איך דיר געבן אַ רעכענונג..."

און איך נעם אים אויסרעכענען:

— 12 פלעשער מילך, גרעיד עי, צו 21 סענט אַ פלאַש, באַטרעפט אַרום $2.52. 5 פונט פוטער, 54 סענט אַ פונט, באַטרעפט $2.75, איניינעם — $5.80, נאָר צום גלייכן רעכנונג: $6.00. 8 פונט טאָמעיטעס, צו 35 סענט אַ פונט, באַטרעפט 2.80 — אינאיינעם — $9.60. 2 טשיקנס, איינע אַ געקאָכטע און איינע אַ געבאַקטע, צו $3.00 יעדע, איז $6.00, אינאיינעם, הייסט עס, אַזוי גרויס ווי $16.75. 3 דאָזן אייער, אויך גרעיד עי, 12 קענדלעך פאַרשידענע דזשעלי, 13 קענדלעך סאַרדינס און 11 קענדלעך סעמאָן, 2 קוואָרט שמאַנט און 4 קוואָרט זויער־קרים, וואָס דאָס אַליין קאָסט אין גראָסערי 28 דאָלאַר, און דאָס מאַכט אויס צוזאַמען מיטן פריערדיקן, $75.75. ערשט ספּאַגעטי, קעז, פּרוכטן, גרינצייג, קאָמפּאָטן, עפּל־שטרודל, אַ האַלבער וואורשט אַ טרוקענער און 4 פונט בעיקאָן, וואָס אַפילו אַ מעציע ביי אַ גאַנעוו, זאָג איך, באַטרעפט עס אויך אַרום 29 דאָלאַר, וואָס צוזאַמען מיינט עס אַ כעזשבן פון אַריבער 125 דאָלאַר מיט 75 סענט. ערשט באַנאַנעס (איך האָב נאָך דעמאָלט ניט געוואוסט, אַז מען טאָר ניט האַלטן קיין באַנאַנעס אין אַ פרידזשירעיטאָר). זעט איר שוין, זאָג איך, מיסטער לעבן, אַז עס איז ווייט אַריבער אַ הונדערטער?!...

לאַכט ער, דער פאַרעץ, און זאָגט:

— לעידי, איך האָב דאָ פאַרשריבן אַלץ וואָס איר האָט אויסגערעכנט, נאָר איך זע נאָך אַלץ ניט, אַז עס זאָל באַטרעפן מער ווי 25 דאָלאַר...

ווער איך שוין רעכט בייז:

— אַזוי? נו, און וואָס עפּעס וועגן מיין אייגענעם טראָבל? דאָס רעכנט איר גאָרניט? און דאָס וואָס איך האָב זיך געמוזט לייגן שלאָפן אָן סאַפּער, און וואָס איך האָב שפּעט ביינאַכט געמוזט זיך שלעפּן איינע אַליין אַזש קיין ברוקלין, מיינט אויך גאָרניט? און דאָס וואָס איך האָב געהאַט צוויי טעג קאָפּ־ווייטיקן פון דער אַמאָניע און ניט געקאָנט אַרבעטן, מיינט אויך ביי אייך גאָרניט?...

ענטפערט ער קאַלט ווי אַ גאַזלען:

— וועגן אַרבעטן, וועט איר פריער דאַרפן באַווייזן, אַז איר האָט טאַקע

געהאַט אַ שטעלע און איבער דעם פאַרלוירן צוויי טעג אַרבעט. וואָס אַנ־באַלאַנגט די פּראָדוקטן, וועל... איר קאָנט בעמען די 25 דאָלאַר, אָדער איר וועט אונדז דאַרפן אָנקלאָגן אין געריכט!...

און ער גייט אַוועק. איך האָב געוואַרט אַ וואָך, און צוויי, און אַלץ גע־טראַכט ביי זיך, אַז ער וועט בעסער ווערן. איך האָב שוין געהערט פון שכיינים, אַז זיי קומען צוריק און הייבן דעם פאַרשלאָג. איך האָב אַלץ געהאָפט, אַז עפשער וועט ער אַרויפקומען ביז אַ קיילעכדיקן הונדערטער...

אָבער אַז עס איז אַוועק אַ כוידעש און ער איז ניט געקומען, בין איך אַוועק צו אַ באַקאַנטן יונגן לאַיערל, אַזאַ וואָס האָט נאָך ניט קיין בעסערע ביזנעס, און אים אַלץ דערציילט. זאָגט ער: נישקאָשע, איך וועל שוין מאַכן אַ קעיס דערפון, אַז עס וועט זיין גענוג אי פאַר אייך אי פאַר מיר — איר פאַר־שטייט, פון אַזעלכע קעיסעס טיילט זיך דער לאַיער געוויינטלעך העלפט אף העלפט מיט אייך...

האָב איך געוואַרט קיילעכדיקע צוויי יאָר צייט און ערשט נעכטן קריג איך אַ טעלעפאָן־קאָל פון מיין לאַיער, אַז איך זאָל היינט קומען אין קאָרט אַריין...

צי איך האָב געוואונען די קעיס, פרעגט איר? איילט זיך ניט! האָט געדולד. דאָס וויל איך אייך דאָך טאַקע איצט דערציילן. דאָס גיי איך דאָך טאַקע איצט פון קאָרט מיט אָט די צוויי שווערע בעסקעטס פּראָדוקטן...

איך זאָג אייך, אַז גאָט גיט ניט קיין מאַזל, איז ניט שאַיך. האָט מיר גאָט צוגעשיקט אַ דזשאַדזש, נו... הערט אַ מאַיסע: מיין באַקאַנטע, וועלכע האָט אַזויפיל „עקסידענטס״ אַ יאָר, אַז זי קומט אַריין אין קאָרט, וואו מען קאָן זי שוין גוט, שמייכלט צו איר אי דער דזשאַדזש, אי דער קלוירק און אַלע לאַיערס אַרום. אַפּאַנים, אַז דאָ האָט מיסטאָמע אַביסל צו טאָן דער פאַקט, וואָס זי, מיין באַקאַנטע, איז אַזאַ שיינינקע און פאַרמאָגט אַזאַ קישעפדיקן שמייכל, פון וועלכן די דזשאַדזשעס און די לאַיערס ווערן מאַמעש צעשמאָלצן. סיי ווי סיי, אין עטלעכע מינוט און זי גייט אַוועק מיט אַ טשעק פאַר איר „עקסי־דענט״. מיין דזשאַדזש, אָבער, האָט זיך גאָר געבייזערט אף מיר און געהאַלטן מיטן לאַיער פון דער אינשורענס־קאָמפּאַניע... און דעם עמעס מוז איך זאָגן, אַז די קאָמפּאַניע האָט געהאַט אַ כיטרען לאַיער, ניט ווי מיין שמענדריק.

הערט אַן איינפאַל פון אַ לאַיער: ער האָט געהאַט אין קאָרט עפּעס אַזאַ טיש אף רעדלעך, דערויף האָט ער געהאַט אויסגעלייגט אַלע פּראָדוקטן, וואָס איך האָב געהאַט אָנגעגעבן אַז זיי זענען קאַליע געוואָרן, און דערביי געזאָגט צו מיר:

— זענט איר זיכער, לעידי, אַז דאָ זענען פאַראַן אַלע פּראָדוקטן, וואָס האָבן זיך בעאייסן „עקסידענט״ געפונען אין אייער רעפרידזשערעיטאָר? אויב מיר האָבן עפּעס אויסגעלאָזט, וועלן מיר צולייגן. נישקאָשע, שעמט זיך ניט!...

וואָס זשע האָב איך דעמאָלט געקאָנט זאָגן? איך האָב דאָך שוין געזען, אַז

איך בין אין דער ערד. האָב איך געשוויגן. יענער לאַיער, אָבער, האָט שוין דאָווקע ניט געשוויגן. ער האָט אַרומגעפּירט דאָס טישל פון איין דזשוראָר צום צווייטן און צום סאָף אַ זאָג געטאָן צו זיי:

— לעידיס ענד דזשענטלמען פון דער דזשורי, איצט קאָנט איר אַליין זען, אַז פאַר אַזויפיל פּראָדוקטן וויפיל די לעידי דאָ האָט אויסגערעכנט, וואָלט זי געדאַרפט האָבן ניט 1 רעפרידזשערעיטאָר, נאָר עפשער צוואַנציק!...

וואָס נאָך דאָרט ער האָט געפּלאַפּלט, ווייס איך ניט. מיין געדאַנק איז געווען ערגעץ אַנדערש. איך געדענק נאָר, אַז מיין שמענדריק האָט מיך אַ טאָרע געטאָן ביים אַרבל און מיר אָנגעוויזן, אַז דער דזשאַדזש רופט מיך.

בין איך, פאַרשטייט זיך, צוגעגאַנגען צום דזשאַדזש, וועלכער האָט אַף מיר געקוקט פון הינטער זיינע פענסנע מיט רעציכע, און מיט אַ קלוימערשטן שמייכל מיר געזאָגט, אַז איך האָב געוואונען די קעיס. די קאָמפּאַניע מוז מיר אומקערן אַלע פּראָדוקטן וואָס איך האָב אָנגעגעבן. נאָר וואָס־זשע דען, איר, מאַדאָם, וועט דאַרפן באַצאָלן פאַר זיי, אַנדערש וועל איך אייך פאַרשיקן אַף זעקס כאַדאָשים אין דזשעיל פאַרן פאַרזוך צו באַשווינדלען...

איר הערט אַ יוישער? איך געווין און דאַרף באַצאָלן...

איצט גיי איך דאָס טאָקע פון קאָרט און שלעפּ מיט זיך אָט די צוויי גרויסע בעסקעטס מיט פּראָדוקטן, וועלכע איין גאָט ווייסט וואו איך וועל זיי האַלטן...

יאָ, איר זענט גערעכט, געדאַרפט טכילעס זיך סעטלען און צונעמען דעם 25־ער, וואָס ער האָט מיר פאַרגעשלאָגן. אָבער גיי זיי אַ נאַווי און טרעף, אַז גאָט וועט מיר צושיקן אַזאַ שטרענגן דזשאַדזש און אַזאַ כיטרע לאַיער...

אָבער וואָס טוט מען מיט די פּראָדוקטן? שאַ, עפשער וואָלט איר טאָקע ביי מיר אָפּגעקויפט עפּעס? איך וועל אייך אָוועקגעבן אין גלייכן געלט, ביליקער ווי אין סטאָר... איר פאַרשטייט, איך מוז ביז מאָרגן זען שאַפן 10 דאָלאַר פאַר דער ערשטער איינצאָלונג פאַר די פּראָדוקטן, אַנדערש גיי איך אין דזשעיל אַריין...

אַן „עקסידענט" האָט זיך מיר פאַרוואָלט, טפו זאָל עס ווערן!...

* * *

אויס סעילסמאַן

(מאָנאָלאָג)

הערט איר, פרייַנט מייַנע, וויפיל איר ווייסט וועגן דעם ביטערן גורל פון אַ סעילסמאַן, ווייסט איר נאָך גאָרניט. ביטער, זאָג איך אייַך, גאַנץ ביטער... ניטאָ נאָך, הערט איר, קיין צווייטע פּאַרנאָסע אין דער וועלט, וואָס זאָל זייַן אַזאַ ניוועדיקע ווי די...

צוליב מאַכן אַ שטיקל סעיל, דאַרף אַ סעילסמאַן קאָנען שמייכלען צו די סאָכרים, מוז קאָנען דערציילן טויזנטער וויצן — פון די אומשולדיקסטע ביז די סאַמע שמוציקסטע; ער דאַרף קאָנען שפּילן אין פּויקער (און טאַקע פאַר־שפּילן צום ערגסטן קאַליקע); ער דאַרף שטענדיק געדענקען, ווער פון זייַנע קונדן עס האָט אַן אַלסער אין מאָגן, צוקער אין בלוט, אַ געמורמל אין האַרצן, און נאָך אַנדערע כאָלאָאַסן, קעדיי ניט צו פאַרגעסן בײַ יעדער באַגעגעניש צו פרעגן וואָס דער אַלסער מאַכט, ווי עס האַלט מיטן צוקער, אָדער וואָס עס הערט זיך מיטן געמורמל... ער דאַרף קאָנען טרינקען, ביין, אַרייַנגיסן, און עסן, ביין, פרעסן — סטעיקס, אויסטערס, זשאַבעס, ראַקעס, קעדיי מיטצוהאַלטן מיט די געשמאַקן פון זייַנע קונדן, וועלכע ער אַליין טאַקע דאַרף אייַנלאַדן אין די רעסטאָראַנען, אָדער נאַכט־קלובן, קעדיי דאָרט — ווי אין פּאָסוק שטייט — „קעטויוו לייוו האַמעלעך באַיאַין", צו מאַכן אַ סעיל...

איבערהויפּט דאַרף אַ גוטער סעילסמאַן, אויב ער וויל נאָר זייַן דערפאָלג־רייך, געדענקען, אַז דער קוינע זייַנער האָט אַ ווייב מיט קינדער, קעדיי יעדעס־מאָל זיך נאָכצופרעגן ביי די קונדן, וואָס די ווייבער מאַכן, און ביכלאָל...

אַ גוטער סעילסמאַן דאַרף זייַן אַ ספּעציאַליסט אַף פרויען־פּיסלעך, אַף דאַמסקע מאָרדעלעך, נעזלעך, היפּטן, בריסטן, און אַנדערע טיילן פון דער פרויען־אַנאַטאָמיע, און דאַרף וויסן ווען אַ וואונק צו טאָן צו אַ קונד, וועמעס גוסט ער דאַרף קענען פון אויסווייניק, ווי אַ פרומער איד אַשריי. וואָרים אַ פייַנער סעילסמאַן, משטיינס געזאָגט, קאָן מען עס שוין זייַן און האָבן דער־פאָלג אין געשעפט, ווען מען זאָל, אַשטייגער, צו אַ קוינע, וועלכער האָט ליב סאָלידע פרויען, גאָר אָנווייקען אַף אַ שלאַנק־דאַרער מיידל, צי גאָר פאַרקערט: אָנווייַנקען אַף אַ יוסטער „גראַנד־דאַמע" מיט אַ הויכן ביוסט, ווען דער באַל־דאַוואָר אַליין ווערט גאָר צעקאָכט בעאייס ער דערזעט פאַרבייגיין אַ בויגעוודיק, צווייגלדיק מיידל מיט אַ טאַנץ אין די היפּטן...

אַ געניטער סעילסמאַן, זעט איר, האָט די דאַזיקע אַלע זאַכן, אַלע קוואַלי־

פיקאַציעס פון זיינע קונדן ביי זיך אין קאָפּ און נוצט אויס זיין זיקאָרן אַף דעם געביט, קעדיי צו מאַכן דערפאַלג אין זיינע געשעפטן.

ווען איך בין געוואָרן סעילסמאַן, האָב איך זיך איינגעקויפט אַ גאַנצע ביבליאָטעק מיט וויצן־ביכלעך, זיי איינגעטיילט אין אָפּטיילונגען, לויט דעם כאַראַקטער, און אַזויאַרום פאַרמאָגט אין מיין „סטאָק" אַריבער 500 אַנעקדאָטן, מאַיסעלעך און וויצן, פון גענעצן — ביז צום רויט ווערן... פון אַ גאַר אומ־שולדיקן, ווי לעמאָשל: „אַ מיידעלע זאָגט צו איר מאַמען: פּאַרוואָס קויפסטו זיך אַ בעיבי ביי דעם יונגן דאָקטאָר, און די ציין גייסטו פיקסן צו אַן אַלטן ?..."; ביז צו אַזאַ פעפערדיקן, ווי אַשטייגער...

העיהע, איר זענט באַלאַנים, זע איך, צו הערן דעם וויץ. אָבער ניין !... איך נוץ אים נאָר בעיעכידעס, בלויז פאַר אַ מאַנספּאַרשוין און קיינמאָל ניט אין רעשוס־האַראַבים... וועט איר מיר שוין מוזן אַנטשולדיקן און נוצן אייערע אייגענע פאַנטאַזיעס...

נאָכדעם האָב איך זיך געקויפט אַ קליין ביכעלע, אין וועלכן איך האָב — צוזאַמען מיט די נעמען און אַדרעסן פון מיינע קונדן — אַריינגעשריבן אַלע זייערע „פרימעטעס", וואָסערע געשמאַקן יעדער האָט, וואָסערע וויצן יעדער האָט ליב צו הערן, וואָס ער עסט, וואָסערע פּרויען ער קוקט נאָך אַף דער גאַס, וואָס ער האָט ליב צו טרינקען און וואָסער קאָרטן־שפּיל ער שפּילט. אין אַ באַזונדערער רובריק האָב איך פאַרשריבן די נעמען פון זיין פרוי און קינדער... מיט איין וואָרט: איך האָב זיך אַזוי באַוואָרנט, אַז איך זאָל אַלעמאָל האָבן, ווי מען זאָגט עס, די אינפאָרמאַציע אַף די שפּיץ־פינגער...

יעדעסמאָל, איידער איך בין אַריין אין אָפיס צו מיינס אַ קונדע, האָב איך פריער דורכשטודירט זיין „פּעדיגרי" בא זיך אינעם ביכעלע און בין דערנאָך געגאַנגען ווי אַף אַ זיכערער בריק...

אָבער אויב עס איז באַשערט צאַרעס, הערט איר, קומען זיי — ניט געקוקט אַף אָט די אַלע צוגרייטונגען. ניין, זיי קומען ווי אַף צו לעהאַכעס זיי...

אָט האָבן זיך ביי מיר געטראָפן דריי צופאַלן אַזעלכע, וואו איך בין זייער מיעס אַריינגעפאַלן און איך בין דערפאַר געקומען צום באַשלוס גאָר אויפצוגעבן דאָס סעילסמאַנעריי...

אָט איז דער צופאַל נומער 1: אַנומלטן קום איך אַריין וועגן אַ באַשטעלונג צו מיינס אַן אַלטן קונדע, וואָס פלעגט מיר דורכן יאָר געבן פאַר אַ שיינער מאַטבייע ביזנעס. האָב איך, פאַרשטייט זיך, פריער גוט דורכגעשטודירט מיין רעקאָרד־ביכעלע און גיי אַריין אַ זיכערער, אַ פריילעכער:

— האַו דו יו דו, מיסטער גלעקלמאַכער! — רוף איך אויס אַ פריינט־לעכער. — וואָס מאַכט איר? וואָס מאַכט דער אַלסער? און וואָס טוט עפּעס עסטער? (עסטער, פאַרשטייט איר מיך, איז זיין ווייב).

טוט מיין קונע אַזאַ מאָדנע שמייכל, אַ דריי מיט די ליפּן און זאָגט:

— וואָס ווייס איך וואָס עסטעד מאַכט ?... איך האָב זי שוין ניט געזען פון זינט לעצטן מאַי...

— וואָס איז דען געשען ? — כאַפּ איך זיך ניט וואָס ער מיינט. — כאָלילע עפּעס געטראָפן מיט איר, צי וואָס ?...

— אַוואַדע געטראָפן, — זאָגט ער. — אין מאַי איז זי אַוועק קיין רענאָ און אין יוני האָט זי שוין געהאַט אַ דזשיגאָלאָ...

— אַזוי ? — טשמאָקע איך מיט די ליפּן. — אַ שאָד, אַ שאָד, אַ שאָד. אַ גאָר פיין ווייבל געווען, עסטער. אָבער, — פּראָביר איך אים טרייסטן, — עס לוינט זיך ניט אַוועקצוברענגען צוליב אַ ווייב און נאָך אַזאַ ווייב דערצו. אויב איר ווילט וויסן, — זאָג איך אים סוידעסדיק, — האָב איך אַלעמאָל געהאַט אַ כשאָד אַף איר אַז זי איז פון יענע צאַצקעלעך, וואָס האָט אַ געליבטן הינטער דעם מאַנס פּלייצעס... אַלבעטשע, אַז זי האָט נאָך געהאַט דעם דזשיגאָלאָ בעאייס . . .

איך האָב קוים, הערט איר, באַוויזן צו פאַרענדיקן מיינע רייד, ווי מיין מיסטער גלעקלמאַכער טוט זיך האָסטיק אַ שטעל אויף און שרייט אויס צו מיר:

— אויסוואורף ! ווי וואַגט איר גאָר צו רעדן אַזעלכע רייד אַף מיין פרוי ? קוק איך אים אָן אַ פאַרכידעשטער און פרעג:

— סטייטש ? זי האָט אייך פאַראַטן און איר נעמט זיך אָן פאַר איר ?!... לאַכט ער שוין דער גלעקלמאַכער:

— מיך פאַראַט מען ניט ! דאָס האָב איך בלויז געשפּאַסט אַזוי, געוואָלט זען ווי אַזוי אַ סעילסמאַן וועט זיך אַרויסדרייען פון אַזאַ לאַגע... איצט זע איך שוין וואָסער כעוורעמאַן איר זענט ! ווי לייכט איר קאָנט באַרעדן אַ פרוי !... אַרויס פון מיין אָפיס ! מער קיין געשעפטן טו איך ניט מיט אַזעלכע ווי איר !...

איך האָב געפּראָבירט רעדן, זיך אַנטשולדיקן, אָבער עס האָט ניט געהאָלפן. גלעקלמאַכער האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס, מער קיין באַשטעלונג פאַר מיר...

בין איך אַוועק. וואָרים וואָס האָב איך דען געקאָנט טאָן ? אָבער פאַר־דראָסן האָט עס מיך פונדעסטוועגן. אַ קוינע זאָל מאַכן אַזאַ שפּאַס וועגן זיין ווייב... אויב אַזוי, בין איך דאָך אָן אויסגעשפּילטער. גיי ווייס וואָס דיך קאָן דערוואַרטן ביי אַ צווייטן און אַ דריטן... אַז קיין רעקאָרד־ביכל העלפט שוין ניט.

איצט נאָט אייך צופאַל נומער 2 : געווען איז דאָס מיט מיסטער פּערל־שטיין, דער וואָס האָט דאָ ניט לאַנג צוריק געעפנט זיין געשעפט אַף דער עוועניו. קום איך אַריין צו אים אין אָפיס, זעץ זיך אַוועק ביים שרייב־טיש און פאַרוואַרף אַ וואָרט אַהער, אַ וואָרט אַהין, וואָס מאַכט דאָס ווייב, די קינדער ? ער, זע איך, ווערט פריינטלעך, צעוואָרעמט, ענטפערט : „צאַקעי״, אַ דאַנק... דאַן נעם איך אים דערציילן וועגן מיין פּראָדוקט וואָס איך פאַרטרעט און מאַך אים אַ פאַר־שלאָג, אים אַריינצושיקן אַ סעמפּל־באַשטעלונג אַף זיין גוטהייסונג. אָבער ער, דער כאַזער, האַלט זיך ביי איינס : ער וועט ניט נעמען קיין אומבאַקאַנטן פּראָדוקט, בעאייס ער האָט אַזאַ וואויל־באַוואוסטן...

בין איך זיך שוין מעיאַעש און טראַכט זיך אויפהויבן און אים אַפילע קיין גוד־באַי ניט זאָגן. מיטאַמאָל קומט אַריין אין אָפיס קימאַט־שווימענדיק אַ יונגע, שיינע און פיין־געקליידטע דאַמעלע מיט כוואַליעדיק־בלאָנדע האָר און מיט אַ בלוי וואואַלעכל איבער די בלויע אויגן. זי, זע איך, קוקט זיך אַרום, כאַפּט אַ בליק אף מיר און ענדלעך, ווען פּערלשטיין האָט אַ זאָג געטאָן „צאַקעי", טאַנצט זי צו, כאַפּט אים אַרום, קושט אים אין פּליכל און זינגט אויס:

— העללאָו, שוגאַר!...

פּערלשטיין, זע איך, ווערט מאַמעש צעשמאָלצן פון נאַכעס און פרייד. ער נעמט זי אַרום, קושט זי און ענטפערט:

— האַלאָ, סוויטהאַרט!...

און עס הייבן זיך אָן צערטלעכקייטן צווישן זיי. ענדלעך נעמט פּערלשטיין אַרויס פון קעשענע אַ קליין שאַכטעלע, עפנט עס אויף און איך זע: אַ בריליאַנטן רינגל בליצלט אַרויס פון איבעווייניק, אַז עס פאַרכאַפּט אַזש דאָס אויג:

— דאָס איז פאַר דיר, סוויטהאַרט! — זאָגט ער און גיט עס איר.

קושט זי אים ווידער:

— טענק יו, דעדי! אַי לאָוו יו סאָ מאַטש פאָר איט!...

איך קוק זיך זייטיק צו צו די צערטלעכקייטן, הער די זיסע האָניק־רייד און מיטאַמאָל פאַלט מיר איין אַ געדאַנק:

„אַ בעטשע, אַז דאָס איז זיינס אַ לינקע געליבטע, זיין אָפיס־וויבל, ווי מען רופט עס אין די מואוויס. אף אַזאַ כאַזער איז אַלץ צו גלויבן. נאַרט זיין וויב און באַגעגנט זיך מיט דער געליבטער ביי זיך אין אָפיס..."

און באַלד רוקט זיך אונטער אַ צווייטער געדאַנק:

„אויב אַזוי, האָב איך דיך פאַרפאַקט. וועסט מיר שוין מוזן געבן אַ באַ־שטעלונג. וועסט זיך שוין ניט אויסדרייען פון מיינע הענט!... איך ווייס דאָך, אַז דו האָסט אַ וויב מיט קינדער..."

דערווייל הער איך, ווי דאָס בלאָנדע דאַמעלע טוט אַ זאָג צו אים:

— ווען זשע, שוגאַר, זע איך דיך?...

טוט פּערלשטיין אַ קוק אפן זייגער און זאָגט:

— איך וועל זיך היינט פרי אָפּפּאַרטיקן פון געשעפט, קום איך גלייך אַריבער צו דיר, סוויטהאַרט!...

גיט זי אים פליגק אַ קוש אין פּליכל און וואַרפט צו:

— איך וועל וואַרטן, דעדי! וואַרטן מיט אומגעדולד און ליבע!...

איצט איז שוין ביי מיר קיין שום סאַפעק ניט, אַז דאָס איז זיינס טאַקע אַ לינקע געליבטע. וואָרים אויב ניט, פאַרוואָס עפּעס דאַרף ער קומען צו איר? זיך איך שוין און וואַרט, אַז די דאַמע זאָל אַוועק. אַזוי גיך ווי זי איז באַר אַרויס, טו איך אַ לייכט הוסטעלע און זאָג מיט אַן אומשולדיק מינעלע:

— איז וואָס, פּערלשטיין (איך לאָז שוין אַרויס דעם מיסטער און רעד

פאַמיליער), — וואָס זשע הערט זיך וועגן אַן אָרדער פאַר מיר ?...

קוקט ער מיך אָן און ענטפערט אַזוי קאַלט ווי פריער :

— איך האָב אייך שוין געזאָגט, אַז איך וועל ביי אייך ניט קויפן...

נעם איך זיך אָן מיט מוט און שיס אַרויס :

— עפשער וואָלט זיך אייך פאָרט געלוינט מיר יאָ צו געבן אַ באַשטעלונג ? וואָרים ווען איך בין אין אַף אייער פּלאַץ, וואָלט איך זיך ניט געשטעלט אַזוי שטייף קעגן אַ מענטשן, וואָס ווייסט אַביסעלע וועגן אייער פּריוואַטן, ווי זאָל איך עס אָנרופן, ניט גאָר זויבערן לעבן...

טוט ער פאַרכידעשט אַ קוק אַף מיר :

— וואָס ווייסט איר, אַשטייגער ?

— פּלענטי גענוג, ברודער ! — לאַך איך. — פּלענטי גענוג !...

— און איר ווילט מיך, הייסט עס, בלעקמעילן ? !...

שמייכל איך שוין :

— שאַיך צו זאָגן בלעקמעילן ? איך בין ניט פון דעם סאָרט מענטשן. אָבער אינגאַנצן אַרויסוואַרפן דאָס וואָס איך האָב זיך דערוואוסט וועגן אייך, בין איך דאָך ניט מעכויעוו, ספּעציעל ווען איך דאַרף אייער באַשטעלונג...

שטעלט ער זיך אויף, טוט אַ קוק אַף מיר מיט יענע קוקעלעך און פרעגט :

— און אויב איך וועל אייך ניט געבן קיין באַשטעלונג וואָס וועט איר טאָן ?

— וועל, — הוסט איך זיך אויס און זאָג, — אייער פרוי וועט זיכער זיין צופרידן צו הערן וועגן דעם, וואָס איך האָב נאָר וואָס געזען, ווי מיינט איר ?...

צעלאַכט זיך מיסטער פּערלשטיין, אַז איך האָב געמיינט ער איז מעשוגע :

— גייט, דערציילט, אָבער פאַרגעסט ניט איר צו זאָגן, אַז איר נייער מאַן זאָל עס אויך הערן, אַז איך בין זייער צופרידן וואָס ער האָט זי אָפּגערעדט פון מיר און אַז איך האָב איצט אַף איר פּלאַץ אַ יונגע, אַ שיינע, ווי איר האָט דאָ אַליין געזען. יאָ, ער און זי, זיי ביידע, וועלן גרויס האַנאָע האָבן...

איך בין געבליבן זיצן ווי אַ געפּלעפּטער. הער אַ מאַיסע : ביי מיר אין ביכעלע שטייט פאַרשריבן, אַז ער האָט אַ ווייב, אָבער אַז זי איז אַוועק פון אים, דאָס איז אין ביכעלע ניט פאַראַן. היינט וואָס קאָן שוין אַ ביכעלע העלפן ?...

האַקלאַל, איך האָבן געזען, אַז ווען איך זאָל אַפילע זיין דער איינציקער סעילסמאַן אַף דער וועלט, האָב איך שוין דעם סעיל פאַרלוירן. האָב איך זיך אויפגעהויבן און זיך ווי אַ גאַנעוו אַרויסגעכאַפּט פון פּערלשטיינס אָפיס...

און אָט איז דער צופאַל נומער 3 : מיט דעם, מיט מיסטער גוטמאַן, האָב איך זיך שוין געטראָפן ניט אין זיין אָפיס, נאָר אין רעסטאָראַן. איר פאַר־שטייט, דער האָט גאָרניט אַריינגעלאָזט צו זיך אין אָפיס אַריין קיין סעילסלייט. עס האָט ניט געהאָלפן אַפילע דאָס וואָס איך האָב זיין סעקרעטאַרקע געגעבן אַ מאַטאָנע אַ פלעשעלע פאַרפיום. זי האָט די מאַטאָנע טאַקע צוגענומען און אַלץ געזאָגט, אַז מיסטער גוטמאַן איז ניטאָ... אַז מען קאָן אים ניט זען...

נו, אַז מען קאָן ניט, קאָן מען ניט. אָבער אַ סעיל מוז איך דאָך מאַכן. און צו מאַכן אַ סעיל, מוז איך דאָך אים זען. האָב איך אים אָפּגעוואַרט אױף דער גאַס. און בעאייס ער איז אַרױס איבערבייסן, בין איך אים נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטן אין סאַמע רעסטאָראַן אַריין. דאָרט האָב איך זיך צוגעזעצט צום זעלביקן טישל, טאַקע לעבן אים, באַשטעלט אַ טעפּעלע קאַווע מיט קוכן און גענומען וואַרטן אױף אַ געלעגנהייט אָנצוהייבן רעדן וועגן געשעפט...

דאַ דערזע איך, אַז אין רעסטאָראַן איז אַריינגעקומען אַ שיינע יונגע מיידל, אויך אַ בלאָנדע און מיט אַ וואָלעכל. קוק איך שוין אױף איר און טראַכט, אַז מיסטאָמע איז עס פון יענע מיידלעך. איך זע, זי זעצט זיך ביי אַ טישל אַנטקעגן אונדז און וואַרפט קוקעלעך אין אונדזער ריכטונג. איך זע אויך, אַז גוטמאַן קוקט אַהין צו איר, שמייכלט אונטער אומבאַקוועם. בין איך דאָך אַ סעילסמאַן, טו איך אים אַ לייכטן טאַרע ביים אַרעם און שמייכל אונטער:

— אַ פיין צאַצקעלע, הער גוטמאַן, אַט די מיידל דאָרט. אַ גאַר פיין שטיקל סכוירע, אַז עס איז אַ מעכאַיע אַ קוק צו טאָן... זי זוכט, זעט מען, אַוואַדע אַ קאַסטימער. איז אויב זי געפעלט אייך, דאַרפט איר זיך ניט קווענקלען פאַר מיר...

ערשט מיין גוטמאַן טוט דאָס אַ שפּרונג אויף פון זיין בענקל אַקוראַט ווי איך וואָלט אים דאָרט אונטערגעצונדן, און שרייט מיר אין פּאָנים אַריין:

— אידיאָט! געמיינער יונג! דאָס איז מיין טאָכטער! זי האָט זיך זעט אויס, געקווענקלט צוצוקומען איבער אייך!... פּאַשאָל וואָן! גיראַרי היר!...

דאָס בלוט, הערט איר, האָט מיר אַזש אַ זעץ געטאָן אין פּאָנים. איך האָב שוין געזען, אַז איך בין ווידער אַריינגעפאַלן, מיעס אַריינגעפאַלן.

האָב איך אַ כאַפּ געטאָן מיין קאַפּעליוש מיטן מאַנטל און אַנטלאָפן פונעם רעסטאָראַן ווי דער שוואַרצער פעפער וואַקסט, אַזוי, אַז איך ווייס אַפילע ניט אױף זיכער, צי איז יענע מיידל טאַקע געווען זיין טאָכטער, אָדער ער האָט עס נאָר געזאָגט אַזוי, קעדיי זיך אָפּצוטשעפּען פון מיר...

אָבער אַ לעקציע איז עס געווען פאַר מיר. און איך פרעג אייך, פריינט מיינע, רעכנט איר, אַז מען קאָן בלייבן אַ סעילסמאַן אונטער אַזעלכע באַדינ־גונגען? ווען קיין ביכעלע און וויצן קאָנען שוין אויך ניט העלפן?...

עפּשער ווייסט איר פון עפּעס אַ שטיקל דזשאָב פאַר מיר? מעג זיין ביי וואָס עס איז, אַבי אַ שטיקל ברויט צו פאַרדינען און ניט דאַרפן אָנצוקומען צו אַזאַ פינצטערער, מיעסער פּאַרנאָסע...

און איר מיינט, אַז צו זיין אַ סעילסמאַן איז אַזוי לייכט! טפו!...

* * *

טיפּיסטקעס

(מאָנאָלאָג)

איר האָט דאָך אַלעמאָל טאַינעס צו מיר, פֿאַר־וואָס איך בין ערנסט; אַז וואָס איך זאָל ניט שרייבן, איז עס ערנסט. נו, וועל איך אייך איצט דערציילן אַ מאַיסע וואָס האָט זיך אַנומלטן געטראָפֿן מיט מיר און זאָגט אַליין, צי קאָן אַ אידישער שרייבער זיין ניט ערנסט...

איר האָט דאָך אַוואַדע באַמערקט אף די קעפּלעך פון די צייטונגען און זשורנאַלן, אַז „מאַנוסקריפּטן ווערן אָנגענומען בלויז די וואָס זענען געשריבן אף אַ שרייב־מאַשין“. איר האָט דאָס באַמערקט?...

זעט איר, ווען מען האָט דאָס אָפּגעדרוקט דעם ערשטן מאָל, האָב איך זיך אויסגעלאַכט און זיך געטראַכט, אַז דאָס איז אַוואַדע געווענדט בלויז צו יונגע שרייבער, אָנפאַנגער. האָב איך זיך דעריבער גאָרניט געמאַכט דערפון, האָב גענומען עטלעכע אָנגעשריבענע זאַכן און בין אַוועק אין רעדאַקציע. איך קום אַרויף, דערלאַנג מיין קסאַוו־יאַד דעם רעדאַקטאָר, גלאָצט ער אויס אף מיר אַ פּאָר אויגן און עפנט אַ מויל — נאָר מיך איינצושלינגען:

— סטייטש, — שמייכלט ער מיט דעם כאַראַקטעריסטישן רעדאַקטאָר־שמייכעלע, — איר, אַן עטאַבלירטער שרייבער, און ווייסט ניט, אַז פון איצטער אָן מוזן אַלע מאַנוסקריפּטן זיין געשריבן אף אַ שרייב־מאַשין? וואָס דענקט איר, איך וועל זיך מוטשען און בלינד ווערן אף דורכצולייענען אייערע האַנט־שריפּטן?... נו, און די זעצערס? ווען זיי זאָלן אַפילע זיין לאַמדאָנים, וועלן זיי אויך ניט קענען לייענען די שרייבערישע צעדרייטע האַנטשריפּטן... ביין, מער קיין געשריבענע מאַנוסקריפּטן נעמען מיר ניט אָן!...

געהערט אַזעלכע רייד פון רעדאַקטאָר, האָב איך זיך גענומען בעטן:

— נו, גוט, פּאַניע רעדאַקטאָר. איך האָב פאַרזען. נעמט כאָטש דאָסמאָל נאָך. די ווייטערדיקע זאַכן וועל איך שוין זען אָנשרייבן אף אַ שרייב־מאַשין!...

עס האָט אָבער ניט געהאָלפן. — ברענגט מיר, — זאָגט ער, — געדרוקטע מאַנוסקריפּטן, וועלן מיר זען. אַנדערש מעגט איר אַפילע אָנשרייבן אַ שעקס־פּיריש ווערק, אַ טאָלסטאָישן ראָמאַן, קענט איר עס צעררייסן איידער איר ברענגט עס אין רעדאַקציע...

געזען, אַז איך קאָן גאָרניט מאַכן, בין איך אַוועק צוריק אַהיים, דערצייל דאָס מיין ווייב און זיי הייבט מיט די אַקסלען:

— איך האָב דיר אָבער אַלעמאָל געזאָגט, אַז רעדאַקטאָרן זענען די סאַמע

ערגסטע אוזורפּאַטאָרס אַף דער וועלט און זיי האָבן די ערגסטע איינפֿאַלן... ווען דו וואָלסט מיך געפֿאָלגט, וואָלסטו זיך בעסער גענומען צו עפּעס אַנדערש און ניט צום שרייבן. ווען דו שטעלסט זיך אָפּילע פּוצן שיך אין גאַס, וואָלסטו דאָן אויך בעסער אויסגעמאַכט. וואָלסט כאָטש געוואוסט, אַז דו האָסט ניט איבער זיך קיין רעדאַקטאָרן מיט מעשוגענע איינפֿאַלן, און וואָס דו וואָלסט פֿאַרדינט—אַ כוץ אַביסל שו־וואַקס אַמאָל צו קויפֿן—וואָלט געווען דיינס. ניט אַזוי ווי דאָ — אַלע טאָג נייע גזיירעס, נייע אויסגאַבן...

פֿאַרשטייט זיך, אַז שטיוול פּוצן האָב איך זיך ניט געשטעלט. וואָרים אַז דער שרייבערישער וואָרעם פֿאַרגאַנווועט זיך אין האַרצן אַריין, קאָן מען אים שוין אַזוי לייכט ניט אויסוואָרצלען. דערצו איז נאָך ערשט די פֿראַגע, צי איך וואָלט זיך גאָר אויסגעטויגט צו שטיוול־פּוצן... האַקלאַל, אַנשטאָט דעם בין איך גאָר אַוועק צו אונדערוואודן און גענומען אַ שרייב־מאַשין אַף אויסצאָלן...

אַהיימגעבראַכט די מאַשין, האָב איך זיך אויסגעטאָן דאָס רעקל, פֿאַר־קאַטשעט די אַרבל און זיך אַוועקגעזעצט שרייבן. אָבער עס רעדט זיך נאָר אַזוי — „שרייבן“. עס איז געווען, ווי מען רופֿט עס אין דער פּראָפֿעסיע, אַ „שרייבן“ אין גענדזן־פּיס... אַ האַלבע שאָ זיך אַנגעמוטשעט ביז איך האָב אַריינגעשטעקט דאָס בייגעלע פּאַפּיר ווי געהעריק און... גענומען זוכן די בוכ־שטאַבן...

אָפּגעאַרבעט אַרום אַ דריי שאָ צייט ווי אַ באַק, געזוכט יעדע בוכשטאַב עפּשער פֿינף מינוט צייט און צום סאָף, איך טו אַ קוק — אַנגעשריבן בלויז צוויי שורעס. איך נעם איבערלייענען און אַסער אויב איך קאָן געפֿינען אַ גלייך וואָרט. „מענטש“—איז ביי מיר גאָר אַרויסגעקומען: „לינטש“; „אַרנט־לעך“—גאָר „אַרעמלעך“; „האַרציק“—„קאַנטשיק“; „צדאָקע“—„פּראָסע“; „פּרום“—„קרום“; „שרייבער“—„טרייבער“; „בורזשואַזיע“—„בויכאַלאַזיע“; „פּאַרנאָסע“—„קורנאָסע“ — אָן עמעסע צעדרייעניש!...

„עס טויג ניט!“ — זאָג איך צו זיך אַליין. — „אַנשטאָט צו האָבן פֿריי דעם געדאַנק, צו קאָנען טראַכטן וואָס צו שרייבן, מוז איך גאָר אינזינען האָבן וואו עס געפֿינט זיך דער נייטיקער בוכשטאַב... אַזויאַרום וועל איך דאָך קיינ־מאָל קיין זאַך ניט אָנשרייבן!... מען מוז זען קריגן אַ טיפּיסטקע!...“

עס איז אָבער לייכט אַרויסצוזאָגן „טיפּיסטקע“. אַז צאָלן צאָלט מיר די רעדאַקציע אַרום פֿינף סענט פֿער שורע, און אַ טיפּיסטקע ווערט זיך אַוואָדע הייסן באַצאָלן אַרום דריי סענט. האַקלאַל, איך טראַכט אַהין, טראַכט אַהער, און מיר פֿאַלט איין אַ גליקלעכער געדאַנק: פֿאַרוואָס זאָל זיך מיין ווייב ניט אויסלערנען שרייבן אַף אַ שרייב־מאַשין און ווערן מיין טיפּיסטקע?...

אָבער מיין ווייב האָט אָפּילע ניט געוואָלט הערן וועגן דעם:

— און ווער וועט דיר קאָכן און ראַמען? — פֿרעגט זי. — און ווער וועט אַכטונג געבן אַפֿן קינד? און ווער וועט דיר אויסוואַשן און אויספּרעסן אַ העמד, פֿאַרלאַטען אַ הויז, פֿאַרצירעווען אַ זאָק?...

זע איך דאָך, אַז זי איז געדעכט, וואָרים וואָס־וואָס, אַ קלאָר העמד און גאַנצע הויזן דאַרף דאָך אַ שרייבער אויך האָבן. רעד איך שוין מער ניט מיט איר וועגן דעם און איך באַשליס, אַז איך וועל שוין זען איינצוקאָרגן אף עפּעס פון פּערזענלעכע אויסגאַבן, אָבער אַ טיפּיסטקע מוז איך זען צו קריגן...

בין איך אַוועק אין רעדאַקציע, אַריין אין אָפיס וואו מען נעמט אָן די אַנאָנסן און איך וואַרט, עפּשער וועט אַריינקומען אַ טיפּיסטקע צו געבן אַן אַנאָנס. אַרום פּאַרנאַכט איז אַריינגעקומען אַ מיידל מיט אַ פּאַרדיסן נעזל און אַ פרעג געטאָן ביי דער וואָס האָט צו טאָן מיט די אַנאָנסן:

— אַנטצולדיקט, איר נעמט אָן אַנאָנשן אין דער טשייטונג? איך וויל געבן אַן אַנאָנץ אין פּעיפּער, אַז אַ אידישע טיפּישטקע זשוכט אַרבעט פּאַר ביליק...

גיי איך צו, נעם אַרונטער מיין הוט, אַנטשולדיק זיך פּאַר איר און זאָג:

— אויב איר ווילט, פּריילין, וועל איך אייך געבן אַרבעט און איר וועט זיך איינשפּאָרן די קאָסטן פון דעם אַנאָנס...

— פּאַרוואָש זשאָל איך ניסט וועלן? — פרעגט זי מיך מיט אַזאַ באַזונ־דערער ליטווישער כיינעוודיקייט. — איך בין סטאַרק טשופרידן טשו אַרבעטן פּאַר אַ אידעסן סרייבער!...

האָב איך איר געגעבן מיין וויזיט־קאַרטל און געבעטן קומען אף צומאָרגנס אינדערפרי.

אַרום 11 אַזייגער אינדערפרי, איך בין נאָך געשלאָפן, וועקט מיך מיין ווייב, אַז עפּעס אַ ליטוואַטשקע פרעגט זיך אף מיר. כאַפּ איך אינדערגיך אף זיך אַרויף מיין שלאָף־ראָק, בעט זי אַריין אין אַרבעט־צימער, ווייז איר אָן אף אַ בענקל לעבן דער שרייב־מאַשין און זאָג איר:

— איך נויץ, זאָג איך איר, די פּאָנעטישע אויסלייגעכץ. פּאַרשטייט איר וואָס עס מיינט פאָנעטישע אויסלייגעכץ?

— פּאַרוואָש זשאָל איך ניסט פאַרסטיין? — טוט זי אַ שמייכל. — פּאָנע־טיסע שפּעלינג מיינט, אַז מען סרייבט פּונקט ווי מען רעדט...

— ריכטיק! — זאָג איך און נעם זיך אַרומדרייען און דיקטירן.

דערביי קוק איך זיך צו פון דער זייט און באַמערק, אַז אירע פינגער פליען, דאָס פּאַפּיר גליטשט זיך. זי לויפט מאַמעש גלייך מיט מיינע געדאַנקען —אַ מעכאַיע! אַט וואָס עס הייסט אַ טיפּיסטקע!... אַפּאַנים, אַז דער סאַד פון דערפּאָלג באַ שרייבער ליגט טאַקע אין דעם וואָס זיי האָבן טיפּיסטקעס...

געענדיקט אַ זאַך, נעם איך איבערלייענען און... עס ווערט מיר פינצטער פאַר די אויגן. אנשטאָט שינס — סאָמעכס; אנשטאַט סאַמעכס — שינס. דאָרט וואו עס דאַרף זיין אַן אַרטיקל „דער", אָדער „די" — איז ביי איר „דאָס"... ווייז איך דאָס איר און פרעג זי, וואָס דאָס מיינט. ענטפערט זי:

— איר האָט דאָך מיר אַליין געזשאָגט, אַזש איך זשאָל סרייבן פּאָנעטעס,

אַט אַזשוי ווי מען רעדט. נו, אַזשוי רעדט מען טאַקע ביי אונדזש אין ליטע!...

הייב איך איר אָן דערקלערן, אַז וואָס שאַיך אין פּריוואַטן לעבן, מעג זי רעדן ווי זי וויל, אָבער אין דער ליטעראַטור, זאָג איך איר, איז פֿאַראַן אַן איינ־היטלעכער געזעץ, אַ גראַמאַטיק, וואָס איז גילטיק פֿאַר ליטוואַקעס, פּונקט ווי פֿאַר גאַליציאַנער, און אַז זי וועט דאַרפֿן שרייבן ווי איך דיקטיר...

טוט זי אַ ליטוויש קוקעלע אַף מיר און זאָגט:

— איך בין קעגן דיקטאַטורעס און אַפֿילע אַ סריבער וועט מיר ניט דיק־טירן ווי איך זאָל סריבן. אויב עס געפֿעלט אייך ניסט, איזש פֿאַרפֿאַלן...

האַקלאַל: אַף צומאַרגנס בין איך שוין ווידער געשטאַנען ביים אַנאַנס־פֿענצטערל, און אין האַרצן ביי זיך, אַ באַשלוס: מער קיין ליטווישע נעם איך ניט, מעג זי זיין מיט גאָלד. אַ פּוילישע, נאָר אַ פּוילישע מיידל וועל איך נעמען!

שטעלט אייך פֿאָר מיין פֿרייד, אַז איך האָב זיך דערוואָרט. עס איז אַריינ־געקומען אַ יונגע מיידל מיט אַ שיין ווייס פּנימל, און מיט עטלעכע גאָלדענע לעקעלעך, וואָס האָבן פֿאַרשייט געשפּרונגען פֿון הינטער איר היטעלע — אַ טיפּיסטקע און טאַקע אַ פּוילישע מיידל דערצו — נאָר ווי געוואונטשן...

גיי איך צו איר צו, שטעל זיך פֿאָר און לייג איר פֿאָר מיין פֿאָרשלאַג. און פֿאַרוואָס זאָל זי, איך בעט אייך, עס ניט אָננעמען? אַז איך האָב איר דאָ איינגע־בראַכט אַוואַדע אַ דאָלאַר און איינגעשפּאַרט די וואָרטעניש אַף אַן אָפּרוף...

האַקלאַל: איך פֿיר זי גלייך אַהיים מיט זיך, בעט זי זיך צוזעצן צו דער שרייב־מאַשין און איך נעם דיקטירן. זי הייבט אָן שרייבן, די פֿינגער, זע איך, לויפֿן — אַ פֿאַרגעניגן. מען קאָן מיט איר, טראַכט איך, בלויז אין איין טאָג אָנשרייבן אַ ראָמאַן. און וואָס נאָך מער: זי האַלט זיך באַ מיין דיקטירן...

ערשט הערט אַ מאַיסע: איך דיקטיר איר: „פֿון דער ערשטער מינוט, וואָס איך האָב אייך דערזען, טייערע, האָט מיין האַרץ אָנגעהויבן זינגען. איך האָב אייך ליב. איך קאָן אָן אייך ניט לעבן!“... און איך וואַרט, אַז זי זאָל דאָס אויפֿשרייבן. זי, זע איך, זיצט אָבער, קוקט אַף מיר פֿון דער זייט מיט אירע בלוי־גרינע אייגעלעך, ווי זי וואָלט מיך איבערגעוואויגן אין אירע געדאַנקען, וואַרפֿט בעאַיס מאַיסע אַזוי פֿאַרשייט אַריבער די ניט־געהאַרכזאַמע לעקעלעך איבער איר קעפּל און שמייכלט. כאַזער איך ווידער איבער:

„פֿון דער ערשטער מינוט, וואָס איך האָב אייך דערזען, טייערע, האָט מיין האַרץ אָנגעהויבן זינגען. איך האָב אייך ליב און קאָן אָן אייך ניט לעבן!...“

ערשט מיין טיפּיסטקע טוט אַ שפּרונג אויף פֿון איר שטול און טוט זיך פֿלינק אַ לאָז צו מיר:

— אויך איך, טייערינקער מיינער, האָב אַזוי דערפֿילט. אויך איך האָב דערפֿילט ווי איך האָב דיך ליב און . . .

וויל איך דאָך איר עפּעס זאָגן און איר קלאָר מאַכן איר טאָעס, אָבער זי ליגט שוין מיט אירע ליפּן אַף מיינע, אַקוראַט ווי זי וואָלט געוואָלט, אַז איך זאָל

ניט קענען דאָס מויל עפֿענען. דערצו זע איך נאָך, אַז מיין ווייב שטייט באַ דער טיר מיט פֿאַרלייגטע הענט אַף דער ברוסט און מיט אַ שטעכיק געלעכטערל, ווי ווייבער קאָנען אין אַזאַ מאָמענט, זינגט זי קימאַט אויס צו מיר:

אַזוי?... אַ טיפּיסטקע — אַ ליאַלקעלע האָט זיך דיר פֿאַרוואָלט?!... נו־נו, איך האָב אָבער אַלעמאָל געהאַט אַ פֿאַרדאַכט אַף דיר. צו שפּילן זיך מיט איר אין ליבע האָסטו זי געדאַרפֿט, ניט צום שרייבן!...

איך באַוויז ניט אַרויסצורעדן אַ וואָרט, און מיין ווייב האַלט שוין דער מיידלס היטעלע מיטן זשאַקעטל און שרייט צו איר:

— אַרויס פֿון מיין הויז, דו פֿאַסקודסטווע! זיך אַריינגעניאַדעט אַהער, צו מיר אין שטוב אַריין, צוצונעמען מיין מאַן ביי מיר?! ניט גענוג געווען דיר זיך צו באַגעגענען מיט אים היגטער מיינע פּלייצעס, אין דרויסן?... נו, שטיי ניט! אַרויס, כצופּע איינע, און דיין דוך זאָל דאָ ניט בלייבן אַפּילו!...

מיין טיפּיסטקע האָט צוגענומען דאָס היטעלע מיטן זשאַקעטל, אַרונטערגעלאָזט דאָס שיינע קעפּל ווי אַ געשלאָגן הינטל דעם ווידל, און מיט אַ געוויין זיך אַף גיך אַרויסגעכאַפּט פֿון הויז אַרויס...

אַז איך בין געבליבן אַליין מיט מיין ווייב, זאָג איך צו איר:

— מיט וואָס ביסטו בעסער און קליגער פֿון איר?... מיילע, זאָג איך, זי האָט געמיינט, איז זי דאָך כאָטש אַ יונג נאַריש קעלבל. אָבער דו, קענעהאָרע שוין אַ פּרוי מיט דערפֿאַרונג, דו גלויבסט אויך, אַז איך האָב דאָ מיט איר געשפּילט אַ ליבע?... די ווערטער זענען דאָך פֿון מיין שאַפֿונג...

— ניין, — זאָגט זי, — האָסט געשפּילט מיט איר אַ ברויגעז... אָ, מיר קענען זיך שוין אַף די זאַכן. האָסט בעקיוון אַריינגעטראַכט אַזעלכע ווערטער, קעדיי מיר די אויגן צו פֿאַרבלענדן. אָבער עס וועט דיר ניט העלפֿן...

האָב איך געמוזט צוזאָגן מיין ווייב, אַז מער קיין יונגע טיפּיסטקע וועל איך שוין ניט נעמען, וויל אַנדערש האָט זי געדראָעט, אַז זי וועט צעברעכן די שרייב־מאַשין.

אַזוי זענען דערוויל אַוועק עטלעכע טעג און קיין טיפּיסטקע האָב איך פֿאַר זיך ניט געקענט געפֿינען. ערשט דאָ, מיט אַ וואָך צוריק, קום איך אין אָפּיס אַריין, שטייט זיך אַ דיקע, עלטערע דאַמע, מיט גראָבע שפּאַקולן און רעדט מיט דער אָפּיס־מיידל, וועלכע נעמט אָן די אַנאָנסן. אַזוי ווי איך האָב נאָר געעפֿנט די טיר, זאָגט דאָס מיידל צו דער דאַמע:

— אָט איז טאַקע דער מאַן, וואָס וועט אייך געבן אַרבעט!...

אַפֿן וועג אַהיים מיט דער דאַמע, דערציילט זי מיר, אַז זי אַליין האָט נאָך מיט אַ 20 יאָר צוריק אָנגעשריבן עטלעכע „סטאָריס" מיט אַ „נאָוועל", וואָס מען האָט שטאַרק „אַדמייערט", און אַז איר מאַן איז געווען אַ פּאָעט...

איז דאָס מיר שטאַרק געפֿעלן געוואָרן. אויב זי איז אַן אינטעליגענטע און האָט אַליין אַ יעדיע אין ליטעראַטור, וועט זיכער לייכטער זיין צו אַרבעטן...

מיטן פרייז בין איך אויך גיך דורכגעקומען מיט איר, ווייל זי, האָט זי מיר געזאָגט, האָט אַזוי ליב ליטעראַטור, אַז זי איז גרייט צו אַרבעטן אומזיסט...

האַקלאַל: איך האָב שוין געהאַט אַפּדיקטירט אַ שיינע עטלעכע מינוט. מיטאַמאָל טוט זי זיך אַ שטעל אָפּ, נעמט אַרונטער דיברילן פון די אויגן, ווישט געלאַסן אויס די גלעזלעך און, האַבנדיק באַלעקט אירע ליפּן מיט דער צונג, טוט זי מיר מיט אַזאַ שיינעם שוויגער־כיינדעלע אַ זאָג:

— יו נאָו, מיסטער, די בעגינינג אין אייער סטאָרי איז ניט רייט... איי טינק, עס וואָלט געדאַרפט זיך אָנהויבן מער טעיסטפול, מיט אַ דעסקריפּשאָן פון דער ביוטיפול נעיטשער. אַ שטייגער: עס איז געווען ספּרינגטיים און די גאַנצע יומעניטי, פונקט ווי די גאַנצע עניִמל־קינגדאָם, האָט ריוויִווט פון דעם ווינטערדיקן היבערנעיטן... סאַמטינג לאַיק דיס...

גיי איך צו איר צו מיט אַ שמייכל, נעם זי דעליקאַט אָן ביי דער האַנט און בעט זי איבערלאָזן די שפּראַך צו מיר און זיך אָפּגעבן בלויז מיט שרייבן ווי איך דיקטיר. טוט זי אַ דריי מיטן קאָפּ, זעצט זיך צוריק, שרייבט און, אָנגעשריבן עטלעכע שורעס, שטעלט זי זיך ווידער אויף און ווידעראַמאָל:

— יו מעי סעי וואָט יו פּליז, מיסטער, אָבער אייער שרייבן איז נאָ גוד! אַי וואודנט גיוו אַ דעמד פּעני פאָר איט! פאָלגט מיך און שרייבט ווי איך אַדוויז אייך. נישקאָשע, נאָך מיט 20 יאָר צוריק . . .

ווער איך שוין בייז:

— אויב עס געפעלט אייך ניט, — זאָג איך איר, — מיין שרייבן, האָט איר די ברייִרע עס ניט צו לייענען. אָבער לערנען מיך — דאָס דאַרפט איר ניט!...

שפּרינגט זי שוין אויף אַ בייזע און וואַרפט זיך מאַמעש אָף מיר:

— אַזוי? איר, אַזאַ יונגער שנעק, זאָגט מיר, אַז איך דאַרף אייך ניט לערנען. ווער דען וועט אייך טיטשן, אויב ניט מיר, וואָס האָבן עקספּירענס?

כאַפּט איר היטעלע מיטן מאַנטל און אַנטלויפט...

האָב איך זיך אַליין צוגעזעצט צו דער שרייב־מאַשין און אַליין גענומען שרייבן. עמעס, אין אָנהויב האָט געדויערט זייער לאַנג איידער איך האָב אָנגעשריבן אַ וואָרט, ווייל איך האָב געדאַרפט זוכן יעדע בוכשטאַב און ערשט דעמאָלט איז ביי מיר אַרויסגעקומען, ווי אין ערשטן מאָל, אַנשטאַט „מענטש" — גאָר „ליינטש"; אַנשטאַט „אָרנטלעך"—„אָרעמלעך"; אַנשטאַט „פּאַרנאָסע" —„קורנאָסע", אָבער... איך האָב זיך פּאָרט אויסגעלערנט. איצט שרייב איך שוין גאָר אַן אַנטיק און אָן קאָפּ־דרייעניש, אָן ליבעס און אָן לערערנס...

איז איצט פאַרשטייט איר שוין וואָס עס מיינט צו זיין אַ אידישער שרייבער און פאַרוואָס איך שרייב אַלעמאָל בלויז ערנסט? אָט גיב איך אייך איצט אינמיסטן לייכטס און לאַכט אייך געזונטערהייט!...

* * *

„פּריוועט פּראָפּעטע"

(מאָנאָלאָג)

אַז מען זאָגט: די בורזשואַזיע האָט פאַרסאַמט אונדזערע לעבנס און אונדז איינגעטיילט מיעסע געוואוינהייטן, פון וועלכע מיר קאָנען זיך ניט באַפרייען, — איז עס גאָלד און זילבער...

איך אַליין קאָן דאָס איך באַשטעטיקן מיט צענדליקער פאַקטן.

וואָס דאַרפט איר מער? אַפילו באַוואוסטזיניקע מענטשן, פאַרגעשריטענע אַרבעטער, זענען אויך פאַרסאַמט פון די דאָזיקע געוואוינהייטן, פונקט ווי איך און ווי איר און ווי די גאַנצע וועלט...

אָט, נעמט, לעמאָשל, אַזאַ איינריידעניש ווי „פּראַיוועט־פּראָפּעטע". איך זאָג אייך, אַז צווישן אונדז אַפילו, ניט אויסגערעדט זאָל עס זיין, געפינען זיך נאָך פלענטי געגוג אַזעלכע מענטשן, וואָס האַלטן זיך דערביי, אַקוראַט ווי דאָס וואָלט געווען אַ טוירע מיסיניי, וואָס אַפילו די גרעסטע רעוואָלוציע קאָן ניט אויסוואָרצלען...

מיט איין וואָרט: צוריקגעשטאַנענע און גאָרניט!

אַזוי זענען דאָך, דאַכט זיך, פּראָגרעסיווע מענטשן דערפאַר, אַז מען זאָל וואָס גיכער אָפּשאַפן „פּראַיוועט־פּראָפּעטע", קאָנפיסקירן די פאַרמעגנס ביי די מאָרגאַנס, ראָקעפעלערס, דיו־פּאָנטס און נאָך אַנדערע פּאַראַזיטן. אָבער אַזוי גיך ווי עס קומט צו זיי אַליין, צו זייער אייגענער „פּראַיוועט־פּראָפּעטע", איז אויס מיט דער גאַנצער טעאָריע. זיי ווערן גלייך קימאַט גאַנצע קולאַקעס און באַשטייען אויף זייער רעכט, אַז דאָס איז זייער אייגנטום און איז אומבאַרירבאַר...

מיינט ניט, אַז איך רעד עפּשער פון היץ, אָדער אַז איך בין כאָלילע געכאַפּט אין דער מאָיסע. ניין! איר האָט אַפילו זיך ניט וואָס צו קרימען. איך וויל בלויז איר זאָלט מיר געבן אַ געלעגנהייט צו אילוסטרירן פאַר אייך מיין באַהויפּטונג כאָטש מיט אַ פּאָר ביישפּילן, קעדיי איר זאָלט זיך איבערצייגן, אַז איך בין גערעכט...

איך וועל נעמען, אַשטייגער, די מאָיסע וועגן דער ראַדיאָ. ווי איר ווייסט, האָב איך מיין אייגנס אַ ראַדיאָ. ניין, ניט קיין ראַדיאָ איז דאָס, נאָר אַ קאָנצערט־זאַל מאַמעש. איך זאָג אייך, אַז אַפילו אין קאַרנעגי האָל קאָנט איר ניט אַזאַ האַנאָע האָבן פון אַ שטיקל מוזיק ווי פון מיין ראַדיאָ. אַז די באַסן טוען אַ ברום — וויברירן אַזש די ווענט. מיט איין וואָרט, דאָס איז אַזאַ מאַשין, וואָס איז ווערט צו הערן. ניט יעדער אַרבעטער קאָן זיך פאַרגינען אַריינצושטעלן

צו זיך אין הויז אַריין אַזאַ מאַשין. און קראַפּט פאַרמאָגט זי — אַ יאָם! סיי איך און סיי מיין הויזגעזינט באָדן זיך מאַמעש אין פאַרגעניגן ווען מיר שטעלן זי אָן. עס איז בלויז אַ שאָד, וואָס אונדזערע שכיינים קאָנען ניט געניסן פון איר. אָבער אַזוי ווי מיר זענען ניט קיין „סעלפישע" מענטשן און וואָלטן וועלן זיך טיילן מיט אַנדערע אין דעם פאַרגעניגן, רעד איך זיך דורך מיט מיין ווייב און מיר באַשליסן, אַז קעדיי צו געבן אַלע אונדזערע שכיינים דעם עמעסן פאַרגעניגן, דאַרף מען די ראַדיאָ ברענגען צו זיי...

אָבער וואָס הייסט עס ברענגען? מיר וועלן דאָך ניט נעמען און טראָגן די ראַדיאָ צו שכיינים אין די הייזער! האָבן מיר געטראַכט און באַשלאָסן אָוועקצושטעלן אונדזער ראַדיאָ ביים אָפענעם פענצטער, אויפדרייען דאָס קנעפּל אַזוי ווייט ווי מען קאָן נאָר און לאָזן שפּילן די ראַדיאָ אין דער פולער קראַפט, קעדיי מענטשן זאָלן האַנאָע האָבן און זיך שמעלצן.

אָבער אַזוי גיך ווי אונדזער ראַדיאָ האָט נאָר באַוויזן אויסצושפּילן אַ טייל פון עפּעס אַ סימפאָניע, אַזוי איז גלייך געוואָרן אַ געוואַלד איבערן גאַנצן הויף. פון אַלע פענצטער אַרויס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשריי:

— העי, מיסטער, זייט אַזוי גוט און פאַרדרייט אייער שפּיל־קעסטל, אָדער מאַכט צו די פענצטער! מיר ווילן האָבן אַביסל „פּראַיוועסי"!

איר הערט אַ געשיכטע? — „פּראַיוועסי"...

וואָלט עס מיך ניט געאַרט. וואָרים וואָס קאָן מען דערוואַרטן פון פּאַשעטע, צוריקגעשטאַנענע מענטשן? נו, און גיין פאַרפירן אַ דיסקוסיע מיט זיי און זיי באַווייזן, אַז „פּראַיוועסי" איז אַ בורזשואַזער באַגריף, בין איך דאָך אַוואַדע ניט מעכויעוו. אָבער פאַרדראָסן האָט מיך מער פון אַלעם, וואָס צווישן אַלע שטימעס האָט זיך געהערט אויך די שטימע פון אַ באַקאַנטן רעוואָלוציאָנער, אַ גאַנצער פירער ביי זיך אין דער יוניאָן, וואָס האָט געשריגן אויף זיין אַדעסער לאָשן:

— העי, כאַווער, מאַכט צו אייער פענצטער און לאָזט מיך האָבן אַ קאַפּעלע רו! וואָס איז, איר מוזט זיך אַריינכאַפּן מיט אייער קאַטערינקע צו מיר אין הויז אַריין?... עך וויל „פּראַיוועסי"!...

איר הערט? ער — אויך „פּראַיוועסי".

דאָס איז אייך איינמאָל אַוועק. איצט וועל איך אייך געבן אַ צווייטן ביישפּיל, וועט איר ערשט בוילעט זען ווי גערעכט איך בין.

וואוינט ביי אונדז אין הויז אַ צווייטער כאַווער. אַזוי, דאַכט זיך, אַ גאַנץ לייטישער מענטש, אַ באַוואוסטזיניקער. ער לייענט ביכער און שלינגט מאַרקסן. אָבער פון דעם באַגריף „פּראַיוועט־פּראַפּעטע" האָט ער זיך נאָך אַלץ, ווייזט אויס, ביז איצט ניט באַפרייט...

אַנומלטן האָט ער זיך געקויפט אַן אויטאָמאָביל. אַ נייעם, פיינעם אויטאָמאָביל, אַ שווערעלעיקע, דאַכט זיך. יאָ, האָט ער זיך געקויפט אַן אויטאָמאָביל, אַהיימגעבראַכט און אים געלאָזט שטיין אויף דער גאַס, ביים סאַמע אַריינגאַנג, און

אַליין איז ער אַרויף צו זיך אין הויז עסן מיטיק. זומער איז דאָס געווען, אַ שיינער טאָג. גראָד האָב איך יענעם טאָג ניט געאַרבעט און זיך אַרומגעדרייט אַף דער גאַס מיט מיין שימעלען. שימעלע, דאַרפט איר וויסן, איז אַ קינד, וואָס איז שוין דאַווקע ביי מיר דערצויגן געוואָרן אָן די פאַרשימלטע באַגריפן און איז פריי פון די פאַראורטיילן. האַקלאַל: דאָס קינד האָט דערזען דעם אויטאָמאָביל, איז ער פּאַשעט געוואָרן אַ פאַרצאַפּלטער:

— דעדי, — זאָגט ער, — גאַ גיוו מי אַ ראַיד! קאַם אָן, גיוו מי אַ ראַיד!

האָב איך, וואָס די וואָרעט, אים געענטפערט, אַז ערשטנס איז דאָס ניט מיין קאַר, צווייטנס, אַז איך האָב ניט קיין שליסל, און דריטנס, אַז ער זאָל מיר ווינציקער דרייען אַ קאָפּ און מיך בעסער לאָזן לייענען דעם פּעיפּער. זאָגט ער מיר גאָרניט, דער מאַמזער, דרייט זיך אַוועק פון מיר און — אין עטלעכע מינוטן אַרום — איך טו אַ קוק, זיצט ער זיך אַזוי רייטנדיק איבער דעם „הוד" — דעם צודעק פון דער מאַשין, הייסט עס, קנאַקט זיך אונטער מיט די פּיסלעך איןביידע זייטן, ווי ער וואָלט גערינטן אַף אַ פערד, און שרייט:

— גידי־אַ, האָסי, גידי־אַפּ!...

איך זאָג אייך: אַ כאַכעמל ביי מיר אָט דער שימעלע. אַז נאָר קיין שום „נעהאָרע" ניט. אַ קינד אין זיינע יאָרן זאָל איינפאַלן אַזאַ זאַך: געגומען אַ שטריקל, עס צוגעבונדן צום קעפּל פונעם „רעדיעיטאָר" אַזוי ווי לייצעס, זיצט אַפן פערדל, מיין איך אַפן „הוד", קנאַקט מיט די פּיסלעך אין ביידע זייטן און טרייבט אונטער זיין פאַנטאַזיע־פערדל נאָר ווי אַ דערוואַקסענער:

— גידי־אַפּ, האָסי, גידי־אַפּ!...

האָב איך, ווי יעדער טאַטע, פאַרשטייט זיך, אונטערגעשמייכלט פון האַנאָע און גאָרניט. איז עס אָבער יענעם כאַווער (משטיינס געזאָגט, אַלץ רופט זיך כאַוועך) ניט געפעלן געוואָרן. אַזוי גיך ווי ער האָט נאָר פון זיין פענצטער דערזען דאָס קינד אַפן „הוד", איז ער אין איין אָטעם אַרונטערגעלאָפן, אַרונ־טערגענומען שימעלען פונעם אויטאָמאָביל און זיך נאָך גאַנץ גוט אָנגעבייזערט אַף אים מיט אַן עמעסער לעקציע מאַמעש:

— מען טאָר ניט טשעפּען קיין פרעמדע זאַכן! — האָט ער געשריגן און געפאָכעט מיט אַ פינגער אַפן קינד. — דאָס איז מיין „פּראַיוועט־פּראָפּעטע"!...

בין איך דאָך אָבער געשטאַנען ניט וויט דערביי, האָט עס מיך רעכט פאַר־דראָסן און איך רוף זיך אָן:

— סטייטש, — זאָג איך צו אים, — דו פרעדיקסט פאַר דער וועלט, אַז „פּראַיוועט־פּראָפּעטע" איז אַ קאַפּיטאַליסטישע זאַך, צום סאָף, זאָג איך, אַז מען האָט קוים אָנגערירט דיינס עפּעס אַ שטיקל אויטאָמאָבילעכל, אַ שטיקל „פּראָ־פּעטע", איז הימל עפן זיך?!...

ענטפערט ער מיר גאָרניט און זדרייט זיך אַוועק. נעם איך גלייך מיין שימעלען און, טאַקע אין דעם כאַווערס קעגנוואַרט, זעץ איך אים צוריק אַרויף אַפן „הוד" פון דער קאַר, ווי ער איז פריער געזעסן און איך באַמערק דערביי:

— נישקאָשע, שימעלע, שפּיל זיך, שפּיל זיך! עס מאַכט ניט אויס און דו דאַרפסט ניט וויינען! דער כאַוועֶר, זאָג איך אים, איז אַ גוטער, אַ קאָמוניסט, וואָס האַלט ניט פון קיין „פּראַיוועט־פּראָפּעטע״, און ער האָט בלויז אַזוי געשפּאַסט, בלויז געשפּאַסט...

האָט איר אָבער געדאַרפט זען ווי דער כאַוועֶר האָט זיך צעשריגן אויף מיר:

— וואָס מיינט איר, — שרייט ער צו מיר, — וואָס איר זעצט אים אַרויף אויף דער קאַר? ער מאַכט דאָך מיר אַ טעל פון איר? ער צעקראַצט דאָך מיר די גאַנצע פאַרב!...

האָב איך זיך שוין ניט געקאָנט באַהערשן און אויסגעשאָסן אַ געלעכטער:

— אָ, ניט די קאַר, נאָר די פאַרב גייט אייך אָן? אויב אַזוי, זאָג איך, איז דאָך זיכער ניט קיין גרויסער אומגליק! פאַר צען סענט קריגט מען אין וואול־וואָרטס צען־סענט־סטאָר אַ קענדעלע פאַרב און מען קאָן עס צופאַראָווען...

טוט ער אַ שפּיי אויס, דער כאַוועֶר, נעמט ווידעראַמאָל אַרונטער דאָס קינד פון דער קאַר, רייסט מיט בייזקייט אַרונטער דאָס צוגעבונדענע שטריקל, און שרייט שוין רעכט אפן קינד, אַז עס איז זיך אַזש נעבעך פאַרגאַנגען אין געוויין.

— אַז איך וועל דיך נאָכאַמאָל זען אַרויפקריכן אויף דער קאַר, — האָט ער געשריגן, — וועל איך דיר, איך ווייס אַליין ניט וואָס טאָן!...

און צו מיר:

— און איר, — זאָגט ער, — קויפט זיך אַליין אַ קאַר, וועט איר קאָנען אויף איר אַרויפזעצן אייער קינד וויפל איר וועט נאָר וועלן. דערווייל איז דאָס מיין קאַר, מיין „פּראָפּעטע״, און ניט אייערע!...

איר פאַרשטייט? זיין קאַר און ניט מיינע!... „פּראַיוועט־פּראָפּעטע״, הייסט עס. און דאָס רופט זיך נאָך אָן אַ לינקער, צו אונדזער שאַנד!...

אָבער דאָס איז נאָך אַלץ גאָרניט. זיין עמעסע קאַליר האָט איך ערשט דער־זען מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער. אָט, הערט אינמיסטן אַ נוירוו פון אַ כאַוועֶר:

איינמאָל האָט ער געלאָזט שטיין די מאַשין, אַזוי ווי טאָמיד, אין דרויסן, און אַליין איז ער אַרויף אין שטוב צו זיך עסן מיטיק. מיין יאַנקעלע, אָבער, דער עלטערער אינגל, וועלכער איז פּונקט דעמאָלט אַהיימגעקומען פון סקול, האָט דערזען, אַז אינעווייניק, אין דער פראָנט־שויב פון דער קאַר, שטעקט אַ שיין פּעקעלע „מעטשעס״. איז עס אים געפעלן געוואָרן. מיין אינגל, דאַרפט איר וויסן, קלייבט די קאַרדאַנדלעך פון „מעטשעס״. וואָס, איר ווייסט גאָרניט? דאָס איז אַזאַ „האָבי״, פּונקט ווי אַנדערע, וואָס קלייבן אַלטע פּאָסט־מאַרקעס. אָ, איר וואָלט שוין איינמאָל געמעגט זען דעם פאַרשידנאַרטיקן גרויסן אויס־וואַל וואָס ער האָט פון די דאָזיקע „מעטשעס״־דעקלעך. פון אַלע עקן לאַנד, פאַרשידענע קאָלירן און אויסטערלישע דעזיינס... אַ גאַנצן אַלבאָם האָט ער... דאָס האָב איך אים געהאַט געקויפט פאַר אַ געבורטסטאָג־מאַטאָנע... האַקלאַל:

האָט ער, הייסט עס, דערזען דאָס פּעקעלע און אַזוי ווי ער האָט נאָך ביי זיך אין דער קאָלעקציע ניט געהאַט אַזאַ, האָט ער עס זייער שטאַרק געוואָלט האָבן. אָבער יענער כאַוועך, מיטן בורזשואַזן באַגריף פון „פּראַיוועט־פּראָפּעטע", האָט געהאַלטן די מאַשין צוגעשלאָסן...

אַ קינד ווייסט אָבער ניט פון אַזעלכענע זאַכן. מיין יאַנקעלע איז נאָך, גאָט צו דאַנקען, ניט פאַרפּעסטעט געוואָרן פון אַזעלכענע בורזשואַזע באַגריפן ווי „פּראַיוועט־פּראָפּעטע", האָט ער ניט לאַנג געטראַכט, גענומען אַ קליין שטיינדל, האָט אָף אַ קונציקן אויפן אויסגעדליבעט אַ לעכל אין דער שויב, גענומען דאָס קאַרדאַנדל פון די „מעטשעס" און איז זיך אַוועק זיין וועג...

נו־נו, האָט איר שוין געדאַרפט זען ווי יענער כאַוועך איז דערנאָך אַריינגעקומען צו מיר אין שטוב אַריין מיט אַ געוואַלד און אַ ליאַרעם, און האָט געפאָדערט, אַז ניט אַנדערש איך זאָל אים גלייך באַצאָלן פאַר דער צעבראָכענער שויב, אַנדערש . . .

— עס איז מיין אייגנטום! — האָט ער געשריגן. — מיין בלוט און האָרעוואַניע! מיין „פּראַיוועט־פּראָפּעטע", און קיינער האָט קיין רעכט ניט...

הערט אינמיסטן, איז עס ניט צום לאַכן? אייגנטום, „פּראַיוועט־פּראָפּעטע", און ווער? אַן אייגענער כאַוועך, אַ קאָמוניסט... עפּעס נאָר ווי אַ בורזשוי, אַ ראָקעפעלער, אַ מאָרגאַן, אַ דיו־פּאָנט! עך, און דאָס רופט זיך נאָך כאַוועך!...

האַקלאַל: איך האָב אים געמוזט באַצאָלן. ווייל ערשטנס, האָב איך פיינט זיך צו קריגן מיט די סאָרטן צוריקגעשטאַנענע מענטשן, און צווייטנס, ווייל ער האָט פּאַשעט געסטראַשעט, אַז ער וועט מיך אָנקלאָגן אין געריכט... האָב איך אים טאַקע באַצאָלט, אָבער איצט האָב איך באַשלאָסן אים צו פאַרקלאָגן צו דער עקזעקוטיווע פון אונדזער אָרגאַניזאַציע, און זאָל מען דאָרט פּאַסקענען, צי אַזאַ ווי ער מעג זיך געפינען אין אונדזערע רייען. וואָרים מימאַנאַפשאַך: איז ער אַ קאָמוניסט — דאַרף ער דאָך וויסן, אַז „פּראַיוועט־פּראָפּעטע" איז אַ בורזשואַזער באַגריף, וואָס מיר אָנערקענען ניט. עלע ניט — לאָמיר זשע כאָטש וויסן מיט וועמען מיר האָבן צו טאָן און זאָל ער זיך ניט מאַסקירן פאַר קיין לינקן!...

בין איך גערעכט, צי ניט? זאָגט שוין איר אַליין...

* * *

איך האָב פיינט מוזיק

(מאָנאָלאָג)

ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך אַ מענטש וואָס האָט פיינט מוזיק, און וואָס שעמט זיך טאַקע ניט דאָס אָפן אַרויסצוזאָגן ביפּניי קאָל אַם וועאיידאָ...

איר כידעשט זיך, זע איך, איבער דעם. איר וואונדערט זיך, ווי אַזוי איך, ווי איר רופט מיך אָן, אַן אינטעליגענטער, מאָדערנער און קולטורעלער מענטש, קאָן זיך גאָר דערלויבן פאַרן מויל צו ברענגען אַזאַ זאַך, און איר פרעגט מיך, ווי אַזוי איך קאָן זיך גאָר באַגיין אָן די צאַרטע, באַגייסטערנדיקע טענער פון דער זעלטענער געטלעכער מאַטאָנע צום מענטשן ?...

איז עס טאַקע אַ גאַנץ לאָגישע פראַגע און איך מוז אייך גלייך זאָגן, אַז איך — ווי איר קוקט מיך אָן — האָב אַמאָל אויך אַזוי געפּלעגט רעדן. אויך איך האָב אַמאָל געפּלעגט קוקן מיט כויזעק און פאַראַכטונג אויף אַזעלכע ווי איך בין איצט, — מיט אַ בליק, ווי זאָל איך עס זאָגן, פון ראַכמאָנעס...

דאָס איז אָבער געווען אַמאָל, אַמאָל, נאָך מיט יאָרן צוריק, איידער מיין ווייב האָט זיך געהאַט אַריינגענומען די מעשוגענע מאַנקאָליע אין קאָפּ אַריין...

דעמאָלט — ווי איר קוקט מיך אָן — אַז איך פלעג אַהיימקומען פון דער אַרבעט, האָב איך — ווי מיד איך זאָל ניט האָבן געווען, און נאָך איידער איך האָב זיך אַרומגעוואַשן און זיך געזעצט עסן וועטשערע — גלייך אָנגעשטעלט דעם פּאָנאָגראַף און זיך מיט האַנאָע איינגעהערט אין די קלינגענדיקע טענער פון אַ קאַרוזאָ, אין טיף־מאַכטיקן געברום פון אַ שאַליאַפּין, צי אַ טיטאַ רופאָ, אָדער צום צאַרט־קישעפדיקן געטריל פון אַ גאַלי קוירטשי... איך זאָג אייך, אַז דעמאָלט, באַכן אָפּשפּילן פון אַן אייניציק שטיקעלע מוזיק, פלעגט מיין גאַנצע מידקייט פונעם שווערן טאָג אַרבעט זיך מאַמעש אָפּטאָן פון מיר ; מיין גאַנצער האָס צום פאַרמאַן און קאָאָס אפן באַלעבאָס — פאַרשווינדן... נאָכן אָפּעסן פלעג איך זיך ערשט פריש אָוועקזעצן אין דער ווייך־געבעטער וויג־שטול, ווידער אָנגעשטעלט דעם פּאָנאָגראַף, און ווייטער שטיל מיטגעכאָלעמט מיט דער געטלעכער מוזיק פון די פּלאַסטינקעס. דער גוף מיינער האָט זיך גע־שמאָלצן פון ליבער וואַרעמקייט, מיין נעשאָמע האָט זיך געלייטערט און מיין גייסט האָט געשוועבט אין זיבעטן, ניין, אין צוועלפטן הימל פון גליקזעליקייט...

יאָ, פריינט מיינע, טעג און נעכט האָב איך — ווי איר קוקט מיך אָן — געקאָנט אָפּזיצן און הערן דאָס דערהויבענע געזאַנג פון אַ גוטן כאָר, דאָס

געטלעכע געשפּיל פון אַ סימפאָנישן אָרקעסטער, זיך פאַרוויקלען אין האַר־מאָנישן געוועב פון די קלאַנגען, אין דעם קישעפדיקן צונויפשפּיל פון די מוזיק־אינסטרומענטן, אַט שטיל, שטילער, צאַרט, צאַרטער, ווי אַ זיסער כאָלעם, און אַט הויך, העכער, שאַרף, שאַרפער, ווי אַ שטורעם... און ווען עס איז געקומען צום אַפּלאָדירן, זענען מײַנע הענט — ווי איר קוקט זיי אָן — ניט מיד געוואָרן קלאַפּנדיק, אַז מען זאָל איבערכאַזערן אַ זאַך, אָדער געבן, ווי מען רופט עס אָן, אַן „אַנקאָר"...

אַט אַזוי, ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך עס אַמאָל געווען פאַרקאָכט אין מוזיק... יאָ־יאָ, איך בין אַזוי פאַרכאַפּט געווען פון מוזיק, אַז עס איז פאַר מיר קיינמאָל ניט געווען צופיל וויפיל איך זאָל ניט הערן. איך האָב ניט גע־לייענט קיין ביכער, צײַטונגען האָב איך געלייענט בלויז אויבנאויפיק — נאָר די קעפּלעך, אָבער מײַן פולע פּאַרציע מוזיק האָב איך — ווי איר קוקט מיך אָן — געמוזט האָבן יעדן טאָג, ווי אַ מענטש דאַרף האָבן, נו, לופט...

אָבער פונקט אַזוי שטאַרק ווי איך האָב אַמאָל ליב געהאַט מוזיק, פונקט אַזוי שטאַרק האָב איך דאָס איצט פײַנט. איך קאָן אַפילו דאָס וואָרט מוזיק מער ניט הערן אָן אויפרעגונג... עפּעס נאָר ווי אַ צוגעגעסענע געליבטע... איצט, אַזוי גיך ווי איך דערהער נאָר שפּילן מוזיק, אַזוי אַנטלויף איך גלײַך אין פּאַרק אַרײַן — אויב עס איז זומער, אָדער אין שוויץ־באָד אַרײַן — אויב עס טרעפט אין ווינטער, אַבי ניט אויסצוהערן דאָס גאָט־פאַרדאַמטע גרימפּלען פון די שטיקער מעש, אָדער דאָס גאָרגלען זיך פון די מאַנדלען...

איך זאָג אײַך גאַנץ אָפן, אַז אויב איך זאָל זיך אַמאָל מיט עפּעס פאַר־זינדיקן קעגן געזעץ און דער ריכטער זאָל מיר געבן די ברירה זיך אויסצו־קלײַבן פאַר אַ שטראָף, אָדער צו הערן אַ סימפאָנישן אָרקעסטער, אָדער צו גיין אויפן „עלעקטריק־טשער", וואָלט איך — ווי איר קוקט מיך אָן — אָן שום טראַכטעניש אויסגעקליבן דעם „עלעקטריק־טשער"...

וואָרים וואָסער פאַרגלײַך, איך בעט אײַך, האָט עס די מאָמענטאַלע פּײַן פון פאַרברענט ווערן אויפן „עלעקטריק־טשער", וואו עס קומט אויס צו הערן בלויז אַ קורצינקן מאָמענט בז־בז־בז, ביז צום דאַרפן געמאַטערט ווערן שעהן לאַנג פון אַ סימפאָניע און אויסהערן די פּישטשענדיקע, מויעך־צערודערנדיקע ווילדע קלאַנגען פון פידלען, אַלטן, וויאָלאָס, וויאָלאָנטשעלן, קאָנטראַבאַסן, פלייטן, קלאַרנעטן, אָבאָיען, באַסונען, טראָמפּייטן, טראָמבאָנען, וואַלטאָרנעס, פּאַנפּאַרעס, פּײַקלעך, פּויקן, קסילאָפאָנען, גלעקער, דריי־עקן, טאַצן, דזשימ־דזשערס, קעסל־פּויקן און נאָך אַנדערע קלאַפּערגעציײַגן, וועלכע צערודערן דעם מויעך ניט ווינציקער און ניט אַנגענעמער פון אַ באַנדע בלודנע קעץ אין אַ שטילער מערץ־נאַכט?...

איר ווייסט, איך הויב אָן צו טראַכטן, אַז אין דער עמעסן האָט גאָר קיינער אין דער וועלט ניט ליב קיין מוזיק, אַפילו ניט די שפּילער גופע. נאָר וואָס־

זשע דען־זשע — מאָדע! מען וויל זיך האַלטן אין דער מאַראַכע צווישן לייטן. מען שעמט זיך. מען וויל ניט מענטשן זאָלן זאָגן, אַז מען איז אַ גראָבער יונג און מען ווייסט ניט ווי אָפּצושאַצן די ראַפּינירטע שיינקייט פון מוזיק!... לויט מיין מיינונג, איז עס מיט מוזיק פּונקט ווי מיט דער מאַיסע וועגן יענעם קעניגס מאַנטל. איר ווייסט דאָך וואָס איך מיין... אָט, ביז אַן אומשולדיק קינד האָט פּלוצים אויסגעשריגן: „זעט נאַר, דער קעניג איז דאָך נאַקעט!“... יאָ, מען האָט איינגעשמועסט די וועלט, אַז בלויז דער וואָס איז זויכע, דאָס הייסט, דער וואָס האָט אײדעלע געפילן, דער קאָן פולשטענדיק אויפנעמען, אָפּשאַצן און האַנאָע האָבן פון אַ גוט שטיקל מוזיק. נו, איז ווער, איך בעט אייך, וועט דאָס גיין עפנטלעך צוגעבן, אַז ער האָט ניט קיין אײדעלע געפילן?... מאַכט מען זיך ערנסט, אַקוראַט ווי מען וואָלט טאַקע האַנאָע געהאַט און אָפּגעשאַצט די מוזיק; שלעפּט מען זיך צו קאָנצערטן און מען ציט אַרויף אַ שמייכל אויף די ליפּן, אַ געקינצלטע לויכטיקייט אין די אויגן, קעדיי צו ווייזן פאַר לייטן, אַז מען איז אויך אַ ראַפּינירטער, אויסגעאײדלטער מענטש, כאָטש בעאייס מאַיסע זידלט מען גאָר ביי זיך אין האַרצן סיי די שפּילער, סיי די זינגער און ספּעציעל אַלע די וואָס האָבן איינגעאָרדנט דעם קאָנצערט, וואו מען מוז קומען זיך אָפּמוטשען די עטלעכע שאָ...

שאָקלט ניט מיטן קאָפּ און באַדויערט מיך ניט. איך בין מאַסקים מיט אייך, אַז דער פאַקט, וואָס איך האָב אַמאָל יאָ ליב געהאַט מוזיק, מאַכט מיין איצטיקע קעגנערשאַפט נאָך אומפאַרגעבלעכער... יאָ, עס קאָן זיין, אַז איר זענט טאַקע גערעכט מיט אייער באַמערקונג, אַז איך בין איצט אין דער לאַגע פון אַ פאַשעטן מעשומעד, פון אַ טאַרקוועמאַדאָ, אַ פּראַנייטיס — זיך איבער־געקוליעט און ביז אַרונטער... קאָן זיין, קאָן זיין!... אָבער יעדער וואָרום, זאָגט דאָך די וועלט, האָט זיך זיין דאַרום... איז ווען איר זאָלט וויסן מיין דאַרום, וואָס עס האָט געבראַכט דערצו, ווער עס האָט דערפירט דערצו, אַז איך זאָל אַזוי פיינט קריגן מוזיק; ווען איר זאָלט וויסן ווער עס האָט אין מיר אַזוי אָפּגעסאַמט דעם פאַרגעניגן צו הערן מוזיק — ווען איר ווייסט עס, וואָלט איר מיך איצט זיכער ניט געוועזן באַטראַכט ווי אַ מעשוגענעם...

שולדיק אין דעם, דאָס הייסט, דער הויפּט־שולדיקער, בין איך טאַקע אַליין — ווי איר קוקט מיך אָן!... וואָרים ווי זאָגט עס די וועלט? קיינער קאָן דעם מענטשן אַזויפיל ניט אָפּטאָן ווי דער מענטש זיך אַליין...

איר פאַרשטייט, אין די ערשטע יאָרן נאָך מיין כאַסענע, האָב איך איינמאָל, אין אַ נאַרישער מינוט, זיך אַרויסגעכאַפּט פאַר דער אידענע מיינער, אַז זי, די אידענע טאַקע, האָט זייער אַ פיינע שטימע... דאָס איז געווען נאָך עפּעס אַ שטיקל ברויגעזל צווישן אונדז און... וואָס טוט ניט אַ נאַש־בראַט צוליב שאָלעם באַיס און קעדיי איבערצובעטן אַן אָנגעברויגעזטע ווייב?... האָט זיך גראָד גע־דאַרפט מאַכן, אַז זי האָט דאַרט, אין קיך ביי זיך, עפּעס אַ בלעקעץ געטאָן און

איך, טיפּעש אײַנער, טו זיך אַ כאַפּ און שריי אַריין צו איר:

— ווייסט, גיטעלע — יענע יאָרן האָט זי זיך נאָך גערופן גיטעלע, היינט רופט זי זיך שוין גוירטרוד — גיטעלע, זאָג איך, ווייסט, דו האָסט דאָך אַ זעלטענע שטימע, אַן עמעסע קאָלאַראַטורע ווי גאַלי קוירטשי! אַ שאָד, וואָס דו האָסט דיין שטימע באַצייטנס ניט אַנטוויקלט!...

בו־נו, פרעגט שוין גאָרניט וואָס איך האָב דאָ אָפּגעטאָן. מיינע לויפט אַריין מיט פאַרמעליקטע הענט פון קיך, פאַרגעסט אַפּאַנים אין גאַנצן ברויגעז, כאַפּט מיך אַרום, קושט מיך, גלעט מיך, און רעדט מיט היסלאַיוועס:

— אָ, דאַרלינג, דו דענקסט אויך אַזוי?...

— ווייסט דאָך, — זאָג איך, — אַז איך רעד נאָר דאָס וואָס איך מיין...

— אויב אַזוי, — דערפרייט זי זיך, — וואָס זשע וואַרט איך? עס איז דאָך קיינמאָל ניט צו שפּעט צו לערנען זיך און זיך אַנטוויקלען...

האַקלאַל, וואָס זאָל איך אייך זאָגן, פריינט מיינע, דעמאָלט האָב איך נאָך ניט געהאַט די מינדסטע אַנונג וואָס אַזעלכעס איך האָב מיט מיין צונג אָנגע־מאַכט. אָבער אָף צומאָרגנס... אָף צומאָרגנס...

ווען איך בין אָף צומאָרגנס אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט, האָט מיין ווייב מיר אָפּגעגעבן מאַזל־טאָוו, אַז זי האָט געקראָגן אַ גוטן און ביליקן לערער, אַ באַוואוסטן איטאַליענישן פּראָפעסאָר, וואָס נעמט זיך אונטער זי צו פאַרוואַנדלען אין אַן אָפּערע־זינגערן און זי דערפירן צו אַ קאַריערע אַלס פּרימאַדאָנע אין דער מעטראָפּאָליטן אָפּערע, פאַר פינף דאָלער אַ לעקציע...

האָב איך געשוויגן. וואָרים וואָס האָט שוין געקאָנט העלפן מיין רעדן, נאָכדעם ווי איך אַליין האָב איר בעכטן געזאָגט?... האָב איך געשוויגן און זי האָט זיך גענומען לערנען זינגען. די ביינער האָט זי ביי מיר מאַמעש אָפּגע־גריזשעט. האָב איך זיך געוואָלט קויפן אַ ווינטער־מאַנטל, האָט מיין ווייב געטאַינעט, אַז איר שטימע־בילדונג איז בילעכער, און אַז שפּעטער, ווען זי וועט אויסשטודירן און וועט אָנקומען אין דער מעטראָפּאָליטן, וועט זי מיר געבן גענוג געלט אָף הונדערט מאַנטלען; האָב איך זיך געדאַרפט קויפן אַ פּאָר שיך, האָט זי דאָס געלט אוועקגעטראָגן דעם איטאַליענישן פּראָפעסאָר, וואָס האָט זי געהאַלטן אין איין לויבן:

— אַן עמעסע גאַלי קוירטשי, און עפּשער נאָך בעסער. און דערפאַר טאַקע וועט זי פון איצטער אָן דאַרפן נעמען צו צוויי לעקציעס אַ וואָך ביי אים...

דאָס, פאַרשטייט איר מיך, האָט געמיינט צען דאָלער אַ וואָך. האַקלאַל, ניט נאָר האָב איך זיך אויפגעהערט קליידן, נאָר איך האָב אויך געמוזט איינקאַרגן אָפן עסן. וואָרים וואו נאָר אַ דאָלער — אַזוי האָט זי אים אַוועקגעטראָגן דעם פּראָפעסאָר, וואָס וועט זי מאַכן פאַר אַ פּרימאַדאָנע...

אָבער דאָס געלט ווי דאָס געלט. זאָל זיך מיר דאַכטן, האָב איך זיך אַלץ געטראַכט, עלעהאַי זי איז קראַנק און טראָגט דאָס געלט צו אַ מעדעצין־פּראָפע־

סאָר, צו אַ דאָקטאָר, מיין איך... אָבער צוזאַמען מיט די לעקציעס איז זי אויך געוואָרן אויס באַלעבאָסטע, האָט אויפגעהערט צו קאָכן און ראַמען דאָס הויז, האָט פֿאַרנאַכלעסיקט די קינדער און איז געלאָפֿן אַף מוזיק־לעקציעס צום פּראָפֿעסאָרל, אָדער איז אַזוי אָפּגעלעגן גאַנצע טעג אין מוזיק־געשעפֿטן, זוכנדיק אַלץ נייע פּלאַסטינקעס פֿון זינגער...

און וואָס זאָל איך אייך זאָגן, ניט נאָר האָט זי איינגעקויפֿט אַ וועלט מיט פּלאַסטינקעס פֿון קאָלאָראַטור־סאָפּראַנאָס, ווי גאַלי קורטשי, און לילי פּאָנס, וועלכע — ווי דער פּראָפֿעסאָר האָט איר געזאָגט — זי דאַרף האָבן קעדיי צום שטודירן זייערע טעכניקן ביים זינגען און די פֿאַרשידענע ניואַנסן, נאָר זי האָט אויך אָנגעשלעפּט אַ פֿול הויז מיט פּלאַסטינקעס פֿון אַלטן, טענאָרן און אַפּילע באַסן. און פֿון איין אַריע — עפּשער אַ טוץ פּלאַסטינקעס פֿון פֿאַרשידענע זינגער, קעדיי צו הערן דעם אונטערשיד אין זייערע אויסטייטשונגען... דאָס קאַטערינקעלע, זאָג איך אייך, איז ביי מיר געגאַנגען קימאַט אָן אויפֿהער. צי איך בין געווען אויפֿגעלייגט, אָדער ניט; צי איך בין געווען אַ טויט־מידער פֿון דער אַרבעט און זיך געוואָלט אָפּרוען — איך האָב געמוזט הערן די נייע, וואונדערלעכע שטימעס, וועלכע זי, מיין ווייב, האָט היינט אַנטדעקט און אַהיימגעבראַכט...

איך זאָג אייך, אַז דאָס לעבן איז מיר מער ניט ניכע געווען. עס איז געווען נאָר מעשוגע צו ווערן! וואָרים ווי זאָגט עס די וועלט? „פּופּצן יאָר קרעפּלעך עסן ווערט דאָך אויך נימעס"...

וואונדערט איר זיך, ווי אַזוי איך, אַ קולטורעלער, מאָדערנער און אינטעליגענטער מענטש קאָן אַזוי רעדן וועגן מוזיק?!... אָט, פּראָבירט איר אַליין אָפּוואוינען מיט אַ ווייב, וואָס האָט זיך איינגערעדט, אַז זי איז אַ צווייטע גאַלי־קורטשי, אָדער לילי פּאָנס; פּראָבירט איר אויסזיצן שאַ נאָך שאַ יעדן טאָג און זי זאָל אייך שטופּן אין גאָרגל אַריין רעקאָרד נאָך רעקאָרד אַף די העכסטע טענער, קעדיי איר זאָלט פּילן דעם פֿולן טאַאַם פֿון דער מוזיק, און דאַן... דאַן, אויב איר וועט מיר זאָגן, אַז איר האָט נאָך אַלץ ליב מוזיק, — וועל איך דאַן אַרונטערנעמען מיין קאַפּעליוש פֿאַר אייך!...

וואָס שאַיך מיר, בלייב איך ביי דאָס מייניקע: גיט מיר בעסער אַ גוטע שוויץ־באָד, וואו עס איז שטיל און שאַ, אָן דעם באַנג און געברום פֿון דער געטלעכער מוזיק, אַ שוויץ־באָד, וואו איך זאָל זיך קאָנען אָפּרוען דעם מידן מויעך!... מוזיק איז שוין ניט פֿאַר מיר און ניט פֿאַר מיינע קויכעס!...

שאַ, ווער פֿון אייך וואָלט איצט געווען אַ באַלן צו גיין מיט מיר אין אַ גוטער שוויץ־באָד אַריין? נישקאָשע, קומט, איך בין אַ ספּעציאַליסט צו געבן אַ גוט בעזעמל — אַ סימפּאָניע מאַמעש, פֿון וואָס איר וועט זיך מעכאַיע זיין...

* * *

עמעסע ליבע

(מאָנאָלאָג)

די וויסנשאַפט, ווי איך איז אַוואַדע באַוואוסט, האָט שוין פון לאַנג פעסטגעשטעלט, אַז יעדער פאַך און פּראָפעסיע פאַרמאָגט אייגענע, ספּעציפישע, אַזוי צו זאָגן, מאַילעס און כעסרוינעס. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אויך גילטיק בענוגייע דער שרייבער־פּראָפעסיע. דער איינציקער כילעק איז בלויז, וואָס דאָ, אין דער שרייבער־פּראָפעסיע, זענען די כעסרוינעס מער איבערוועגנדיק ווי די מאַילעס. אָט וועל איך אייך אַף טשיקאַוועס אילוסטרירן די זאַך מיט עטלעכע ביישפּילן, וועט איר עס אַליין קאָנען מיט די הענט אָנטאַפּן...

אַזוי גיך ווי איך בין נאָר אָנגעשטעלט געוואָרן אַלס טעאַטער־קריטיקער אינעם „טעגלעכן שפּיגל“, האָבן אָנגעהויבן שפּראָצן די מאַילעס, אַז איך האָב זיך אַזש מעכאַיע געווען. עס האָט מיר אָנגעהויבן, ווי מען זאָגט עס, גיין דורך טיר און טויער, אַז איך אַליין האָב אָנגעהויבן קוקן אַף זיך ווי אַף אַ גרויסן מענטש. און אַזוי ווי עס איז נאָר אין מיין צייטונג געווען אָפּגעדרוקט מיין ערשטער אַרטיקל איבער דער פּיעסע „דער אויפגעהאַנגענער כאָסן“, — האָט מען דעם נאָמען „צעזאַר“ פון די מיילער ניט אַרויסגעלאָזט („צעזאַר“, ווי איר ווייסט אַוואַדע, איז מיין ליטעראַרישער פּסעוודאָנים)... אין קאַפע האָט מען אָנגעהויבן טייטלען אַף מיר מיט די פינגער און זיך געשושקעט:

— דאָס איז „צעזאַר“, דער גרויסער טעאַטער־קריטיקער!...

— מען זעט גלייך, אַז ער איז אַ קלוגער מענטש! די אינטעליגענץ שיינט מאַמעש אַרונטער פון זיין פּאָנים!...

— זעט נאָר אַ שטערן ביי אים! באַטראַכט נאָר די פּיפּקע זיינע!...

— באַמערקט נאָר זיין שאַרפן בליק פון אונטער די גראָבע אויגן־גלעזער!

— צו באַוואונדערן ווי ער כאַפּט עס גלייך אויף דעם קלענצטן כיסאָרן אין אַ פּיעסע!... ווי ער שאַצט עס אָפּ יעדן באַוועג פון אַ שוישפּילער!...

מיידלעך, זאָג איך אייך, האָבן פּאַשעט אָנגעהויבן מיר נאָכצולויפן. מיר איז ניט איינמאָל אויסגעקומען צו הערן ווי אַ בריגאַדע „באַבי־סאָקסערס“ האָבן זיך געסוידעט וועגן מיר, שטיקנדיק זיך דערביי מיט היסטערישע געלעכטערלעך:

— „אַלבעטשע“, אַז „צעזאַר“ קאָן קריגן די שענצטע אַקטריסעס און כאַריסטקעס פאַר זיך!...

— „נעטש“! וואָרים וועלכע אַקטריסע וועט זיך דאָס וועלן איינרייסן מיט אַזאַ באַרימטן קריטיקער ?!...

איך בין, זאָג איך איך, מאַמעש געוואַקסן אין דער לענג און אין דער ברייט דערפֿון. אַף דער צווייטער וואָך, אַז איך האָב שוין געהאַט אָפּגעדרוקט אַ טוץ אַרטיקלען איבער טעאַטער און סטאַם קונסט, האָבן צו מיר אין רע־דאַקציע אַריין אָנגעהויבן שטראָמען מאַסן בריוו, און אַלע קימאַט אויסשליסלעך נאָר פֿון פֿרויען...

איינע, לעמאָשל, האָט מיר געשריבן, אַז אַזוי ווי זי איז אַ יעסוימע און דאַרף טאָן אַ שידעך, און אַזוי ווי איך בין דער גרעסטער קריטיקער ביי אידן, זאָל איך איר טאָן אַ טויווע און זען זי „פֿריסטראַציען“ ערגעץ אין אַ טעאַטער. זי האָט שוין, — האָט זי געשריבן, — אַמאָל געהאַט געשפּילט טעאַטער אין דער באַרימטער דראַמע „כינקע־פינקע“ ערגעץ ביי זיך אין אַ גאַליציאַנער שטעטל און זי קען די קונצן ניט ערגער פֿון דזשעני גאָלדבערג...

אַ צווייטע האָט מיר געשריבן, אַז זינט זי האָט געזען די אידישע „פּיקטשעס“ „ליבע און ליידנשאַפֿט“, האָט זי דערפֿילט אין זיך עפּעס אַזאַ שטאַרקן „אוירדזש“ צו די „מואוויס“ און האָט יעדן אָוונט, נאָך דער אַרבעט, גענומען מאַכן „רעהוירסלס“ ביי זיך אין צימער אַנטקעגן דעם שפּיגל, און אַלע, אַלע, — איינגעשלאָסן איר אייגענער פֿאָטער, וואָס איז אַ מייוון — האָבן איר גע־זאָגט, אַז אַ קאַפּאָרע בעטי דעיוויס און אינגריד, ווי הייסט זי דאָרט, בוירגמאַן, פֿאַר איר „פּוירסאָנאַליטי“ און אירע „קוירוווס“... זי האָט געוואָלט אָנקומען אין די ענגלישע „מואוויס“, נאָר, ערשטנס, האָט זי ניט קיין געלט אַף צו פֿאָרן קיין האַליוואוד, און, צווייטנס, אַזוי ווי זי איז אַביסל שיפּעלאַווע און קאַרטאַווע, האָט זי מוירע, אַז דאָס וועט אַוואַדע זיין אַ שטער. פֿאַר אידישע „מואוויס“, אָבער, — האָט זי צוגעגעבן, — מאַכט עס מיסטאָמע ניט אויס, מאַכמעס אין אידיש, ווי מען זאָל ניט רעדן, איז עס גוט. וואָרים אָט אַנומלטן האָט זי געהאַט געהערט אַ אידישן אַקטיאָר, וואָס האָט ביכלאַל קיין אידיש ניט געקענט רעדן, און דאָך...

אַ דריטע מיידל האָט מיר געשריבן, אַז איך וועל מאַמעש אָפּראַטעווען איר לעבן, אויב איך וועל איר געבן די „פּעסעס“ צו גיין אין טעאַטער אַריין מיט איר כאָסן, ווייל ער איז אַ קנאַפּער פֿאַרדינער און קאָן זי ניט „אויסנעמען“. האָט זי דעריבער ניט וואו צו זיצן און אים לאָזן שפּילן זיך מיט איר האַנט, אַזוי, אַז דער גאַנצער שידעך שטייט איצט אין קאָן... זי האָט געהערט, — האָט זי געשריבן, — אַז קריטיקער האָבן מאַסן „פּעסעס“ און... וואָס קאָן דען איין מענטש טאָן מיט אַזויפֿיל „פּעסעס“, סיידן זיי אַוועקוואַרפֿן, וואָס איז מאַמעש אַ פֿאַרברעכן קעגן דער מענטשהייט ביכלאַל און קעגן איר ביפֿראַט...

אַן אַנדער מיידל, און דאַווקע אַ שיינע, אַ ברונעטע מיט גרינע אויגן, איז פּערזענלעך אַרויפֿגעקומען צו מיר אין רעדאַקציע. זי האָט פֿאַרמאָגט אַ קישעפֿ־

דיך שמייכעלע און מיר געזאָגט, אַז געקומען איז זי, ווייל זי באַזיצט עפּעס אַזאַ געהיימע קראַפט, וואָס טרייבט זי צו באַקענען זיך מיט באַרימטע מענטשן, ספּעציעל נאָך מיט שרייבער און איבערהויפּט מיט טעאַטער־קריטיקער...

און איך מוז זיך מודיע זיין פאַר אייך, אַז אַט די מיידל איז מיר שטאַרק געפעלן און איך האָב זיך אין איר, ווי מען זאָגט עס, פאַרליבט גלייך פון דעם ערשטן בליק... האַקלאַל: נאָך אַ צען מינוט רעדן האָב איך זי איינגעלאַדן צו גיין מיט מיר אין טעאַטער אַריין. זי האָט, פאַרשטייט זיך, אָנגענומען מיין איינלאַדונג און איז טאַקע יענעם אָוונט געגאַנגען מיט מיר צו אַ „שאָו" אַף בראָדוועי.

נאָכן טעאַטער האָב איך זי פאַרבעטן אין אַ רעסטאָראַן און זי טראַקטירט מיט אַ פיינעם מאַלצייט. איך האָב, שווער איך אייך, אויסגעגעבן אַף איר אַ האַלבע וואָך געהאַלט, אָבער עס איז ווערט געווען! וואָרים אויסער שיינקייט און צוגעלאָזנקייט, איז זי אויך געווען אַ קלוגע, וואַרעמע און רייצנדיקע...

זיצנדיק אין רעסטאָראַן, האָט זי מיר פאַרטרויט, אַז זי אַליין פאַרפאַסט וויצן און רעטענישן, און טאַקע גלייך אַפן פלאַץ מיך אַ פרעג געטאָן:

— טרעפט, אינגמיסטן, „צעזאַר־דאַרלינג",—איר הערט? „דאַרלינג" האָט זיך מיך גערופן, אַז עס האָט מיר אַזש דאָס בלוט צעקיצלט, — וואָס איז דאָס: 103 אין שאָטן, האַוו־האַוו־האַוו, טששששש...?

איך האָב געהויבן מיט די אַקסלען, ביט וויסנדיק וואָס צו ענטפערן.

— „גיוו־אַפּ, צעזאַר?" — האָט זי זיך געביינדלט, — „גוד!" דאָס איז אַ „האָט־דאָג" אין קוני־איילענד!...

איך האָב צוגעשטימט, אַז עס איז אַ קלוגער, געלונגענער רעטעניש...

געזען, אַז דאָס איז מיר געפעלן, האָט זי מיר אויסגעזאָגט, אַז זי פאַרפאַסט אויך אייגענע פילאָזאָפיעס. און, ביט וואַרטנדיק איך זאָל זי בעטן, האָט זי אָנגעשטעלט אַן ערנסטע מינע אַפן פּאָנים און דענקעריש אַ זאָג געטאָן:

— אויב מען האַלט, אַז אַן אָפּטימיסט איז דער וואָס זעט דעם בייגל, און אַ פעסימיסט — יענער וואָס זעט בלויז די לאָך, — דאַן, אויב מען וויל טאַקע אַף אַן עמעס אָפּשטעלן פעסימיזם, פאַרוואָס ניט באַקן בייגל אָן לעכער?...

האַקלאַל, פון מינוט צו מינוט האָב איך זי אַלץ ליבער געקראָגן. וואָרים צווישן אונדז גערעדט, וואו וואָלט איך, מיט מיין אויסזען און געוואוקס, אַפילע גאָר געקאָנט כאַלעמען וועגן אַזאַ מיידל, ווען איך וואָלט כאַלילע געווען אַ „פיינטער", אַ „קלאָוקמאַכער", צי עפּעס אַן אַנדער באַלמעלאָכע?... אַ שריי־בער, זעט איר, דערצו נאָך אַ קריטיקער, איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש...

אָבער וואָס וועל איך אייך דאָ לאַנגברייען? מיר האָבן אָנגעהויבן גאַנץ ערנסט אַרויסצוגיין. יעדן אָוונט איז זי געקומען צו מיר אין רעדאַקציע און פון דאָרט זענען מיר ביידע אָוועק אין אַ טעאַטער און דערנאָך, פאַרשטייט זיך, אין אַ רעסטאָראַן עפּעס איבערצוכאַפּן...

די ערשטע פּאָר וואָכן איז אַלץ געגאַנגען קשורע. איך האָב געליען געלט ביי מיינע קאָלעגן רעכטס און לינקס און געקויפט בילעטן. וואָרים אַ סאָד זאָל עס בלייבן צווישן אונדז דאָ: אונדזער צייטונג, דער „טעגלעכער שפּיגל", האָט ניט געקראָגן קיין שום „פּעסעס" פון די טעאַטערס, ווייל זיי האָבן אונדז ניט אָנערקענט. אַי, וועט איר פרעגן, מיינע אַרטיקלען? מיינע אַרטיקלען פלעג איך דעריבער קאָפּירן פון אַנדערע צייטונגען און זיי בלויז צוביסלעך ענדערן דאָ און דאָרט, אַז עס זאָל זיך ניט וואַרפן אין די אויגן. אָבער גיין דערציילן דער מיידל וועגן דעם, האָב איך דאָך, באַטירלעך, ניט געקאָנט. דאָס וואָלט דאָך זיכער געהייסן ראָמאַנטישער זעלבסטמאָרד פאַר מיר, ניט אַזוי עפּשער ?...

אַז עס איז אָבער געקומען אַרום סאָף כוידעש און דאָס מיידל איז אַלץ געקומען איך זאָל זי נעמען אין טעאַטער אַריין, האָב איך פּאַשעט אויפגע־ציטערט. וואו צו לייען געלט האָב איך שוין מער ניט געהאַט. ביים סאָף כוידעש זענען אַלע מיינע קאָלעגן געווען געבראָכן פּונקט אַזוי ווי איך... האָב איך דעריבער באַשלאָסן איר אויסצוזאָגן דעם עמעס. וואָרים קיין אַנדערע ברייַרע האָב איך דאָך סיי ווי סיי שוין ניט געהאַט. דערצו נאָך האָב איך זיך געטראַכט, אַז איצט, נאָך אַ קנאַפּן כוידעש, האָט דאָס מיידל מיך שוין גענוג ליב, אַז אַזאַ קלייניקייט זאָל האָבן אַ וועלכע עס איז ווירקונג אויף איר...

שטעלט זיך אָבער פאָר מיין ווייטיק און אַנטוישונג, אַז אַזוי גיך ווי איך האָב איר נאָר אויסגעזאָגט דעם עמעס, אַז איך האָב ניט קיין „פּעסעס" און קיין געלט, האָט זי אַ מאַדנע קוקעלע געטאָן אויף מיר מיט יענע באַרימטע פרויען־קוקעלעך, פון וועלכע דאָס בלוט גליווערט אַזש אין די אָדערן, האָט זיך געטאָן אַ שאַרפן דריי אַוועק פון מיר און, שוין ביי דער טיר, שפּאָטיש צוגעוואָרפן:

— נו, און איך, נאַר, בין זיך נאָך געגאַנגען פּאַטשקען מיט אַ שרייבער!...

און זי איז אַוועק, אַז איך וויס אַפילע ניט וואו זי איז אַהינגעקומען...

איצט זעט איר שוין ווי מען קאָן זיך עס פאַרלאָזן אויף דער ליבע פון אַ מיידל צו אַ שרייבער?... איך זאָג אייך, פריינט מיינע, אַז איך וואָלט שוין בעסער געוואָלט זיין אַ פּאַשעטער קלאָוקמאַכער, אַ פרעסער, אָדער אַ פּעינטער, אָבי צו וויסן, אַז אויב אַ מיידל האָט מיך ליב, האָט זי מיך ליב ניט צוליב קיין „פּעסעס", נאָר צוליב מיר אַליין, צוליב מיין אייגענער פּערזאָן, אַזוי צו זאָגן...

נו, דאָס וועט אייך דינען ווי אַ קלאָרע אילוסטראַציע, אַז די שרייבערשע פּראָפּעסיע האָט מער כעסרוינעס ווי מאַילעס... קאָוועד אַביסל, דאָס, זעט איר, עפּשער טאַקע יאָ. אָבער עמעסע ליבע, ניט אויסגערעדט זאָל עס זיין, — דאָס איז פאַר אַ „נאַש־בראַט" אַ שרייבער, אינגאַנצן ניטאָ!...

* * *

אידישע כוצפע

(מאָנאָלאָג)

העלאָו, מאַדאַם! איר וועט מיר אַנטשולדיקן, וואָס איך בין אַריינגעקומען צו אייך, ווי מען זאָגט עס, ניט ווי עס פירט זיך ביי אונדזער שטייגער באַלעבאַטישע מענטשן, נאָר אומבאַקאַנט און ניט־פאַרגעשטעלטערהייט...

דאָס בין איך טאַקע אַריינגעקומען קעדיי איך גליק צו ווינטשן צו אייער אַריינקלייבן זיך אין אונדזער געגנט. איר זעט אויס צו זיין אַ לייטישע פרוי, און דערפאַר בין איך אַריינגעקומען זיך צו באַקענען מיט אייך. עס איז אַלע־מאָל, פאַרשטייט איר מיסטאָמע אַליין, גוט צו האָבן לייטישע שכיינים און זיך צו האַלטן פריינטלעך איינער מיטן אַנדערן...

הםםם... איך ווייס נאָך אַפילע ניט אייער נאָמען, מאַדאַם. ניטאָ נאָך קיין נאָמען־קוויטל אַף דער טיר. אָבער איך האָב מיר מיין וועג: אויב איך זע, אַז עס האָט זיך אַריינגעקליבן אַהער אַ לייטישער מענטש, גיי איך גלייך אַריין גליק־ווינטשן און דערביי געבן אַ „טיפּ", אַז כאָטש אין אַלגעמיין איז דאָ, גאָט צו דאַנקען, אַ לייטישע שכיינעשאַפט, דאַרף מען זיך פונדעסטוועגן אַביסל היטן, ווייל עס האָבן זיך לעצטנס אויך אַריינגעכאַפּט אַהערצו אַ פּאָר „קאַיקס", — איך מיין... אידן...

איך זאָג אייך ווי אַ גוטער פריינט אַ שכיינע, אַז פאַר די אידן דאַרף מען זיך היטן ווי פאַר פייער. אומעטום זענען זיי דאָ און אַלעמען גיבן זיי אייצעס און זאָגן דייעס וואָס יאָ און וואָס ניט צו טאָן, מיט וועמען יאָ און מיט וועמען ניט זיך צו פאַרהאַלטן פריינטלעך. איך זאָג אייך: עס איז שוין פּאַשעט ניט אויסצוהאַלטן פון זיי, ספּעציעל די אידן פון אונדזער שכיינעשאַפט. באַלד ווי זיי קלייבן זיך נאָר אַהער, אַזוי לויפן זיי גלייך צו די שכיינים אַ קוק טאָן וואָס עס קאָכט זיך ביי זיי אין טעפּל...

איר וועט מיר אַנטשולדיקן, וואָס איך שטער אייך עפּשער אויפצוראַמען און צו שטעלן אייערע זאַכן אין אָרדנונג. איך ווייס, אַז עס איז אַ שווערע און גאָר אומאַנגענעמע אַרבעט, און עס זאָל זיך געפינען כאָטש איין שכיינע וואָס זאָל קומען אַ העלף טאָן!... אָבער איך, אַז איך זע אַ נייעם, לייטישן שאָכן, ווילט זיך אַריינגיין באַקענען און זאָגן אַ גוט וואָרט... איך מיין, אַז עס איז זייער פיין פון מיין זייט. דענקט איר ניט אַזוי, מאַדאַם?...

איז ווי האַלט איך? יאָ, וועגן די אידן! יאָ, זיי, די אידן, הייסט עס, זענען

כוצפעניקעס און זיי זענען שולדיק אין אַלע אונדזערע אומגליקן...

איך ווייס, מאַדאַם, איר וועט מיסטאָמע טראַכטן, אַז איך מוז זיין אַן אַנטי־סעמיטקע, וואָס איך רעד אַזוי... זאָג איך אייך גלייך, אַז עס איז ניט אַזוי. פאַרקערט: איך האָב זייער פיל פריינט צווישן אידן. די בעסערע אידן, פאַר־שטייט זיך. אָבער יענע זענען אַזוי זעלטן און אַזוי ווינציק, אַז עס איז ניט גענוג, ווי מען זאָגט עס, קרים אַף צו פאַרווייסן די קאַווע...

יאָ, קאַווע. אַנטקעגן וואָס זאָג איך דאָס? אַנטקעגן דעם, וואָס איך טראַכט, אַז איך וועל אַמאָל דאַרפן אַריינקומען צו אייך מיט מיין מאַן אַף אַ טעפּעלע קאַווע און דערביי זיך גענויער דורכשמועסן וועגן דעם, וואָס די אידן האָבן פאַרכאַפּט די גאַנצע וועלט פאַר זיך און פירן זי ווי עס לוינט זיך זיי...

אָט, נעמט אַשטייגער אַזאַ פאַקט: די גרעסטע באַנקירן אין לאַנד, זענען אידן. באָלשעוויקעס — אידן; מיליאָנערן — אידן; אויסטיילן רעליף — אידן און נעמען רעליף — ווידער אידן... אומעטום איז עס פול מיט זיי!...

וואָלט מיך, וואָס אַן עמעס, ניט געאַרט די אידן. וואָרים גאָט האָט דאָך באַשאַפן די וועלט פאַר אַלעמען גלייך און יעדער איינער האָט די פולע רעכט צו זיין וואָס ער וויל און גלויבן אין וואָס אים געפעלט. דערויף איז פאַראַן, גאָט צו דאַנק, ביי אונדז אין לאַנד אַ קאַנסטיטוציע, וואָס גאַראַנטירט יעדן איינעם פולשטענדיקע רעכט, גלייכהייט, מעגלעכקייטן, געלעגנהייטן און אַזוי ווייטער... נאָר וואָס זשע דען, די אידן ווילן ניט קיין גלייכהייט! זיי ווילן דאַווקע זיין גרעסער פון אַלעמען און אַרויפצווינגען אַף יעדן זייערע מיינונגען. און אויב עס קומט עמעצער מיט אַן אַנדער מיינונג, איז אַ געוואַלד — הימל עפן זיך!...

ווען איר פרעגט מיך, וואָלט איך געזאָגט, אַז אונדזער רעגירונג האָט שוין אַביסל צופיל באַכגעלאָזט די לייצעס און געגעבן די אידן צופיל פרייהייט אין אונדזער לאַנד. און זיי נוצן דאָס אויס גאַנץ ברייט...

אָט, טוט אינמיסטן אַליין אַ קוק: ווער זענען די מאַכערס ביי אונדז אויב ניט אידן? אין אַלבאַני, דער גאַווערנאָר, איז אַ איד! דער מעיאָר פון ניו־יאָרק, לייב־גוואַרדיע — אַ איד, און מען האָט נאָך געמאַכט אַ לופט־פעלד אַף זיין נאָמען אויך! און אין וואַשינגטאָן זאָל מען שוין גאָר אָפּגעהיט ווערן! אין סופרים־קאָרט — קאַרדאָזאָ און פראַנקפורטער; אין די מיניסטעריומס — פּוירקינס און האַפּקינסאָן, נאָך ווען זיי האָבן אָפילע אַנגערופן אַ גאַס אין בראַנזוויל! נו, און פּראַיעם ראָזנפעלד אַליין, און זיין ווייס־פרעזידענט, הערשל טרומאַן—אַן עמעסע אידישע מעלוכע, זאָג איך אייך, אַז מען זאָל באַהיט ווערן!

זיי האָבן זיך פאַרנומען צו פאַרנעמען די וועלט פאַר זיך און גייט טוט זיי עפּעס. דעם פאַטערל קאָגלין, אַ הייליקן מענטשן, האָבן זיי פאַרטריבן פון דער לופט; דעם פאַרשרייען זיי אַלס פאַשיסט, יענעם — אַזאַ אידישע כוצפע!...

שאַ, איך וועל אייך ברענגען אַ גוטן ביישפּיל, וועט איר אַליין זען. איר

זענט דאָך אַוואַדע אַמאָל געגאַנגען אָף דער גאַס און עמעצער צווינגט אייך צו נעמען ביי אים אַ פּראָפּאַגאַנדע־ליפלעט, אַ־ יאָ? איז דאָס זיכער אַ איד, וואָס שטופּט אייך דעם ליפלעט מיט גוואַלד אין דער האַנט אַריין!

קעגן אַלץ און אַלעמען זענען זיי, די אידן. קעגן פּאַטערל קאָגלין, קעגן דעם קריסטלעכן פּראַנט, קעגן פּויפּסט, קעגן דזשעראַלד סמיט, קעגן... יאָ, זיי זאָגן, אַז עס איז אַ פריי לאַנד, מיט פרייער פּרעסע, פרייער רעדע, און נאָך אַנדערע אַזעלכע נאַרישע פריהייטן. שפּאַר איך זיך ניט מיט זיי. וואָרים ניט עס לוינט זיך און ניט מען קאָן עפּעס אויספירן ביי זיי. אָבער איך זאָג מיר אין זאָך פונדעסטוועגן: איר ווילט אויסטיילן אייער פּראָפּאַגאַנדע? — גוט! לייגט אייערע ליפלעטס, זייט מויכל, אַרויס אָף אַ טישל אין גאַס און ווער עס וועט וועלן וועט זיך נעמען איינס. אָבער שפּאַרן יענעם אין דער האַנט אַריין — דאָס ניט! זעט איר, פּאַטערל קאָגלינס ליפלעטס זענען שוין גאָר עפּעס אַנדערש. ער איז ניט אַבי ווער. ער איז אַ הייליקער מענטש, אַ גייסטלעכער און ווייסט וואָס ער וויל...

איך פאַרשטיי ניט, מאַדאַם, פאַרוואָס איר קרימט זיך אַזוי. איך קאָן זיך וועטן, אַז איר זענט נעבעך אַנגעשטאָפּט געוואָרן מיט אידישער פּראָפּאַגאַנדע נאָך איידער איר האָט זיך אַריבערגעקליבן אַהער, אין אונדזער ליטישער שכיינעשאַפט!... אָבער נישקאָשע, מיר וועלן אייך שוין עפענען די אויגן און אייך באַווייזן דעם עמעס. פאַרלויפיק, פאָלגט מיך און נעמט קוידעם־קאָל ביי מיר אָט דעם ליפלעט. איר וועט אים איבערלייענען, וועט איר אַליין זען ווי די אידן האָבן אייך אַריינגעכאַפּט אין זייער נעץ אַריין!...

ניין, מאַדאַם, איך צווינג אייך ניט מיט גוואַלד צו נעמען דעם ליפלעט, אויב איר ווילט ניט. איך זאָג אייך נאָר, אַז עס איז פאַר אייער אייגענער טויווע וועגן. איר וועט שוין דערנאָך אַליין קומען צו מיר און מיך בעטן, אַז איך זאָל אייך געבן נאָך און נאָך אַנדערע...

און עפּשער, מאַדאַם, וואָלט איר גאָר געוועזן אַ באַלן צוצוגיין צו אַ מיטינג פון אונדזערע געקליבענע קריסטלעכע פרויען פון דער שכיינעשאַפט? אויב איר ווילט, האָב איך, דאַכט זיך, גראַד מיט זיך אַ בילעט און וועל אים אייך פאַרקויפן. עס קאָסט ניט טייער. בלויז 25 סענט. אָ, מיר וועלן דאָרט האָבן וויכטיקע און באַרימטע רעדנער. איינער — אַ מאַק־וויליאַמס, זאָגט מען אָף אים, אַז ער איז פון די גאָר געהויבענע. אַ צווייטער — איז טאַקע דזשעראַלד סמיט — אויך ניט אַבי ווער... דער איינקונפט פון דעם אָוונט וועט טאַקע גיין אָף צו באַקעמפן דעם אידישן שעדלעכן איינפלוס ביי אונדז אין לאַנד. קומט מאַדאַם, איר וועט זיך ביי אונדז גוט אַמוזירן!...

ווייסט איר גאָר וואָס, מאַדאַם, אויב איר זענט פון די מענטשן, וואָס האָבן פיינט צו גיין צו מיטינגען און האָט בעסער ליב פאַרברענגען ביי זיך אין דער היים, וועל איך ווען עס איז אין אַן אָוונט אַריינקומען אַהער מיט מיין מאַן און

מיר וועלן פאַרברענגען אין אַ וואַרעמער היימישער אַטמאָספערע. מיר וועלן שפּילן אַ קערטל — אייער מאַן האָט ליב צו שפּילן? — מיר וועלן טרינקען אַ גלעזל טיי, אָדער אַ טעפּעלע קאַווע און דערביי אַרומשמועסן די זאַך געניער. איר וועט האַנאָע האָבן, זאָג איך אייך... איר צו אונדז מעגט אויך קומען צו גאַסט. וואָרים דאָ, אין אונדזער שכיינעשאַפט, אַז עס קומט ווינטער, איז זיך ניטאָ וואו אַהינצוטאָן אין די אָוונטן, סיידן גיין אין אידישן צענטער אַריין און דאָרט פאַרברענגען ווידער מיט אידן!...

גאָט מיינער! וואָס ענטפערט איר ניט, מאַדאַם, קיין איינציק וואָרט? איך רעד און רעד די גאַנצע צייט, רעד שיער אַרויס די קישקעס פון זיך, און איר שווייגט, נעמט מיך דורך מיט אַזעלכע מאָדנע שטעכיקע בליקן, אַז עס באַפאַלט מיך אַזש אַ מוירע... און וואָס מיינט עס איצט אייער קאַלט שמייכעלע, מאַדאַם? גאָט מיינער! איך האָב נאָך אַזאַ שטעכיק שמייכעלע קיינמאָל ניט געפילט אף זיך!

וואָס? איר אַליין זענט אַ אידישע פרוי? גאָט מיינער, גאָט מיינער! פאַר־וואָס זשע האָט איר געשוויגן די גאַנצע צייט?... אָבער, כע־כע־כע, איך זע, אַז איר זענט ניט פון די געוויינטלעכע אידן, נאָר פונעם בעסערן קלאַס און מיר, כע־כע־כע, וועלן זיכער קאָנען זיין גוטע פריינט צווישן זיך, גוטע שכיינים...

וואָס? איר טרייבט מיך גאָר אַרויס, מאַדאַם? וואָס פאַר אַ שלעכטס האָב איך אייך דען געטאָן? הערט אַ געשיכטע, איך בין אַריינגעקומען ווינטשן גליק אַ נייער שכיינע, נעמט זי און טרייבט מיך גאָר אַרויס פון הויז... איצט זע איך, אַז ניט בעכינעם זאָגט טאַקע פּאָטערל קאָגלין, אַז די אידן זענען אַ מיעס פאָלק!... הערט אַ געשיכטע!... אַזעלכעס קאָנען טאָן טאַקע בלויז אידן און ניט קיין אָרנטלעכער קריסט — באַליידיקן אַ מענטשן וועמען מען קען אַפילע רעכט ניט!...

אָט דאָס הייסט אידישע כוצפּע!...

* * *

די מעזינקע אויסגעגעבן

(מאָנאָלאָג)

העכער, בעסער, די ראָד, די ראָד מאַכט גרעסער... די מעזינקע אויסגעגעבן, די מעזינקע אויסגע...

האַ, וואָס? איך בין שוין פאַרשניאַשקעט, זאָגט איר? איז וואָס זשע די אַוולע דאָ? נישקאָשע, איך מעג זיך עס פאַרגינען. איך האָב די מעזינקע מיינע אויסגעגעבן און איך מעג דעריבער מאַכן אַ דרייפאַכן לעכאַים. אַ קלייניקייט אַ מעזינקע אויסצוגעבן?!...

וואָס זשע כידעשט איר זיך אַזוי? אָ, איר וואָלט ניט געגלויבט ווען איך זאָג עס אייך ניט, אַז איך בין אַ טאַטע פון קענעהאָרע דריי דערוואַקסענע טעכטער, און אַז מיין מעזינקע איז שוין קענעהאָרע אַ מויד פון נייַנצן יאָר?...

סיי ווי סיי, די מעזינקע האָב איך שוין אויסגעגעבן. וואָרים צו זאָגן אייך דעם עמעס, האָט מיין האַרץ זיך טאָמיד געשראָקן, אַז אויב איך וועל אַמאָל בלייבן מיט אַ פאַרזעסענער טאָכטער, וועט דאָס זיין טאַקע זי, די מעזינקע. און מיינט ניט, אַז זי איז כאָלילע עפּעס אַ פאַרזעעניש. ניין, דאַווקע אַ שיינקייט, וואָס שיינקייט הייסט. נאָר וואָס־זשע דען, זי, די מעזינקע מיינע, איז קיינמאָל ניט געווען פאַרקאָכט אין קיין באָכערים און קימאַט קיין אַסאָקים ניט געהאַט מיט זיי. טעג און נעכט איז זי געווען פאַרנומען מיט פאַרטיי־זאַכן. זי איז, פאַרשטייט איר מיך, אַ קאָמסאָ, צווישן אונדז זאָל עס בלייבן, מאָלקע... אומעטום און שטענדיק האָט זי נאָר גערעדט וועגן מאַרקסן און מאַרקסיזם, וועגן לענין און לעניניזם און וועגן סטאַלינן און סטאַליניזם, און געמאַכט כויזעק פון יענע מיידלעך, וואָס האָבן אינזינען בלויז צו כאַפּן אַ באָכער און כאַסענע האָבן... און בעאייס אַנדערע מיידלעך האָבן געמאַכט כיינדלעך, דריידלעך, קונצעלעך, קעדיי צו געפעלן און צוציען צו זיך יונגעלייט, — האָט זי, די מעזינקע מיינע, גאָר גערעדט מיט באָכערים וועגן בורזשואַזיע און עקספּלואַטאַציע, וועגן דעם אַרבעטער־קלאַס און רעוואָלוציע...

ניט איינמאָל האָב איך גערעדט צו איר, זיך געבעטן ביי איר. מילדרעד, זאָג איך איר, איך, ווי דו ווייסט, בין ניט קיין קאַפּיטאַליסט און ניט קיין רעאַקציאָנער; אַז מען וויל, בין איך דאָך אַ שטיקל סאָציאַליסט, אַ סימען, איך באַלאַנג צו אַ יוניאָן און נאָך אַזעלכע זאַכן. אָבער מיט רעוואָלוציע, זאָג איך איר, זאָלן זיך פאַרנעמען מיעסע, אַלטע מוידן, ניט יונגע שיינע מיידלעך ווי דו. מיט רעוואָלוציע, זאָג איך איר, וועסטו זיך צו קיין טאַכלעס ניט דער־

שלאָגן!... פאַרקערט: עס איז נאָך אַ שטער צו אַ פײַנעם שידעך!...
האָט זי מיך אָנגעקוקט, אַ לאַך געטאָן און געזאָגט:

— רעוואָלוציע, טאַטע, איז דער בעסטער טאַכלעס, דער שענצטער שידעך!

יאָ, אַפּאָנים, אַז היינטיקע צײַטן איז שוין מער ניט קיין שטער פאַר אַ שידעך צו זײַן אַ רעוואָלוציאָנערקע, נאָר טאַקע פאַרקערט! אַ וואָה־ראַיע: טאַקע אין דער פּאַרטיי דאָרט האָט זי זיך דאָך באַקענט מיט דעם באָכער, וועלכער האָט זיך פאַרליבט אין איר איבער די אויערן און מיט וועמען זי האָט כאַסענע געהאַט. און ער אַליין, זאָגט זי מיר, איז אויך ניט אַבי ווער, נאָר אַ וואַזשנער פּאַרטיינער, אַזוי ווי זי. און ער פאַרגעטערט זי, זאָגט זי, פאַר איר, ווי זי רופט עס אָן, פּאָליטישער באַוואוסטזיניקייט.

איר פאַרשטייט צײַטן? מען פאַרגעטערט שוין ניט פאַר שיינקייט, פאַר כאָכמע, פאַר פּערזענלעכקייט, נאָר פאַר פּאָליטישער באַוואוסטזיניקייט...

סיי ווי סיי, איך האָב שוין, ווי איר הערט, די מעזינקע אויסגעגעבן. אָבער וואָס קומט אַרויס דערפון, אַז קיין כאַסענע, ווי מיר פאַרשטייען אַ כאַסענע, איז ניט געווען בײַ זיי, און קיין טנאָאים, מיט טעלער־ברעכן, האָט מען אויך ניט געשריבן. נאָר גאָרניט: גענומען לייסנס און כאַסענע געהאַט...

האָב איך איר אָפּגעגעבן אַ מאַזל־טאָוו און געשוויגן.

פאַרדראָסן האָט עס מיך אָבער פאָרט. האָב איך זיך אָנומלטן אָנגענומען מיט מוט און טו אַ זאָג צו איר:

— מילדרעד, זאָג איך איר, טאָכטער מײַנע, וואָס הייסט דו האָסט כאַסענע געהאַט? נו, און אַ כופּע, און אַ וועטשערע, און די אַנדערע זאַכן?... און פאַרוואָס האָסטו ניט גענומען קיין דירע מיט פוירבּיטשע, ווי עס פירט זיך בײַ יונגע פּאָרלעך?... פאַרוואָס וואוינסטו ניט צוזאַמען מיט דײַן מאַן, ווי גאָט און לײַט האָבן געבאָטן, נאָר וואַלגערסט זיך בײַ מיר אין אַלקערל?...

לאַכט זי, די מעזינקע מײַנע:

— ערשטנס, זאָגט זי, וואו שטייט עס געשריבן, אַז מען מוז דאַווקע כאַסענע האָבן אונטער אַ כופּע און פּאַשען פרעמדע מיט אַ וועטשערע? אין קאָמוניסטישן מאַניפעסט האָב איך עס ניט באַמערקט; אין מאַרקסעס קאַפּיטאַל — אויך ניט... און ווער זאָגט עס, אַז מען קאָן ניט כאַסענע האָבן און זיך ליב האָבן אָן די שמאַטקעס? אָט אַזוי ווי איר הערט, פּאַשעט און אָפּן... און וועגן פוירבּיטשע, זאָגט זי, איז אויך די אייגענע מאַיסע: ניט איך און ניט מײַן כאָווער פאַרדינען נאָך דערווייל ניט גענוג זיך צו קאָנען פאַרגינען די בורזשואַזע באַקוועמלעכקייטן פון וואוינען צוזאַמען...

קוק איך זי אָן אַ פאַרכידעשטער:

— אָבער מילדרעד, — זאָג איך, — ביסט דאָך זײַן ווײַב. דאַרפסט דאָך פאַר אים אָפּקאָכן אַ לעפל געקעכטס, צונייען אַ קנעפּל, פאַרצערעווען אַ זאָק און טאָן נאָך אַנדערע ווײַבערישע זאַכן פאַר אים, ווי דײַן מאַמע, אַלעהאַ האַ־

שאַלעם, האָט געפּלעגט טאָן פאַר מיר... היינט דאַרפט איר דאָך זיך טרעפן אַמאָל, זיין צוזאַמען, ווי מאַן און ווייב...

לאַכט זי ווידער, די מעזינקע מיינע:

— אָ, פּאַפּ, קנעפּלעך נייט ער זיך אַליין צו, אויב ער דאַרף. צעריסענע שקאַרפּעטקעס וואַרפט ער אַרויס און קויפט זיך נייע. עסן עסט ער אין אַ רעס־טאָראַן, אויב ער האָט נאָר די פּאָר סענט און, וואָס שאַיך טרעפן זיך, טוען מיר זיך שוין ווי עס איז אָן אייצע און מיר געפינען זיך אַ פּלאַץ. אַמאָל איז עס ביי מיינס אַ כּאַווערטע, וועלכע פאַרט אַרויס אין די וואָך־סאָפן אין קעמפּ אַריין און טרעט אונדז אָפּ איר צימער. אָ, מיר גיבן זיך שוין אַן אייצע...

קוק איך ווידער אָף דער מעזינקע מיינער און איך טראַכט זיך:

„זע נאָר, אַ מאָדנע וועלט געוואָרן. מען האָט כאַסענע אַזוי זיך, אָן גאָט, אָן כופּע, און אָן אַ ראָוו. מען טראָגט ניט קיין קעדושן־רינגל — פון אַ דיימענט־רינגל איז דאָך שוין אָפּגערעדט, און דאָך איז מען זיך מאַן און ווייב, משטיינס געזאָגט...״

און זי, מיין מעזינקע, לאַכט אַלץ:

— און דאָס, פּאַפּ, וואָס מען דאַרף מער קיין באַדן ניט האָבן פאַר דער טאָכטער, איז ביי דיר שוין גאָרניט? און אויסשטייער, דראָשע־געשאַנק, פּרע־זענטן, — גאָרניט?...

שאָקל איך מיטן קאָפּ. אַלעמאַי זאָל איך זאָגן, אַז זי איז פאַרט גערעכט. דער באַדן האָט דאָך ניט איין טאַטע־מאַמע פון זינען געבראַכט... אָבער זאָגן זאָג איך עס ניט, נאָר גיי מיר ווייטער אָן מיט מיינע טאַינעס:

— גוט, זאָג איך, לאָמיר זאָגן, אַז דו ביסט גערעכט. אָבער וואָס וועט זיין, טאָכטער מיינע, טאָמער ווערסטו אים אַמאָל נימעס און ער באַשליסט דיך צו פאַרלאָזן? ווי אַזוי וועסטו קענען קריגן פון אים דיין אַלימאָניע?...

לאַכט זי ווידער:

— ווער דאַרף אַלימאָניע? וואָס בין איך, אַ פּאַרציייטיקע באַרישע אידענע, אַ שקלאַף און אומבאַהאָלפענע באַשעפעניש? נישקאָשע, מיינע הענט ליגן ניט אין קימפּעט, און פּונקט ווי איך אַרבעט היינט פאַר מיין ברויט, וועל איך דעמאָלט אויך קאָנען אַרבעטן און פאַרדינען אָף אַ לעבן פאַר זיך. נאָך מער: אַז איך וועל האָבן געגנוג און ער וועט זיך בויטיקן, וועל איך אים אַרויסהעלפן, ווען ער וועט זיך אַפילע האָבן צעגאַנגען מיט מיר... וואָרים אַ גוטער יאָט איז ער דאָך, אַן אַקטיוער קאָמוניסט אויך. אַי דאָס וואָס מיר האָבן ניט געקאָנט שטימען צווישן זיך...

קוק איך ווידער אָן מיין מעזינקע און ביי זיך אין האַרצן בין איך זי מעקאַנע. ווייל בעעמעס טאַקע: אַנדערע מיידלעך לעבן דאָך מיט דער אייב־ציקער אויסרעכענונג צו געפינען אַ מאַן, אַ פּערדעלע, וואָס זאָל אַרבעטן און איר אַהיימברענגען די „פּעידע״. און אויב אַזאַ ווערט כאַלילע אַן אַלמאָנע, ניט

דאָ געדאַכט, הערט מען דאָך ניט מער ווי איין מין קלאַג: „אַ בראָך איז צו מיר! אַף וועמען האָסטו מיך איבערגעלאָזט? ווער וועט מיך איצט שפּייזן?"... באַגרייפט נאָר אינמיסטן: „ווער וועט מיך איצט ליב האָבן"? — דאָס הערט מען דאָך אַפילע ניט...

עמעס, עס איז אַביסל פריקרע, אַז אַן אייגענע טאָכטער זאָל זיין אַזוי פריי און כאַסענע האָבן ניט לויטן אידישן דין. אָבער טיף אין האַרצן ברויזט פונדעסטוועגן אַזאַ טיפע פרייד, וואָס קוועלט אַזש אין דיר:

„אויס מיט די צעשראָקענע מיידלעך, וואָס האָבן דאָס גאַנצע לעבן געהאָפט אַף איין איינציקע זאַך: — אַ באָכער אַ פאַרדינער, וואָס זאָל קומען און אויסלייזן פונעם מיידל־גאָלעס און זי שפּייזן און קליידן... ווער מיר ליבע, וואָס מיר ליבע? מער פאַרדינסט — גרעסערע ליבע; אַ גרעסערער דיימענט־רינג — אַ הייסערער קוש!... און ערשט דערנאָך, דאָס שטענדיקע צאַפּלען זיך, טאָמער כאַלילע הערט ער אויף ליב צו האָבן און פאַרלאָזט זי?... איצט איז דאָך גאָר אַ נייע וועלט, אַ טייער לעבן!..."

אָבער אַביסעלע פריקרע איז מיר דאָך, וואָס איך, דער שווער, הייסט עס, האָב נאָך אַפילע ניט געזען דעם אייגענעם איידעם מיינעם; וואָס איך האָב נאָך אַפילע קיין איינציק וואָרט ניט אויסגערעדט מיט דער אייגענער טאָכטערס מאַן.

פונדעסטוועגן, וועל איך אייך איצט אויסזאָגן אַ סאָד, אַז אַלעוואַי האָלט איך שוין אַזוי ווייט מיט די צוויי עלטערע מיידלעך מיינע, ווי איך האָלט מיט דער מעזינקע. עס זעט אויס, אַז איך וועל זיי דאַרפן אַ טרייב טאָן אַז זיי זאָלן זיך אויך אָנשליסן אין דעם קאַמסאַ, צווישן אונדז זאָל עס בלייבן, מאָל... זאָלן זיי זיך דאָרט אויך באַקענען מיט באָכערים און קריגן זייער אויסכאַפּעניש... שאַ, און עפשער ווייסט איר פון עפּעס צוויי לייטישע יונגעלייט פאַר די צוויי מיידלעך מיינע? שיינע מיידלעך, וואוילע מיידלעך, נאָר ניט קיין פאַרטיינע... זיי זענען, ווי אַלע אַנדערע היינטצייטיקע מיידלעך, פאַרנומען מיט פּוצן זיך, מיט כיינדלען זיך, קעדיי צו געפעלן און צוציען צו זיך די יונגעלייט... איר וועט זיך, זאָג איך אייך, פאַרדינען אַ גרויסע מיצווע און איך וואָלט אייך דערצו נאָך געקויפט אַ שיינע מאַטאַנע פאַר שאַדכאָנעס־געלט. ערשט די יונגעלייט אַליין, זיי וואָלטן ביי מיר געקראָגן גאָר אַ פיינעם דראַשע־געשאַנק!...

און ביז וואָס־ווען, איז כאַי געלעבט! גיסט מיר אָן, זייט מויכל, נאָך אַ גלעזל און זינגט מיט מיר צוזאַמען:

העכער, בעסער, די ראָד, די ראָד מאַכט גרעסער,
גאָט האָט מיך איצט באַגליקט און מיר מאַזל צוגעשיקט:
די מעזינקע אויסגעגעבן, די מעזינקע אויסגעגעבן!...

* * *

באַמערקטע דרוקפעלערן:

זייט	שורע	פאַרגרייזט	דאַרף זיין:
14	18	האָסט	האָסטו
48	6	איז	איר
48	32	דעמאנט	דערמאנט
52	23	זיד	זיך
55	10	וועסאָכאַמטאָ	וועסאָמאַכטאָ
83	7	בליק	בליקן
96	9	דאַפסט	דאַרפסט
96	24	זעסט	זעסטו
172	22	עפעשר	עפשער
173	26	אַנוויקען	אַנווינקען
187	15	אַ,	אַפּ,

פון זעלבן מחבר זענען ביז איצט דערשינען די פאָלגנדיקע ביכער:

„געשלאָסענע רייען" (דערציילונגען) .... 224 זייטן, 1935

„אין אַזאַ צייט לעבן מיר" (דערציילונגען) .... 298 זייטן, 1938

„בייטשלאַנד" (אַנטי־נאַצי דערציילונגען) .... 48 זייטן, 1939

„איך בין אַרויס אַ לעבעדיקער" (באַנד 1) 1941

(מילכאָמע־טרילאָגיע וועגן דער ערשטער (באַנד 2) 900 זייטן, 1942

וועלט־מילכאָמע און רעוואָלוציע) (באַנד 3) 1944

„אַט אַזוי זעגט אַ סטאָליער" (געטאָ־דערציילונג) .... 32 זייטן, 1945

„מיט דער דראַטווע — אַ ציי" (געטאָ־דערציילונג) .... 32 זייטן, 1945

„רויטע קאַרשעלעך רייסט מען" (געטאָ־דערציילונג) ..... 32 זייטן, 1946

אינהאַלט

זייט

שאַר־בלאַט (געצייכנט פון י. זעלדין) 1

דערקלערונג פון מעכאַבער 3

ערשטער אָפּטייל, איינאַקטערס:

אַ רעפּוע (קאָמעדיע־פאַרס) 9

דאָס קייטעלע (קאָמעדיע־דראַמע) 25

אַ ווייבל אַ בעריע (קאָמעדיע־פאַרס) 41

אַ גאַסט אין שטעטל (קאָמעדיע־פאַרס) 57

פּאָעזיע און פּראָזע (קאָמעדיע) 79

צדאָקע (דראַמע) 89

אין שפּינס געוועב (דראַמע) 105

נאָך דעם פאַלן (פאַנטאַסטישע שפּיל) 121

צווייטער אָפּטייל, דעקלאַמאַציעס:

„גאַלאַטע" (באַלאַדע) 133

אין אַ ווינטער־נאַכט (באַלאַדע) 139

אין געריכט־הויז (ליד) 144

דעם האָנס אייצע (פאַבל) 145

די צוויי שפּיגלען (פאַבל) 146

די קאַץ און דער טכויר (פאַבל) 147

דער אייזל און דער פוקס (פאַבל) 148

די קאַטשקע און דער שוואַלב (פאַבל) 150

דער וואָס טרינקט זיך (פאַבל) 151

דאָס פערד און דאָס הינטל (פאַבל) 152

אַ פליג — אַ העלפאַנט (פאַבל) 153

דריטער אָפּטייל, מאָנאָלאָגן:

ווען איך זאָל זיין אַ קייסער 157

מיין וואַקאַציע 161

„עקסידענטס" 166

אויס סעילסמאַן 173

טיפּיסטקעס 179

„פּריוועט פּראָפּעטע" 185

איך האָב פיינט מוזיק 190

עמעסע ליבע 195

אידישע כוצפע 199

די מעזינקע אויסגעגעבן 203